STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10582

GEKLIBENE SHRIFTEN

Ivan Sergeevich Turgenev

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געקליבענע
שריפטען
— פון —
איוואן טורגעניעוו

איבערזעצט פון
לעאָן קאָברין

צווייטער באנד

היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני
85-83 קאַנאל סטריט, ניו יאָרק.
1911.

אינהאלט פערצייכנים

פאָעזיע אין פראָזא (1טער טהייל).

אַ בעמערקונג פון דעם איבער־זעצער 7
די דאָרף 9
דער געשפרעך..... 12
די אַלטע 14
דער הונד 17
אַ געגנער 18
דער אָרימאַן 20
ווען דו ווערסט דערהערען דעם אורטהייל פונ׳ם נאַר 21
דער צופריעדענער מענש 23
אַ פּראַקטישע עצה 24
דער וועלט־אונטערגאַנג 25
מאַשאַ 28
דער שוטה..... 30
אַ מזרח־לעגענדע 32
צוויי פיערפערזיגע..... 35
שאַרבענס 39
דער גראָבער אַרבייטער און דער מאַן מיט די עדעלע הענטלאַך 40
די ראָזע 42
צום אַנדענקען פון וו.פּ. ווּרעווּר־סקאיאַ 44
די לעצטע בעגעגעניש 46
אַ בעזוך 48
Necessitas vis Libertatis 50
נדבות 51
דאָס אינסעקט 53
באָרשץ 56
אזור־בלויע קעניגרייך 57
דער אַלטער 59
אַ קאָררעספּאָנדענט 60
צוויי ברידער..... 61
דער עגאָאיסט..... 63
די סעודה ביי׳ם כביכול 65
דער שפּערלינג־פויגעל..... 66
די נימפען..... 68
פיינד און פריינד 71

פאָעזיע און פראָזא (2טער טהייל).

אַ שטיין..... 75
טויבען 76
מאָרגען, מאָרגען 78
די נאַטור 79
וואָס וועל איך טראַכטען ? .. 81
„ווי גוט, ווי פריש זיינען געווען די בלומען...“ 85
אַ ים רייזע 87
צו נ. נ. 89
האַלט 90
דער מאָנאַך 91
מיר וועלען נאָך שטרייטען ! .. 92
תפילות 93
די רוסישע שפּראַך 94
דאָס ליעד פון דער טריאומפירענדער ליעבע 97
צוויי פריינד 133
קלאַראַ מיליטש..... 215

COLLECTION OF WRITINGS by I. S. TURGENEVE

Translated by LEON KOBRIN

Copyright 1911, by the Hebrew Publishing Company, New York.

פּאָעזיע און פּראָזאָ

(געשריעבען אינ'ם יאָהר 1878.)

ערשטע טהייל.

די דאָרף

דער לעצטער טאָג אינ'ם חודש יולי; אויף טויזענד וויאָרסט אַרום איז רוסלאַנד — דאָס פאָטערלאַנד.

מיט א גלייכער בלויקייט איז פערגאָסען געוואָרען דער גאַנצער הימעל; בלויז איין איינציג וואָלקענדעל אויף איהם — צו עס שוועבט, צו עס צוגעהט. קיין ווינטעלע, הייס... די לופט — ווארעם מילך, פון וועלכען עס שלאָגט א פּאַרע!

עס הילכען די לערכען; עס וואָרקען די פּוזאַטע טויבען; שטום פליהען אַרום די שוואַלבען; די פערד פּאָרשקען און קייען; די הינט בילען ניט, שטעהן און דרעהן רוהיג מיט די ווידלען.

און עס שמעקט מיט רויך, אי מיט גראָז — אי מיט דיעגעכץ אביסעלע — אי אביסעלע מיט פעהל. די קאַנאָפּליעס זיינען שוין באַלד רייף, האָבען זיך שוין מיט כוחות אָנגעזאַפּט, און זיי לאָזען פון זיך זייער שווערען, אָבער אנגענעהמען גערוך.

א טיעפער, אָבער ניט קיין משופּע'דיגער ראָוו. ביי די זייטען עט־ליכע ראַנדען מעער־קעפּלאַך, אָנגעשפּאָלטענע פון אונטען. איבער'ן ראָוו לויפט א שטראָהם; אויף זיין גרונט שטיינדלאַך קליינציניקע צי־טערען ווי דורך א העלען פלימערען. ווייט, אויף יענעם עק הימעל און ערד — א בלוילעכער פּאַס פון א גרויסען טייך.

פּאַזע דעם ראָוו — אויף איין זייט ציכטיגע שפּייכערלאַך, שטיי־געלאַך מיט פעסט צוגעמאַכטע טהירען; אויף דער אַנדער זייט פינף־זעקס הייזלאַך פון פיכטענהאָלץ מיט געהובעלטע דעכער. אויף יעדען דאַך אזא מין הויכער שטאַנג; אויף יעדען גאַניק אַן אויסגע־נאָסענער אייזערנער פערדעל מיט א האַרטער גריווע. די קרומע שויי־בען פון די פענסטער פינקלען פון רעגענבויגען־קאָלירען. אויף די לאָ־דענס זיינען אויסגעמאָלט קרוגען מיט בוקעטען. פאַר יעדען הייזעל

שטעהט זיך שעהן אַ בענקעלע. אויף די פּריזבעס ליגען קעץ, צונויפגע־דרעהט אין קנוילען, און אָנגעשטעלט די דורכזיכטיגע אויערען. פון הינטער די הויכע שוועלען קוקען ארויס די דונקעלע, לופטיגע פיהר־הייזער.

איך ליעג ביי סאַמען ברעג פונ'ם ראוו אויף אַן אויסגעשפּרייטער פערדישער דעקע; ארום זיינען גאַנצע קופּעס פריש־אָפּגעקאַשעטען, שטאַרק דופטענדיגען הייה. די קלוגע בעלי בתים האָבען צו־וואָרפען דעם הייה פאַר זייערע הייזלאַך, זאָל עס זיך נאָך אביסעל אַ טריקען טהאָן אויף דער זון, און דערנאָך אין פּוניע! אוי, וועט עס אביסעל וואויל זיין אויף איהם צו שלאָפען!

פון יעדער קופּע הייה שטעקען ארויס געקרויזטע קינדערשע קעפּעלאַך; קודלאַטע היהנער זוכען פליעגעלאַך אינ'ם הייה; אַ הינ־טעל מיט ווייס־געפלעקטע ליפּען גראָבט זיך דערביי אין די צופּלאָנ־טערטע הייעלאַך.

יונגע לייטלאַך מיט דונקעל־בלאָנדע האָאָר, אין ריינע, ניעדריג־אונטערגעגאַרטעלטע העמדער, אין שווערע גענקייטשטע שטיוועל, ווארפען זיך דורך צווישען זיך מיט לעבעדיגע ווערטלאַך, שטעהן צוגע־שפּארט מיט דער ברוסט צו אַן אויסגעשפּאַנטען וואָגען און לאַכען מיט די צייהן.

אַ בלוט־יונגע ווייבעלע מיט אַרונדען פּנים קוקט ארויס פון אַ פענסטער, לאַכט, צו פון זייערע ווערטער, צו פון דעם שטיעפּען פון די קינדער אין די קופּעס הייה.

אַ צווייטע בלוט־יונגע ווייבעלע שלעפּט מיט מעכטיגע הענד אַ גרויסען פייכטען עמער פון אַ ברונים... דער עמער ציטערט און שאָ־קעלט זיך אויפ'ן שטריק, פערגיסענדיג לאַנגע, פייערדיגע טראָפּענס.

פאַר מיר שטעהט די בעל הבית'טע, אַן אַלטינקע אין אַ נייעם געקעסטעלטען קלייד און אין נייע פּויערשע שיך.

אויף איהר דונקעלען, מאָגערען האַלז טראָגט זי דריי ראַנדען גרויסע, גלעזערנע פּאַטשערקעס; אויפ'ן סיווען קאָפּ איז אַ געלע טיכעל מיט רויטע פּינטעלאַך, אַרונטערגערוקט איבער'ן שטערן, ביז די סאַמע אויסגעלאָשענע אויגען.

אָבער די אַלטע אויגען שמייכלען פריינדליך, עס שמייכעלט דער צוקנייטשטער פּנים אין גאַנצען. אודאי אַ זיעבען צעהנדליג יאָהר

האָט זי אָפּגעלעבט, די אַלטינקע... און נאָך איצט קאָן מען זעהן, אַז אין איהר צייט איז זי געוועזן אַ גרויסע פּאַרשוין!

צושפּרייט די פּערברענטע פינגער פון דער רעכטער האַנד, האַלט זי אַ טאַפּ מיט אַ קאַלטען, גיט אַרונטערגענומענעם מילך, פּריש פונ׳ם קעלער; די זייטען פונ׳ם טאָפּ זיינען בעדעקט מיט טראָפּענס טהוי, אַזוי ווי מיט פּערל. אויפ׳ן דלאָן פון דער לינקער האַנד האַלט זי אַ שטיק פּרישען, נאָך — ווארעמען ברויט. זי דערלאַנגט עס מיר: „עסט, הייסט עס, געזונטינקערהייט, טהייערער גאַסט!״

אַ האָהן האָט פּלוצים אַ קרייה געטהאָן און מיט אימפּעט גענומען פּאַטשען מיט די פליגלען; אויף זיין קרייה האָט זיך אָנגערופען, ניט געאיילט, אַ קאַלב, וואָס איז דאָרט פּערשפּאַרט געוועזן.

— אוי, איז דאָס אביסעל האָבער! — הערט זיך מיין פּוהרמאַנ׳ס קול...

— אה, זאַרגלאָזיגקייט, רוהיגקייט, איבערפלוס פון דער רוסי־שער, פריייער דאָרף! אה, שטילקייט און וואוילקייט!

און מיר פאַלט איין: צו־וואָס דאַרפען מיר דאָרט אי דעם צלם אויף דעם קופּעל פון דער הייליגער סאָפיע אין דער הויפּטשטאָדט, אי די אַלע אַנדערע זאַכען, נאָך וועלכער מיר יאָגען זיך אַזוי, מיר, שטאָדטישע מענשען?

דער געשפּרעך

„ניט אויף דעם קארג יונגפרוי, ניט אויף דעם בארג פינסטעראאר האָרן האָט נאָך קיינמאָל נישט געטראָטען א מענשישע פוס!"

די שפּיצען פון די אַלפּען־בערג... א גאַנצע קייט פון געפעהרליכע אראָבגאַנגען... דאָס סאַמע האַרץ פון די בערג.

איבער די בערג א בלייך־גרינער, העלער, שטומער הימעל. א שטאַרקער, בייזער פראָסט; א האַרט, פינקלענדיג שנעע; פון אונ־טער'ן שנעע שטעקען ארויס פינסטערע שטיקער פערפראָרענע, מיט אייז־בעדעקטע פעלזען.

צוויי מורא'דיגע בערג, צוויי ריעזען טרעטען ארויס פוןביידע זייטען הימעל: יונגפרוי און פינסטעראאר האָרן.

מאַכט יונגפרוי צום שכן: — וואָס וועסטו עפּעס דערצעהלען נייעס? דו קענסט בעסער זעהן. וואָס הערט זיך דאָרט, אונטען?

עס געהן פּאַראיבער עטליכע טויזענד יאָהר: איין מינוט. און עס דונערט פינסטעראאר האָרן'ס ענטפער: — בלויז וואָלקענס — וואָלקענס פערשלייערען די ערד... וואַרט!

און עס געהן פּאַראיבער נאָך יאָהר טויזענדע: איין מינוט.

— נו, און איצט? — פרעגט יונג פרוי.

— איצט זעה איך; דאָרט, אונטען, איז אַלץ דאָס אייגענע: בונט־פּארביג, פּלאַך. די וואַסערן זיינען בלוי, די וועלדער דונקעל, די קופּעס שטיינער גרוי. נעבען זיי ווירמלען נאָך אַלץ די פּליעגען, די ווייסט, יענע צווייפיסיגע, מיין איך. וואָס האָבען נאָך קיינמאָל נישט געקאָנט פעראונרייניגען נישט מיך און נישט דיך.

— מענשען?

— יאָ; מענשען.

און עס געהן פאַראיבער נאָך יאָהר טויזענדע: איין מינוט.

— נו, און איצט? — פרעגט יונגפרוי.

— עפּעס, וואָלט איך זאָגען, אז מען זעהט ניט אזוי פיעל פליענ־לאך, ווי אמאָל — דונערט פינסטעראַרר־האָרן — ליכטיגער, העלער איז געוואָרען אונטען; די וואסערן זיינען שמאָלער געוואָרען; די וועל־דער שיטערער.

און עס זיינען אוועק נאָך יאָהרטויזענדע: איין מינוט.

— וואָס זעהסטו? — פרעגט יונגפרוי.

— נעבען אונז, דערביי, האָט זיך ווי אָפּגערייניגט — דונערט פינסטעראַאר־האָרן — און דאָרט, ווייט, אין די טהאָלען, זיינען נאָך פארהאן פלעקען, און עפּעס ריהרט זיך דאָרט.

— און איצט? — פרעגט יונגפרוי, בעת עס זיינען פאַראיבער נאָך יאָהרטויזענדע — איין מינוט.

— איצט איז גוט — ענטפערט פינסטעראַאר־האָרן — ציכטיג גע־וואָרען אומעדום, גאַנץ ווייס, וואוהין דו זאָלסט ניט א בליק טהאָן... אומעדום אונזער שנעע, פעלדער שנעע, און אייז. פערגליווערט איז אַלעס. איצט איז גוט, רוהיג.

— גוט — האָט ארויסגערעדט יונגפרוי — אָבער גענוג געשמוס־עסט, אַלטער — שוין צייט א דרעמיל צו כאַפּען.

— שוין צייט!

עס שלאָפען די ריעזען־בערג; עס שלאָפט דער גרינער, העלער הימעל איבער דער אויף אייביג פערשטוממטער ערד.

די אַלטע

איך בין געגאַנגען איבער א ברייטען פעלד, אליין.

און פּלוצים האָבען זיך מיר אויסגעוויזען לייכטע, פאַרזיכטיגע טריט אהינטער מיין רוקען... עמיצער איז נאָכגעגאַנגען מיינע טריט.

איך האָב זיך אומגעקוקט — א קליינצינקע, איינגעהויקערטע אַלטינקע האָב איך דערזעהן, אין גאַנצען איינגעהילט אין גרויע שמאַטעס. בלויז איהר פּנים האָט זיך פון צווישען זיי ארויסגעזעהן: א געל, צוקנייטשט פּנים, מיט א שפּיציגער, שאַרפער נאָז און אָהן צייהן.

איך בין צוגעגאַנגען צו איהר... זי האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— ווער ביזטו? וואָס פערלאַנגסטו? דו ביזט א בעטלערקע? ווילסט א נדבה?

די אַלטינקע האָט ניט געענטפערט. איך האָב זיך צוגעבויגט צו איהר און האָב בעמערקט, אזביידע אויגען זיינען ביי איהר פערצויגען מיט א ווייסליכען, דורזיכטיגען הייטעל, וואָס מען זעהט ביי מאַנכע פייגעל, וועלכע בעשיצען מיט זיי די אויגען פון צו העלען ליכט.

נור ביי דער אַלטינקער האָט זיך דאָס דאָזיע הייטעל ניט בעוועגט און אין גאַנצען פערדעקט די שוואַרץ־אפּעל... פון וואָס איך האָב געדרונגען, אז זי איז א בלינדע.

— ווילסט א נדבה? — האָב איך ווידער געפרעגט — וואָרום געהסטו מיר נאָך? — אָבער די אַלטינקע האָט אַלץ ניט געענטפערט, האָט זיך נור עטוואָס צונויפגעקאַרטשעט.

איך האָב זיך פון איהר אָפּגעקעהרט און בין ווייטער אוועק מיין וועג.

און דערנאָך הער איך ווידער הינטער זיך איהרע טריט, לייכטע, שטילע, ווי גנב׳ישע טריט...

— ווידער דיעזע פרוי! — האָב איך א טראַכט געטהאָן — וואָס איז זי צו מיר צוגעשטאַנען? — און גלייך האָב איך זיך געענטפערט. מסתמא האָט זי בלינדערהייט דעם וועג פערלאָרען, איצט הערט זי זיך צו צו מיינע טריט און געהט מיר נאָך, כדי צוזאַמען מיט מיר צו א מענשליכען הויז זיך דערשלעפען. יאָ, יאָ, זיכער אַזוי.

אָבער ביסלעכווייז האָט א מאָדנע אונרוהיגקייט מיינע געדאַנקען ארומגענומען: מיר האָט זיך געגומען דאַכטען, אז די דאָזיגע אַלטינקע ניט־נור וואָס זי געהט ניט נאָך נאָך מיר, נור אַז איך אליין ווער גע־ריכטעט אין מיין וועג פון איהר, אַז זי שטופּט מיך דאָ אויף רעכטס, דאָ אויף לינקס און אַז איך פאָלג זי געגען מיין ווילען.

דאָך, איך געה ווייטער... נור אָט, אין פאָראויס, אויפ׳ן סאַמען וועג מיינעם, דונקעלט עפּעס, צוציהט זיך אין דער ברייט... עפּעס א גרוב... „א קבר!" — האָט מיר א זעץ געטהאָן אינ׳ם מוח. אָט וואוהין זי שטופּט מיך!

איך טהו זיך א כאַפּ צוריק. די אַלטע איז ווידער פאַר מיר... אָבער זי זעהט! זי קוקט אויף מיר מיט גרויסע, בייזע, מורא׳דיג־בייזע אוי־גען... מיט אויגען פון א ווילדען פייגעל... איך נעהם זיך רוקען צו איהר פּנים, צו איהרע אויגען... ווידער דאָס דונקעל, פערגליווערט הייטעל, דער פריהערדיגער בלינדער, טעמפּער אנבליק...

— אך! — טראַכט איך מיר... דיזע אַלטע איז מיין שיקזאַל. יענער שיקזאַל, פון וועלכען דער מענש קען נישט אַנטלויפען!

— קען נישט אַנטלויפען! קען נישט אַנטלויפען! — וואָס פאַר א משוגעת... מען דאַרף פּרובען... און איך טהו זיך א וואַרף אָן א זייט, אין אַן אַנדער ריכטונג.

איך געה געשיקט, שנעל... אָבער די לייכטע טריט הערען זיך פּונקט ווי פריהער הינטער מיר, זיי שאַרשקען נאָהענט, נאָהענט... און אין פאָראויס זעהט זיך ווידער די פינסטערע גרוב...

און איך נעהם זיך ווידער אַן אַנאַנדער ריכטונג... און ווידער יע־נער שאַרשקען אהינטער, און יענער מורא׳דיגער פלעק אין פאָראויס.

און וואוהין איך וואַרף זיך ניט, ווי א פערפאָלגטער האַז... אַלץ דאָס אייגענע, דאָס זעלבע!

— ווארט! — טראכט איך מיר — איך וועל זי שוין אפּנארען! איך וועל ערגעץ ניט געהן! — און גלייך זעץ איך זיך אויף דר'ערד.

די אלטע שטעהט אהינטער, א צוויי טריט פון מיר. איך הער זי ניט, אבער איך פיהל, אז זי איז דא.

און מיט אמאל זעה איך: יענער פלעק, וואס האט אין דער ווייטען געדונקעלט, שווימט, קריכט אליין צו מיר!

מיין גאט! איך קוק זיך אום אהינטער... די אלטע קוקט מיר גלייך אין פּנים — און איהר מויל אהן ציינער איז פערקרימט פאר שפּאט...

— דו וועסט זיך ניט ארויסדרעהן!

דער הונד

מיר זיינען באַנאַנד אינ'ם צימער — מיין הונד און איך... אין דרויסען יאָמערט אַ מורא'דיגער שטורם.

דער הונד זיצט געגען מיר — און קוקט מיר גלייך אין די אויגען אריין.

און איך קוק אויך איהם אין די אויגען אריין.

דאכט זיך, ער וויל מיר עפּעס זאָגען. ער איז שטום, אָהן לשון, ער אַליין פערשטעהט זיך ניט, איך אָבער פערשטעה איהם.

איך פערשטעה, אַז אין דער דאָזיגער רגע צאַפּעלט זיך דאָס זעלבע געפיהל אי אין איהם, אי אין מיר, אַז צווישען אונז איז קיין חילוק נישטאָ. מיר זיינען די אייגענע; אין יעדען פון אונז ברענט און לייכט דאָס אייגענע צאַפּעלדיגע פייערל.

עס וועט קומען צופליהען דער טויט, וועט אַ פאָכע טהאָן מיט זיין קאַלטען, ברייטען פליגעל...

— און אַ סוף!

— ווער וועט דערנאָך זיך קענען אויף זיכער פונאַנדערקלייבען, וואָס פאַר אַ פייער האָט אין יעדען פון אונז געברענט?

ניין! ניט קיין מענש און חיה קוקען זיך דאָס אין די אויגען אריין...

צוויי פּאָאָר גלייכע אויגען זיינען געריכטעט איינע אויף די אַנדערע.

און אין יעדע פון די דאָזיגע פּאָאָר סיי ביי דער חיה און סיי ביי דעם מענשען — דריקט זיך גלייך צושראָקען דאָס זעלבע לעבען צום אַנדערן.

א געגנער

איך האָב געהאַט אַ חבר, איז ער געוועזן מיינער אַ געגנער, ניט אין דער אַרבייט און בעשעפטיגונג און ניט אין ליעבע, נור אונזערע שטאַנדפּונקטען זיינען געוועזן פערשיעדענע, און יעדעס מאָל, בעת מיר האָבען זיך געטראָפען, האָבען מיר געהאַט לאַנגע ויכוחים.

און ויכוחים האָבען מיר געפיהרט איבער אַלעס: איבער קונסט, רעליגיאָן, וויסענשאַפט, איבער דער וועלט און יענער וועלט, בעזאָנדערס איבער יענע וועלט.

ער איז געוועזן אַ מענש אַ גלויביגער און אַ בעגייסטערטער.

איינמאָל האָט ער צו מיר געזאָגט:

— דו לאַכסט זיך אויס פון אַלעס; אָבער אויב איך וועל שטאַרבען פריהער פאַר דיר, וועל איך צו דיר קומען פון יענער וועלט... מיר וועלען זעהן, אויב דו וועסט דעמאָלט לאַכען?

און ער איז טאַקי געשטאָרבען פריהער פאַר מיר, נאָך גאָר אַ יונגערמאַן; יאָהרען זיינען אַוועק, און איך האָב פערגעסען אויף זיין פערשפּרעכען, צו קומען צו מיר פון יענער וועלט.

איינמאָל ביינאַכט בין איך געלעגען אין בעט און ניט געקענט און ניט געוואָלט איינשלאָפען.

אין'ם צימער איז געוועזן נישט דונקעל און נישט העל; איך האָב גענומען קוקען אין די גרויע האַלב דונקעלהייט אריין.

און פּלוצים האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אַז צווישען די צוויי פענסטער שטעהט מיין געגנער און שאָקעלט שטיל און טרויעריג מיט'ן קאָפּ פון אויבען אַרונטער.

איך האָב זיך ניט דערשראָקען, אפילו זיך ניט פערוואונדערט.

נור אויפגעהויבען זיך אביסעלע העכער און אנגעשפארט זיך אן עלענ־בויגען, האב איך זיך נאך מעהר איינגעגעסען מיט די אויגען אין דער־געשטאלט, וואס האט זיך אזוי פלוצים בעוויזען.

יענער האט אלץ געשאקעלט מיט׳ן קאפ.

— וואס? — האב איך צום סוף ארויסגערעדט — דו טריאומ־פירסט? אדער דו האסט פערדרוס? וואס מיינט עס: א ווארנונג אדער א פארוואורף?... אדער דו ווילסט מיר געבען צו פערשטעהן, אז דו ביזט אונגערעכט געוועזן? אז מיר ביידע זיינען געוועזן אונגערעכט? וואס טהוט זיך דארט? ליידעסטו דארט די יסורים פונ׳ם גהינום? די פערגעניגענס פונ׳ם גן עדן? ענטפער כאטש אייןווארט!

אבער מיין געגנער האט ניט ארויסגעלאזט קיין פיפס אפילו, האט בלויז טרויעריג און מיט הכנעה דעם קאפ געשאקעלט, ווי פריהער, פון אויבען ארונטער.

איך האב זיך צולאכט... ער איז פערשוואונדען.

דער אָרימאַן

איך געה מיר אמאָל איבער דער גאַס... שטעלט מיך אָפּ אן אָרי־מאַן, אן עלטערער מענש, א צובראָכענע כלי.

קראנקע, טרערענדיגע אויגען, בלויע ליפּען, גראָבע שמאטעס, מיאוס׳ע, אונרייניגע וואונדען... אה, ווי העסליך האָט די אָרימקייט ארומגעשונדען די דאָזיגע אונגליקליכע באַשעפעניש!

ער האַלט אויסגעשטרעקט צו מיר א רויטע, אנגעשוואָלענע, שמו־ציגע האַנד... ער קרעכצט, ער בעט א נדבה.

הויב איך אָן צו זוכען ביי זיך אין אַלע קעשענעס... ניטאָ! ניט דאָס בייטעל, ניט דער זייגער, ניט א טיכעל אפילו... איך האָב מיט זיך גאָר נישט גענומען.

און דער אָרימאַן וואַרט אַלץ... און זיין אויסגעשטרעקטע האַנד טרייסעלט זיך שוואַך און ציטערט.

— האָב קיין פעראיבעל נים, ברודער, איך האָב ביי זיך גאָר נישט.

דער אָרימאַן האָט אָנגעשטעלט אויף מיר זיינע קראנקע אויגען; זיינע בלויע ליפּען האָבען א שמייכעל געטהאָן און פון זיין זייט האָט ער פעסט א דריק געטהאָן מיינע קאַלטע פינגער.

— מילא, ברודער — האָט ער ארויסגעשאָמקעט — דערפאַר אויך א דאנק, דאָס איז אויך א נדבה, ברודער.

איך האָב פערשטאַנען, אז איך אויך האָב א נדבה בעקומען פון מיינעם א ברודער.

„ווען דו וועסט דערהערען דעם אורטהייל פונ׳ם נאַר..." *)

פּושקין.

„ווען דו וועסט דערהערען דעם אורטהייל פונ׳ם נאַר..." דו האָסט תמיד געערדט דעם אמת, דו גרויסער דיכטער אונזערער; דו האָסט די וואהרהייטען געזאָגט דאָס מאָל אויך.

„דער אורטהייל פונ׳ם נאַר און דאָס געשפּאָט פונ׳ם המון"... ווער האָט ניט פערזוכט אי דיזעס אי יענעס?

אַלעס מאָג מען און מען דאַרף איבערטראָגען; און ווער עס קאָן — זאָל ענטפערען מיט פעראַכטונג!

אָבער עס גיבען קלעפּ, וואָס טרעפען מיט מורא׳דיגע וועהטאָגען אינ׳ם סאַמען הארצען... אַ מענש האָט געטהאָן אַלעס, וואָס ער האָט געקאָנט; האָט געאַרבייט שווער, עהרליך און מיט ליעבע... און עהרליכע נשמות קעהרען זיך אָפּ פון איהם מיט עקעל; עהרליכע געזיכטער צינדען זיך אָן מיט צאָרן, בעת מען דערמאָנט זיין נאָמען! „אוועק! פון די אויגען אוועק!" — שרייען צו איהם עהרליכע יונגע שטימען.

*) די דאָזיגע פּאָעמא אין פּראָזע האָט דער גרויסער רוסישער שריפטשטעלער אָנגעשריעבען אַלס ענטפער צו זיינע קריטיקער, וואָס האָבען איהם אַ געוויסע צייט בעשולדיגט, אז ער האָט פעררעטהען די ראַדיקאַלע יוגענד פון רוסלאַנד, אז ער מאָלט זי אומיסטנע שוואַרץ, ווייל זי איז איהם אונסימפּאַטיש מיט איהרע ראַדיקאַלע אידעען. טורגעניעוו׳ן האָט עס וועה געטהאָן און אַלס ענטפער האָט ער אָנגעשריעבען די דאָזיגע פּאָעמא, נעהמענדיג אַלס מאָטטאָ פאַר איהר דעם בעוואוסטען פערז פון פּושקינ׳ס אַ געדיכט.

ל. ס.

— „מיר דארפען ניט נישט דיך און נישט דיין ארבייט, דו פעראונ־רייניגסט אונזער היים, דו קענסט אונז ניט און פערשטעהסט אונז ניט... דו ביזט אונזער שונא!״...

וואס זאל דעמאלט טהאן אזא מענש? זאל ער ווייטער ארביי־טען, ניט פרובען זיך צו פערענטפערען און ניט ווארטען אפילו אויף א מעהר גערעכטע אפשעצונג.

אמאל האבען די ערד־ארבייטער פערשאלטען דעם רייזענדען, וואס האט צו זיי געבראכט קארטאפעל, דאס היינטיגע טעגליכע שפייז פון דעם ארימאן... פון די אויסגעשטרעקט צו זיי הענד האבען זיי די טהייע־רע מתנה, ארויסגעשלאגען, זי אין שמוץ געשליידערט און מיט די פיס אויף איהר געטופעט.

היינט חיות׳ן זיי זיך מיט איהר און ווייסען אפילו ניט דעם נאמען פון יענעם וואוילטהעטער זייערען.

אויף רעכט! וואס דארפען זיי זיין נאמען? אהן א נאמען רא־טעוועט ער זיי אויך פון הונגער.

זאלען מיר זיך נור סטארען, אז דאס, וואס מיר ווילען צו זיי ברענגען, זאל באמת זיין א ניצליכע שפייז.

ביטער איז א ניט גערעכטער פארוואורף, ווען עס מאכען איהם מענשען, וואס דו האסט ליעב... אבער איבערטראגען קאן מען דאס אויך...

— שלאג מיך, נור הער מיך אויס! — האט געזאגט דער אטהעני־שער פיהרער צום ספארטאנישען.

— שלאג מיך, נור זיי געזונד און זאט — דארפען זאגען אויך מיר.

דער צופריעדענער מענש

איבער אַ גאַס אין דער הויפּשטאָדט פליהט פערהאוועט נאָך גאָר אַ יונגער מענש. זיינע בעוועגונגען זיינען פרעהלאַך, לעבעדיג, זיינע אויגען שטראַהלען, זיינע ליפּען שמייכלען צופריעדען, זיין פּנים דריקט אוים התפּעלות און אין גאַנצען איז ער — צופריעדענהייט און פרייד.

וואָס איז די גדולה מיט איהם? האָט ער אַ ירושה געקראָגען? האָט מען איהם דעם ראַנג געהעכערט? אָדער איילט ער אפשר גאָר אויף אַ ליעבעס ראַנדעוואו? אָדער פּשוט — ער האָט גוט אָפּגעגעסען און דאָס געפיהל פון געזונד, פון זאַטע קרעפטען האָט זיך צושפּיעלט אין אַלע זיינע גליעדער? צו האָט ער גאָר ניט געקראָגען אַ סטאַניסלאַוואָרדען?

ניין. ער האָט אויסגעטראַכט אַ בלבול אויף זיינעם אַ בעקאַנטען, האָט איהם גוט צושפּרייט איבער דער שטאָדט, האָט איהם היינט, דעם בלבול הייסט עס, אליין געהערט פון דעם מויל פון אַ צווייטען בעקאַנטען און אליין איהם פיר אַן אמת אָנגענומען...

אה, ווי צופריעדען, ווי גוט זאָגאר איז אין דיעזער מינוט דער דאָזיגער ליעבער, פיעל-פערשפּרעכענדער יונגער מאַן!

א פראקטישע עצה

אויב איהר ווילט אָנפייפען אָדער זאָגאר שעדיגען אייערען א געגנער — מאַכט צו מיר איינמאָל אַן אַלטער דורכגעטריבענער קערל — בעשולדיגט איהם נור אין די פעהלערען, וואָס איהר אליין האָט. ווייזט ארויס אייער אויפרעגונג און ווארפט איהם אויף די דאָזיגע פעהלערען!

ערשטענס, וועלען דעמאָלט אַנדערע מיינען, אַז איהר אליין זייט א צדיק; צווייטענס, קאָן אייער אויפרעגונג דאַן זיין זאָגאַר אויפריכ־טיג... איהר קאָנט דורך דעם אויסגיסען אייערע אייגענע געוויסענס־ביסע.

למשל, אויב איהר אליין זייט א רענעגאַט, ווארפט אויף אייער געגנער, אַז ער איז א מענש אָהן איבערציינגונגען!

אויב איהר אליין זייט אין אייער נשמה א שקלאַף, ווארפט איהם אויף, אַז ער איז א שקלאַף... א שקלאַף פון דער ציוויליזאציאָן, פון איי־ראָפּא, פון דעם סאָציאַליזמוס!

— קאָן מען זאָגאר זאָגען: א שקלאַף פון געגענ־שקלאַפעריי?

— דאָס קאָן מען אויך — האָט אונטערגעכאַפּט דער דורכגעטריע־בענער קערל.

דער וועלט־אונטערגאנג

(א חלום.)

מיר האט זיך געחלום'ט, איך בין ערגעץ־וואו אין רוסלאנד, אין א פערוואָרפענעם געגענד, אין אַן איינפאַכען פויערשען הויז.

דאָס צימער איז א גרויסעס, א ניעדריגעס, מיט דריי פענסטער. די ווענד זיינען אויסגעווייסט מיט ווייסער פארב; קיין מעבעל איז נישטאָ. פאר'ן הויז ציהט זיך א וויסט, פלאך שטיק לאנד ביז ווייט ארונטער; א גרויער, איינפארביגער הימעל הענגט איבער איהם, ווי א פאָרהאנג.

איך בין ניט אליין; א מאן צעהן זיינען מיט מיר אינ'ם צימער, פשוטע מענשען, אָנגעטאָן פשוט. זיי געהן ארום הין און צוריק, אהער און אהין און שווייגען, אזוי ווי זיי וואָלטען זיך גע'גנב'עט. זיי מיידען אוים איינער דעם אַנדערן — און, דאָך, ווארפען זיי אונרוהיגע בליקען איינער אויפ'ן צווייטען.

ניט איינער פון זיי וויים, ווי אזוי ער קומט אין דעם דאָזיגען הויז און וואָס זיינען עס פאר א מענשען מיט איהם? אויף אלע פנים'ער ליעגט אַן אונרוהיגקייט און א שמאכטען... אלע נאָך דער רייהע נאָך געהן צו צו די פענסטער און קוקען זיך ארום, אזוי ווי זיי וואָלטען זיך אויף עפּעס געריכט פון דרויסען.

דערנאָך הויבען זיי אָן ווידער צו מעסטען דאָס צימער אין דער לענג און אין דער ברייט.

צווישען אונז דרעהט זיך אויך ארום א קליין אינגעל; פון צייט־צו־צייט קוויטשעט ער מיט א דין, איינטאָניג קול'כעלע: „טאטוניו, איך האָב מורא!" מיר ווערט נישט גוט אויפ'ן הארצען פון דעם דאָזי־

גען קוויטשען און איך הויב זיך אָן אויך צו שרעקען... פאַרוואָס? איך ווייס אליין ניט. איך פיהל בלויז: אַן אונגליק קומט, אַ גרויס אונגליק.

און דאָס אינגעל שווייגט אַ ווײַלע, שווייגט און ווידער געקוויטשעט. אָך, ווי רייסט מען זיך ארויס פון דאַנען! ווי עס שטיקט! ווי שווער... אָבער ארויסרייסען זיך איז אונמעגליך.

דער הימעל איז ווי מיט תכריכים בעצויגען. און קיין ווינד איז נישטאָ... וואָס איז דאָס — איז דען די לופט געשטאָרבען?

פּלוצים איז דאָס אינגעל צוגעשפּרונגען צום פענסטער און האָט גענומען שרייען מיט דעם זעלבען רחמנות'דיגען קוויטש:

— זעהט! זעהט! די ערד איז איינגעפאַלען!

— איינגעפאַלען? וואָס הייסט?...

אמת: פריהער האָט זיך פאַר'ן הויז געצויגען פלאַקלאַנד — און איצט שטעהט עס אויף אַ שפּיץ פון אַ מורא'דיגען באַרג! דער הימעל־האָריזאָנט איז איינגעפאַלען, פערזונקען געוואָרען אונטען — און פון סאַמע הויז לאָזט זיך אַרונטער אַן אָבגעהאַקטער, שוואַרצער וועג, ווי אַ צוגראָבענער, וואָס בלייבט דאָרט הענגען אין דער לופטען.

מיר שטעהן אַלע ביי די פענסטער און פרירען פאַר שרעק.

— אָט איז דאָס! אָט איז דאָס! — מורמעלט מיין שכן.

און אָט, איבער דער לענג פון דעם ווייטען גרענעץ פון דער ערד האָט זיך עפּעס אַ ריהר געטהאָן, עס האָבען זיך גענומען הויבען און זינקען עפּעס קליינע, רונדע בערגלאַך.

— דאָס איז דער ים! — האָבען מיר אַלע אין איין צייט אַ טראַכט געטהאָן — ער וועט אונז פערטרינקען. אָבער ווי קאָן ער וואַקסען און אויפהויבען זיך אַזוי הויך? אויף דעם דאָזיגען שווערען באַרג?

און דאָך וואַקסט ער, וואַקסט מורא'דיג... שוין ניט קיין איינציגע בערגעלאַך יאָגען זיך דאָרט אין דער ווייטקייט... איין איינציגע צו־נויפגענאָסענע, מורא'דיגע כוואַליע כאַפּט ארום דעם גאַנצען הימעל־האָריזאָנט.

זי פליהט, פליהט אויף אונז! מיט פראסטיגען שטורם טראגט זי זיך, דערהט זיך אין געדיכטען חושך. אלעס ארום האט אויפגעציטערט — און דארט, אין דער דאזיגער פליהענדיגער מורא'דיגער משא, הערט זיך א טרעסצען, א דונערען און א שטאהלענער בילען פון טויזענדע העלזער . . .

הא! וואס פאר א יללות, וואס פאר א יאמער! דאס האט די ערד א יללה אויפגעהויבען פאר שרעק...

דאס איז איהר סוף! א סוף צו אלעם!

דאס אינגעל האט נאך אמאל א קוויטשע געטהאן... איך האב זיך געוואלט אנכאפען פאר די חברים — נור מיר זיינען שוין דער־שטיקט, בעגראבען, פערטרונקען און פערטראגען פון יענער, ווי טינט שווארצער, אייזיגער, פילדערענדיגער כוואליע!

פינסטערניש.. אייביגע פינסטערניש!

קוים אבציהענדיג דעם אטהעם, האב איך זיך אויפגעכאפט.

מאַשאַ

מיט יאָהרען און יאָהרען צוריק, וואוינענדיג אין פעטערסבורג, האָב איך יעדעס מאָל, בעת מיר איז אויסגעקומען צו דינגען א פוהר־מאַן, פערפיהרט מיט איהם א שמועס.

בעזאָנדערס האָב איך ליעב געהאַט צו שמועסען מיט די ביינאַכ־טיגע פוהרמאַנעס, אָרימע פויערים, וואָס זיינען געקומען נאָך דער הויפּשטאָדט פון די דערפער מיט געפּארבטע שליטלאַך און מאָגערע שקאַפּעס — אין דער האָפנונג צו פערדיענען אויף ברויט פאַר זיך און אָפּצושפּאָרען אויף די צינזען פאר זייערע פּריצים.

דינג איך איינמאָל אזא פוהרמאַן... א שייגעץ פון א יאָהר צוואַנ־ציג, א געוויקסיגער, א שטאַרק־געבויטער, א כוואַט פון כוואַטענ־לאַנד; אויגען בלויע, באַקען רויטע; דונקעל־בלאָנדע האָאָר קרויזען זיך אין רינגלען פון אונטער דעם אַרונטערגערוקטען אויף די סאַמע ברעמען פערלאַטעטען היטעל — און ווי אַזוי איז אַרויפגעקראָכען דער דאָזיגער צוריסענער פויערים־בגד אויף די ברייטע, מעכטיגע פּלייצעס איז געווען א וואונדער טאַקי!

פונדעסטוועגען איז דער שעהנער, ניט־בעוואַקסענער פּנים פון'ם פוהרמאַן געווען טרויעריג און חושך.

איך האָב זיך צורעדט מיט איהם, און אין זיין קול האָט זיך גע־הערט א טרויער.

— וואָס, ברודערקע? — האָב איך איהם געפרעגט — וואָרום ביזטו ניט פרעהלאַך? אָדער האָט דיך עפּעס א צרה געטראָפען?

דער שייגעץ האָט מיר ניט גלייך געענטפערט.

— יאָ, פּריץ, א צרה האָט מיך געטראָפען, א צרה — האָט ער צום סוף אַרויסגערעדט — און נאָך וואָס פאַר א צרה, קיין בעסערע דאַרף מען זיך גאָר ניט ווינשען. דאָס ווייב איז ביי מיר געשטאָר־בען.

— דו האסט זי געליעבט... דיין ווייב, מיין איך?

דער שייגעץ האט זיך ניט א קעהר געטהאן צו מיר, האט בלויז דעם קאפ אביסעלע איינגעבויגט.

— געליעבט, פריץ. שוין א געשיכטע פון באלד אכט חדשים... און קען ניט פערגעסען... עס געהט מיר אויס דאס הארץ... און א סוף! און פון וואנען זי איז געשטארבען? א יונגע! א געזונדע!.. אין איין טאג האט די כאליערע זי גע'פטר'ט...

— און זי איז ביי דיר געוועזן א גוטע?

— אך, פריץ! — האט ער שווער א זיפץ געטהאן — און ווי צופריעדען מיר האבען געלעבט מיט איהר! אהן מיר איז זי דארט אויסגעגאנגען. איך, בעת איך האב זיך דא דערוואוסט, אז מען האט זיך הייסט עס, שוין בעגראבען, בין איך גלייך אוועקגעלאפען אין דארף, אהיים. געקומען אהין. שוין געוועזן נאך האלבע נאכט. בין איך אריין צו זיך אין שטיבעל, האב זיך אוועקגעשטעלט אין מיטען און רוף מיר אזוי פאמעלכעל: „מאשא! א מאשא!" קיינער ענטפערט ניט בלויז דער גריל טרעסצעט. האב איך זיך דא פונאנדערגעוויינט, געזעצט זיך אויף דער פאדלאגע פון דעם שטיבעל און טהו מיר אזוי א זעץ מיט'ן לאדאן איבער דר'ערד!

— פרעסערקע — זאג איך — דו האסט אויפגעפרעסען זי... פרעס־זשע אויף מיך אויך! — אך, מאשא!

— מאשא! — האט ער פלוצים צוגעלייגט שטילער. און, ניט ארויסלאזענדיג די לייצעס פון די הענד, האט ער ארויסגעדריקט פון די אויגען א טרעהר, ארונטערגעטרייסעלט זי א שאר געטהאן זי אן א זייט, מיט די אקסלען א דרעה געטהאן און מעהר שוין קיין ווארט ניט ארויסגערעדט.

ארונטערקריכענדיג פון דעם שליטען, האב איך איהם אן איברי־גען האלבען רובעל געגעבען. ער האט זיך ניעדרריג א נויג געטהאן צו מיר, אנגעהמענדיג מיטביידע הענד דאס היטעל, און זיך אוועקגע־שלעפט טריט ביי טריט איבער דעם שנעע־טישטוך פון דער לעערער גאס, וואס איז פערגאסען געוועזן מיט'ן גרויען נעבעל פון יאנווארישען פראסט!

דער שוטה

עס האָט געלעבט אמאָל אויף דער וועלט א שוטה. א לאַנגע צייט האָט ער געלעבט אָהן זאָרגען; אָבער ביסלעכווייז האָבען אָנגעהויבען צו דערגעהן צו איהם קלאַנגען, אַז מען האַלט איהם אומעדום פאר א שוטה, אָהן א טראָפּען מאַרך אינ'ם מוח.

איז דער שוטה צומישט געוואָרען און אָנגעהויבען צו זאָרגען, ווי אזוי מאכט מען א סוף צו אזוינע קלאַנגען?

צום סוף, האָט אַן אונגעריכטער געדאַנק בעלייכטעט זיין פינס־טערען מוח'ל... און ניט לאַנג טראַכטענדיג, האָט ער דעם דאָזיגען געדאַנק אויסגעפיהרט.

עס האָט זיך איהם געטראָפען אויף דער גאַס א בעקאַנטער און גענומען הויבען א בעוואוסטען מאָהלער...

— גאָט איז מיט אייך! — האָט אויסגעשריען דער שוטה — דער דאָזיגער מאָהלער איז שוין לאַנג אָפּגעגעבען אין אַרכיוו... איהר ווייסט עס גאָר ניט? איך האָב עס פון אייך ניט ערוואַרטעט... איהר זייט — אַן אָפּגעשטאַנענער מענש.

דער בעקאַנטער האָט זיך דערשראָקען — און באַלד טאַקי מיט איהם איינגעשטימט.

— וואָס פאר א פּראַכטפולען בוך איך האָב היינט געלעזען! — האָט איהם דערצעהלט א צווייטער בעקאַנטער.

— גאָט איז מיט אייך! — האָט אויסגעשריען דער שוטה — ווי שעהמט איהר זיך ניט? דאָס דאָזיג בוך טויג אויף כפּרות, אַלע האָבען עס שוין לאַנג אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנד. איהר ווייסט עס גאָר ניט? — איהר זייט — אַן אָפּגעשטאַנענער מענש.

און דער דאָזיגער בעקאַנטער האָט זיך אויך דערשראָקען — און איינגעשטימט מיט'ן שוטה.

— וואָס פאַר אַ וואוילער מענש איז מיין פריינד נ. נ.! — האָט געזאָגט צום שוטה אַ דריטער בעקאַנטער — אָט דאָס הייסט אַן אמת עדעלע זעעל!

— גאָט איז מיט אייך! — האָט אויסגעשריען דער שוטה — נ. נ. איז דאָך אַ בעוואוסטער טויגעניכטס! זיינע אייגענע קרובים האָט ער בע'גזל'ט. ווער ווייסט עס דען ניט? איהר זייט — אַן אָפּגע־שטאַנענער מענש!

דער דריטער בעקאַנטער האָט זיך אויך דערשראָקען און איינגע־שטימט מיט'ן שוטה און זיך ניט גע'חבר'ט מעהר מיט זיין פריינד.

און וועמען און וואָס מען האָט ניט געלויבט פאַר דעם שוטה — ביי איהם איז אויף אַלעם געווען איין ענטפער.

אַמאָל האָט ער נאָך צוגעלייגט מיט אַ פאָרוואורף:

— און איהר גלויבט נאָך אַלץ אין אויטאָריטעטען?

— אַ שלאַק! אַ גיעפטיגער מענש! — האָבען גענומען ריידען וועגען שוטה זיינע בעקאַנטע — אָבער וואָס פאַר אַ קאָפּ!

— און וואָס פאַר אַ צונג! — האָבען צוגעגעבען אַנדערע — אַה, יאָ, ער איז אַ טאַלענט!

עס האָט זיך געענדיגט מיט דעם, אַז אַן ארויסגעבער פון אַ צייטונג האָט פאָרגעלייגט דעם שוטה צו פיהרען די קריטישע אָבטהיי־לונג ביי איהם.

און דער שוטה האָט אָנגעהויבען צו קריטיקירען אַלעם און אַלע־מען, ניט בייטענדיג אויף אַ האָאָר ניט זיין שטייגער און ניט זיינע אויסגעשרייען.

היינט איז ער, וועלכער האָט אַמאָל געליאַרמט געגען אויטאָרי־טעטען, אַליין אַן אויטאָריטעט, און יונגע לייט פערגעטערען איהם און — האָבען פאַר איהם מורא...

און ווי אַזוי זאָלען די יעניגע לייט איהם ניט פערגעטערען? הגם מען דאַרף ניט — בכלל גערעדט — פערגעטערען... אָבער גיה פער־געטער ניט, קענסט נאָך, חלילה אריינפאַלען אין דעם צעטעל פון אָפּגע־שטאַנענע מענשען!

אַ לעבען איז דעם שוטה צווישען פייגלינגע.

א מזרח־לעגענדע

ווער קען ניט אין באגדאד דעם גרויסען דזשיאפאר, די זון פון דער וועלט?

איינמאל — מיט א סך יאהרען צוריק — ער איז נאך געווען א יונגער בחור — האט דזשיאפאר געשפאצירט אין די געגענדען ארום באגדאד.

פלוצים האט זיך צו איהם דערטראגען א הייזעריגער געשריי: עמיצער האט פערצווייפלעט גערופען אום הילף.

דזשיאפאר האט זיך אויסגעצייכענט צווישען די בחורים אין זיין אלטער מיט זיין שכל און אויסגערעכענטקייט; אבער ער האט געהאט א גוט הארץ און זיך פערלאזען אויף זיין כוח.

ער איז אוועקגעלאפען אויפ'ן געשריי און האט דערזעהן א שוואכען גרייז, וואס צוויי רוצחים האבען צוגעשפארט צו דער וואנד פון שטאדט און איהם בערויבט.

דזשיאפאר האט ארויסגעכאפט זיין זעבעל און זיך אווארף געטהאן אויף די רוצחים: איינעם האט ער דער'הרג'עט, דעם צווייטען האט ער פעריאגט.

דער בעפרייטער גרייז האט זיך א ווארף געטהאן צו די פיס פון זיין רעטער און, א קוש געטהאן דעם זוים פון זיין מלבוש, האט ער אויסגעשריען:

— העלדישער בחור, דיין גרויסמוטהיגקייט זאל בעלוינט ווערען. אויפ'ן קוק בין איך אן עלענדער אביון, אבער בלויז אויפ'ן קוק. איך בין ניט קיין פשוט'ער מענש. קום צוגעהן מארגען גאנץ פריה אויפ'ן הויפט מארק; איך וועל דארט ווארטען אויף דיר נעבען פאנטאן און דו וועסט זיך איבערצייגען אין דער גערעכטיגקייט פון מיינע ווערטער.

דזשיאפאר האָט אַ טראַכט געטהאָן:

— אויפ'ן קוק איז ער אַ גרויסער אָרימאַן, אמת; דאָך — עס קאָן אלעס פּאַסירען. ווארום זאָל איך טאַקי ניט פּרובען?

און ער האָט געענטפערט:

— גוט, פּאַטער מיינער, איך וועל קומען.

דער אַלטער האָט איהם אין די אויגען אַ קוק געטהאָן און איז אוועק.

אויף מאָרגען, גאַנץ פריה, באַלד ווי עס האָט אָנגעהויבען צו טאָ־גען, איז דזשיאפאר אַוועק אויפ'ן מאַרק. דער גרייז האָט שוין דאָרט געוואַרט אויף איהם, אנגעלעהנט זיך אָן דעם מאַרמאָרנעם קרוג פון דעם פאָנטאַן.

שווייגענדיג האָט ער אָנגענומען דזשיאפאר'ן פאַר אַ האַנד און איהם אריינגעפיהרט אין אַ קליינעם גאָרטען, וועלכער איז פון אלע זייטען ארומגערינגעלט געוועזען מיט הויכע ווענד.

אינ'ם סאמע מיטען פון דעם דאָזיגען גאָרטען, אויף אַ גרינער לאָנקע, האָט אַן אונגעוועהנליך־אויסזעהענדיגער בוים געוואַקסען.

ער איז עהנליך געוועזען צו אַ קיפּאַריס־בוים, נור די בלעטער אויף איהם זיינען געוועזען פון הימער־בלויער פאַרב.

דריי פירות—דריי עפּעל—זיינען געהאַנגען אויף דינע צווייגען, פערבויגטע מיט די שפּיצען ארויף: איינער פון מיטעל גרויס, אַ לענג־ליכער, איז געוועזען ווייס, ווי מילך, דער צווייטער, אַ גרויסער, אַ רונ־דער, איז געוועזען העל־רויט; דער דריטער, אַ קליינציקער, איז געוועזען צוקאָרטשעט און געלבליך.

דער גאַנצער בוים האָט שוואַך געראַוישט, הגם עס איז קיין ווינט ניט געוועזען. ער האָט געהילכט דין און רחמנות'דיג, אַזוי ווי ער וואָלט אַ גלעזערנער געוועזען; עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט געפיהלט דאָס דערנעהערען זיך פון דזשיאפאר'ן.

— בחור! — האָט ארויסגערעדט דער גרייז — רייס ארונטער איינעם פון די דאָזיגע עפּעל, וועלכער דיר געפעהלט אליין, און דו זאָלסט וויסען: וועסטו ארונטעררייסען דעם ווייסען, וועסטו זיין קלי־גער פון אלע מענשען; וועסטו ארונטעררייסען און אויפעסען דעם רויט־

טען, וועסטו זיין אזוי רייך, ווי דער איד ראָטשילד; וועסטו ארונטער־רייסען און אויפעסען דעם געלען, וועסטו געפעהלען זיין אלטע ווייבער. בעשלים און אייל זיך אונטער. אין א שעה ארום וועלען די עפּעל פערפוילען און דער בוים אליין וועט פערשלונגען ווערען פון דער שטורמער, טיעפער ערד!

דזשיאפאר האָט ארונטערגעלאָזט דעם קאָפּ און זיך פערטראַכט.

— וואָס טהוט מען? — האָט ער שטיל ארויסגערעדט, אזוי ווי ער זאָל זיך מיישב זיין מיט זיך אליין: — וועסטו קריגען צו פיעל שכל, קאָן זיין, אז דו וועסט דאַן לעבען ניט וועלען; וועסטו ווערען רייכער פון אלע מענשען, וועלען דיר אלע ניט פערגינען; בעסער וועל איך ארונטעררייסען און אויפעסען דעם צוקאָרטשעטען עפּעל!

און ער האָט אזוי געטהאָן; און דער גרייז האָט זיך צולאַכט מיט זיין לעדיגען מויל אָהן צייהן און ארויסגערעדט:

— אה, דו קליגסטער בחור! דו האָסט זיך אויסגעוועהלט די בעסטע טהייל! דער ווייסער עפּעל איז דיר ניט נויטיג געווען, ווייל אָהן איהם ביזטו אויך קליגער פון שלמה המלך. דעם רויטען עפּעל דארפסטו אויך ניט, ווייל אָהן איהם וועסטו אויך זיין רייך. נור דיין עשירות וועלען אלע דיר פערגינען.

— זאָג מיר נור, אלטער — האָט זיך א כאַפּ געטהאָן דזשיאפאר — וואו וואוינט די געשעצטע מוטער פון אונזער גאָט־געגרעטעטען כאליף?

דער גרייז האָט זיך פערנויגט ביז דער ערד און געוויזען דעם בחור דעם וועג.

ווער קען ניט אין באגדאד די זון פון דער וועלט, דעם גרויסען, בעריהמטען דזשיאפאר?

צוויי פיערפערזיגע

עס איז געווען אמאָל אַ שטאָדט, וואָס איהרע איינוואָהנער האָבען אַזוי שטאַרק ליעב געהאַט פּאָעזיע, אַז ווען עס זיינען אַוועק עטליכע וואָכען און קיין נייע שעהנע פּערזען זיינען ניט ערשיענען, האָבען זיי אַזאַ פּאָעטישע אונגערעטעניש געהאַלטען פאַר אַ געזעלשאַפטליך אונגליק.

זיי האָבען דעמאָלט זיך אָנגעטאָן אין זייערע ערגסטע קליידער, האָבען בעשאָטען מיט אַש זייערע קעפּ און, פערקליבען זיך מענגעםווייז אויף די סקווערס, האָבען זיי פערגאָסען טרעהרען און ביטער זיך געקלאָגט אויף דער מוזע, וואָס האָט זיי פערלאָזען.

איינמאָל, אין אַזאַ אונגליקליכען טאָג, איז דער יונגער דיכטער יוני ערשיענען אויפ'ן סקוועער, וועלכער איז פערפלייצט געווען מיט'ן פערזומערטען עולם.

מיט פלינקע טריט איז ער אויף דער ביהנע ארויף, וואָס איז דאָרט איינגעריכטעט געווען — און האָט אַ צייכען געגעבען, אַז ער וויל פאָרלעזען אַ ליעד.

די ליקטאָרען האָבען גלייך גענומען מאַכען מיט זייערע סצעפּטערס. „רוהיג! הערט זיך צו!" האָבען זיי הויך אויסגערופען — און די מענגע איז אנשווייגען געוואָרען און גענומען וואַרטען.

— פריינד! חברים! — האָט אָנגעהויבען יוני מיט אַ הויכען, אָבער ניט גאָר זיכערען קול:

„אָה, פריינד און חברים! איהר ליעבהאָבער פון ליעדער!
פערעהרער איהר פון אַלעס, וואָס ריטמיש איז און הערליך!
אָה, זאָל אייך ניט צומישען אַן אויגענבליק פון טרויער!
דער לאַנג־געווינשטער טאָג קומט... ווען ליכט צושטרייט דעם חושך!"

יוני איז אנשוויגען געוואָרען... און איהם אלס ענטפער, האָט זיך פון אלע זייטען אויפגעהויבען א ליארם, א פייפעריי, א געלעכטער...

אלע צו איהם געווענדעטע פּנים׳ער האָבען מיט ענטריסטונג גע־פלאמט, אלע אויגען האָבען מיט צאָרן געפלאקערט, אלע הענד האָבען זיך געהויבען, געדראָהט, האָבען זיך אין פויסטען געדריקט.

— מיט וואָס ער האָט אונז געוואָלט איבערראשען! — האָבען געוואלדעוועט צאָרנדיגע שטימען — ווארפט אָרונטער פון דער ביהנע דעם אונפעהיגען גראמען־שמירער! פערטרייבט איהם, דעם שוטה! מיט צופוילטע עפּעל און טוכלע אייער דארף מען איהם פערווארפען, דעם נארישען ליץ! דערלאַנגט אהער שטיינער! שטיינער אהער!

דער יונגער דיכטער יוני האָט זיך פון דער ביהנע אָרונטערגעקר־ליעט מיט׳ן קאָפּ אראָב... אָבער ער האָט נאָך קיין צייט ניט געהאַט צו דערלויפען ביז זיין היים, ווי ער האָט דערהערט פון וויטען דעם געפילדער פון בעגייסטערטע אפּלאָדיסמענטען און פון לויב־געשרייען.

אָן איבערראשטער, נור פונדעסטוועגען, סטארענדיג זיך אז קיי־נער זאָל איהם ניט בעמערקען (וואָרום עס איז געפעהרליך צו צוריי־צען די צווישעטע חיה), האָט יוני זיך צוריקגעקעהרט אויפ׳ן סקווער.

און וואָס האָט ער דערזעהן?

הויך איבער דער מענגע, איבער איהרע אקסלען, איז געשטאַנען אויף א פלאכען גאָלדענעם פּאַנציער, אָנגעטאָן אין א פּורפּור קלייד, מיט א לאָרבער־קראַנץ אויף די לאָקען, איז געשטאַנען זיין קאָנקור־רענט, דער יונגער דיכטער יולי... און דאָס פאָלק ארום איהם האָט גע־פילדערט:

— רוהם! רוהם! רוהם דעם אונשטערבליכען יולי! ער האָט אונז געטרייסט אין אונזער אומעט, אין אונזער גרויסען טרויער! ער האָט אונז בעשענקט מיט פערזען, וואָס זיינען זיסער פון האָניג, היל־בענדיגער פון א צימבעל, דופטענדיגער פון א בלום, לויטערער פונ׳ם הימעל־לאזור! טראָגט איהם מיט טריאומפף, בעגריסט זיין בעגייס־טערטען קאָפּ מיט א ווייכער כוואליע פון ווייה־רויך, קיהלט אָפּ זיין שטערן מיט׳ן פאָכען פון פּאַלמען־צווייגען, צו זיינע פיס גיסט אויס אלע בשמים פון די אראבישע באלזאם־בוימער! רוהם!

יוני איז צוגעגאַנגען צו איינעם פון די, וואָס האָבען בעגייסטערט געשריען.

— אה, זאג מיר, מיין מיטבירגער! — האט ער זיך צו איהם גע־ווענדעט — מיט וואס פאר א פערזאן האט אייך יולי בעגליקט? וועה איז מיר, איך בין ניט געווען אויפ'ן סקוועך, בעת ער האט זיי פאר־געטראגען! אויב דו געדענקסט, זאג דו מיר זיי איבער, טהו א טובה!

— אזוינע פערזען ניט געדענקען? — האט מיט היץ פראטעס־טירט יענער, צו וועמען יוני האט זיך געווענדעט — פאר וועמען האלסטו מיך? הער — און פרעה זיך, פרעה זיך צוזאמען מיט אונז!

— ליעבהאבער פון ליעדער! — אזוי האט אנגעהויבען דער געטליכער יולי...

„ליעבהאבער פון ליעדער! פריינד איהר און חברים!
פערעהרער פון אלעס, וואס ריטמיש קלינגט און צארט!
אה זאל אייך ניט צומישען אן אויגענבליק פון אומעט!
די לאנג־געווינשטע צייט קומט, ווען טאג פערשטויסט
די נאכט!"

— נו, ווי געפעהלט דיר?

— איך בעט אייך! — האט אויסגעשריען יוני — דאס זיינען דאך מיינע פערזען! יולי איז, מסתמא, געווען צווישען עולם, בשעת איך האב זיי פארגעטראגען. ער האט זיי געהערט און זיי איבערגעזאגט, עטוואס ענדערענדיג — און, פערשטעהט זיך, נישט צום בעסערען, איי־ניגע אויסדריקע.

— אהא! איצט דערקאן איך דיך... דו ביזט יוני — האט זיך אנגערופען, אנכמורענדיג זיך, יענער: — דו ביזט א ניט־פערגינער, אדער א נאר!... פערשטעה דאך, אונגליקליכער, ווי הערליך ביי יולי איז געזאגט געוואָרען: „ווען דער טאג פערשטויסט די נאכט!..." און ביי דיר איז עפעס א משוגעת: „ווען ליכט צושטרייט דעם חושך!" וועלכע ליכט? ! וועלכען חושך? !

— איז דען דאס ניט די זעלבע זאך... האט געהאט אנגעהויבען יוני...

— דו זאג נאך איין ווארט — האט איהם איבערגעשלאגען דער בירגער — איך טהו א רוף דאס פאלק... און מען צורייסט דיך אויף שטיקער!

יוני האט שכל געהאט ניט צו ריידען מעהר, דאן איז צום ארימען דיכטער צוגעגאנגען א גרייז־גרויער אלטער מאן, וועלכער האט געהערט

זיין געשפּרעך מיט'ן בירגער, און, ארויפגעלייגט א האנד איהם אויפ'ן אקסעל, האט ער ארויסגערעדט:

— יוני! דו האסט געזאגט דיינס, אבער ניט אין צייט; און יענער האט ניט זיינס געזאגט, אבער אין צייט. הייסט עס, אז יענער איז גערעכט, און דיר בלייבט צו טרייסטען זיך מיט דעם, וואס דיין געוויסען איז ריין.

אבער ביז דער ארימער יוני האט פעררוקט זיך אן זייט, און האט זיך דארט געטרייסט מיט זיין ריינעם געוויסען, האט אין דער ווייטענס, בעגלייט פון דונערענדיגע אפּלאדיסמענטען און פריידענס-געשרייען, גלענצענדיג אין פורפור, בעציערט מיט לארבער-קראנצען, זיך בעוועגט מיט שטאלצע לאנגזאמע טריט, ווי א געקרוינטער קעניג, דורך די דופּ-טענדיגע שטראמען פון ווייה-רויך, אין דעם גאלדענעם שטויב פון דער אלעס-בעהערשענדיגער זון, די שטאלץ-אויסגעגלייכטע געשטאלט פון יולי'ן...

און די לאנגע פּאלמען-צווייגען האבען זיך נאך דער רייהע נאך געבויגט פאר איהם, אקוראט ווי זיי וואלטען אויסגעדריקט מיט זייער שטילען אויפהויבען זיך און ארונטערלאזען זיך די פערגעטערונג, וואס איז אהן אן אויפהער געוואקסען אין די הערצער פון זיינע מיטבירגער, וועלכע ער האט בע'כישופ'ט!

שאַרבענס

א פּרעכטיגער, העל־ בעלייכטעטער זאַאל; א סך קאַוואַליערען און דאַמען.

אַלע פּנים'ער זיינען צוהיצט, די געשפּרעכען זיינען לעבעדיג... עס טראַגט זיך אַ ליאַרמדיגער געשפּרעך וועגען אַ בעוואוסטער זינגע־רין. מען רופט זי אַן געטליכע, אונשטערבליכע... אַה, ווי גוט זי האָט נעכטען ארויסגעלאָזט איהר לעצטען טריל!

און פּלוצים — אַזוי ווי דורך אַ כישוף — איז פון אַלע קעפּ און פון אַלע פּנים'ער ארונטערגעפלויגען די דינגע הויט־שאָלעכץ און אין דער אייגענער רגע איז ארויסגעטראָטען די טויטע ווייסקייט פון די שאַרבענס, האָט פאַר די אויגען גענומען מיניען די הוילע יאַסלעס און באַקען־ביינער, וואָס האָבען ארויסגעקוקט, ווי בלוויליך־צינענע.

מיט שרעק האָב איך געקוקט, ווי עס האָבען זיך בעוועגט און גע־טרייסעלט די דאָזיגע יאַסלעס און באַקען־ביינער, ווי עס האָבען זיך געדרעהט, גלאַנצענדיג אונטער דעם שיין פון די לאָמפּען און לייכטער, די דאָזיגע ביינערדיגע קוגלען, פול מיט ביילען, און ווי אין זיי האָבען זיך געדרעהט די אַנדערע, די קלענערע קוגלען, די קוגלען פון די אונזי־נינע אויגען.

איך האָב ניט געוואַגט צוצוריהרען זיך צו מיין אייגענעם פּנים, ניט געוואַגט אַ קוק צו טהאָן אויף זיך אינ'ם שפּיגעל.

און די שאַרבענס האָבען זיך געדרעהט, ווי פריהער... און מיט פריהערדיגען ליאַרם האָבען די פלינקע צינגער, בעוועגענדיג זיך, ווי רויטע פּאַסיקלאַך פון אונטער אויסגעשצירעטע צייהן, געפּלאַפּעלט וועגען דעם, ווי וואונדער שעהן, ווי אונפערגלייכליך האָט די אונ־שטערבליכע... יאַ, די אונשטערבליכע זינגערין ארויסגעלאָזט איהר לעצטען טריל!

דער גראבער ארבייטער און דער מאן מיט די עדעלע הענטלאך

(א געשפרעך.)

דער גראָבער אַרבייטער:

— וואָס קריכסטו צו אונז? וואָס דארפסטו? דו געהערסט ניט צו אונז... טראָג זיך אָפּ!

דער מאַן מיט די עדעלע הענטעלאך:

איך בין אייערער, ברידערלאך, געהער צו אייך!

דער גראָבער אַרבייטער:

אונזערער! א נעכטיגער טאָג! א שעהנער איינפאל, כ'לעבען! טהו כאָטש א קוק אויף מיינע הענד. דו זעהסט, ווי שמוציג זיי זיינען? עס שמעקט פון זיי אי מיט מיסט, אי מיט דיעגעכץ, און דיינע, זעה אקאָרשט, וואָס פאר אן עדעלע הענטעלאך! און מיט וואָס שמעקט פון זיי?

דער מאן מיט די עדעלע הענטעלאך, (שטרעקט אויס צו איהם די הענד):

טהו א שמעק.

דער גראָבער אַרבייטער (א שמעק געטהאָן):

וואָס איז דאָס? ווי מיט אייזען וואָלט פון זיי געשמעקט.

דער מאַן מיט די עדעלע הענטעלאך:

מיט אייזען שמעקט טאקי פון זיי. גאַנצע זעקס יאָהר האָב איך אויף זיי געטראָגען אייזערנע קייטען.

דער גראָבער אַרבייטער:

פאַר וועלכע חטאים?

דער מאַן מיט די עדעלע הענטעלאך:

דערפאר ווייל איך האָב געזאָרגט פאר אייך, געטראַכט וועגען אייך, געוואָלט בעפרייען אייך, גרויע, דונקעלע מענשען, ארויסגעטראָטען געגען אייערע דריקער און שטיקער, געקעמפפט... נו, האָט מען מיך פערשפארט....

דער גראָבער אַרבייטער:

פערשפארט? האָסטו ניט געזאָלט בונטעווען!

צוויי יאָהר שפּעטער.

דער זעלבער גראָבער אַרבייטער צו אַ צווייטען:

דו הערסט, פּיאָטער!... געדענקסט פאר צוויי יאָהרען זומער האָט מיט דיר גערעדט איינער אזא מיט עדעלע הענטעלאך?

דער צווייטער גראָבער אַרבייטער:

איך געדענק... וואָס איז?

דער ערשטער גראָבער אַרבייטער:

מען וועט איהם היינט הענגען, פערשטעהסט; אזא בעפעהל איז ארויס.

דער צווייטער גראָבער אַרבייטער:

האָט נאָך אַלץ געבונטעוועט?

דער ערשטער גראָבער אַרבייטער:

אַלץ געבונטעוועט.

דער צווייטער גראָבער אַרבייטער:

יאָ־יאָ... נו, אויב אַזוי, ברודער מיטרי: צי איז ניט אַ סברא צו קריגען יענעם שטריקעלע, אויף וועלכען מען וועט איהם הענגען? מען זאָגט, אז אַ שטריק פון אַ געהאַנגענעם ברענגט אריין אַ סך מזל און ברכה אין הויז!

דער ערשטער גראָבער אַרבייטער:

דו ביזט טאַקי גערעכט. מען דאַרף פּרובען, ברודער פּיאָטער...

די ראָזע

די לעצטע טעג אינ'ם מאָנאַט אויגוסט... יעסין איז שוין אויף דרויסען...

די זון איז שוין געהאַט אונטערגעגאַנגען. איבער אונזער ברייטען, גלייכען לאַנד האָט זיך נור וואָס אַן אונערוואַרטעטער גוס־רעגען געהאַט דורכגעטראָגען, אַ גוס־רעגען אָהן אַ דונערען און בליצען.

דער גאָרטען פאַר אונזער הויז האָט געפלאַקערט און זיך גערויכערט, אין גאַנצען פערגאָסען פון דעם פייער פונ'ם אבענד־שטערן און פונ'ם מבול.

זי איז געזעסען ביים טיש אין גאַסט־צימער און האָט עקשנות'דיג־פערטראַכט ארויסגעקוקט אין גאָרטען דורך דער האַלב־אָפענער טהיר.

איך האָב געוואוסט, וואָס איז דעמאָלט פאָרגעקומען אין איהר הארצען; איך האָב געוואוסט, אז נאָך אַ קורצען, כאָטש פיינליכען קאַמפף האָט זי זיך אין דעם דאָזיגען מאָמענט אָפּגעגעבען דעם געפיהל, וועלכען זי האָט שוין ניט געקענט בייקומען.

פּלוצים האָט זי זיך אויפגעהויבען, איז שנעל ארויס אין גאָרטען און פערשוואונדען.

עס איז פערביי איין שעה... עס איז פערביי אַ צווייטע, זי האָט זיך ניט צוריקגעקעהרט.

דאַן האָב איך זיך אויפגעהויבען און, פון הויז ארויס, בין איך אוועק איבער דער אַלעע, איבער וועלכער — וועגען דעם איז ביי מיר קיין ספק ניט געוועזן — זי איז אויך אוועק.

ארום איז געוועזן פינסטער. די נאַכט איז שוין געהאַט צוגעפאַלען. נור אויף דעם פייכטען זאַמד פונ'ם וועג איז געלעגען עפּעס אַ רונדע זאַך, וואָס האָט זיך געוואָרפען אין די אויגען דורך דער צוגאָסענער פינסטערניש מיט איהר העל־רויטקייט.

איך האָב זיך איינגעבויגט. דאָס איז געווען אַ יונגע ראָזע, וועלכע האָט נאָך ניט אין גאַנצען געהאַט געעפענט איהרע קנאָספּען. מיט צוויי שעה צוריק האָב איך די דאָזיגע ראָזע געזעהן ביי איהר אויף דער ברוסט.

איך האָב פאַרזיכטיג אויפגעהויבען די בלום פון דעם שמוץ און, צוריקגעקעהרט זיך אין גאַסט־צימער, האָב איך זי אויפ'ן טיש אוועק־געלייגט, געגען איהר פאָטעל.

צום סוף האָט זי זיך אויך צוריקגעקעהרט און, דורכגעגאַנגען מיט לייכטע טריט דאָס צימער, האָט זי זיך געזעצט ביים טיש.

איהר פּנים האָט אויסגעזעהן בלייכער און אויפגעלעבטער; שנעל, מיט אַ פרעהליכער צומישטקייט, האָבען ארומגעטאַנצט אויף אַלע זייטען איהרע שעהמענדיגע, אַזוי ווי קלענער־געוואָרענע אויגען.

זי האָט דערזעהן די בלום, האָט זי זי אַ כאַפּ געטהאָן, אַ קוק געטהאָן אויף איהרע צוקאַרטשעטע, פערשמוצטע בלעטלאַך, האָט אויף מיר אַ קוק געטהאָן — און איהרע אויגען, וואָס זיינען פּלוצים שטעהן געבליבען, האָבען גענומען שטראַהלען מיט טרעהרען.

— איבער וואָס וויינט איהר? — האָב איך געפרעגט.

— אָט, איבער דער ראָזע. זעהט, וואָס עס איז פון איהר געוואָרען!

דאַן איז מיר איינגעפאַלען ארויסצו־ווייזען מיין טיעף־זיניגקייט.

— אייערע טרעהרען וועלען ארונטערוואַשען די דאָזיגע שמוץ — האָב איך ארויסגערעדט מיט אַ מינע פון טיעפזיניגקייט.

— טרעהרען וואַשען ניט, טרעהרען ברענען — האָט זי געענטפערט, און אַ קעהר געטהאָן זיך צום קאַמין, האָט זי אריינגעוואָרפען די בלום אין דעם אויסגעהענדיגען פייער.

— דאָס פייער וועט נאָך בעסער פערברענען, ווי די טרעהרען — האָט זי אויסגעשריען מיט איבערטריבענע דרייסטקייט, און איהרע פרעכטיגע אויגען, וואָס האָבען נאָך געבלישצעט פון טרעהרען, האָבען גענומען לאַכען פרעך און גליקלאַך.

איך האָב פערשטאַנען, אַז זי איז אויך פערברענט געוועזן.

צום אנדענקען פון י. פ. ווּרעווסקאיא

אויף פייכטען, שטיקענדיגען שטרוי, אין שמוץ, אונטער'ן דאַך פון אַ האַלב־איינגעפאַלענעם שייער, פערוואַנדעלט אין דער־גיך אין אַ מיליטערישען שפּיטאַל, אין אַ צושטערטער בולגאַרישער דאָרף, — האָט זי העכער צוויי וואָכען גע'גוססס'עט פון אַ טיפוס.

זי איז געלעגען בעוואוסטלאָז, און קיין איין דאָקטאָר האָט אפילו אין איהר זייט ניט אַ קוק געטהאָן; די קראַנקע סאָלדאַטען, ארום וועלכע זי איז ארומגעגאַנגען, כל זמן זי האָט זיך נאָך געקאָנט האַלטען אויף די פיס, האָבען זיך נאָך דער רייהע אויפגעהויבען פון זייערע פערפעסטעטע געלעגערס, אום צוצוטראָגען אין אַ שערבעל פון אַ צובראָכענער כלי עטליכע טראָפּענס וואסער צו איהרע פערטריקענטע ליפּען.

זי איז געוועזען יונג, שעהן; די הויכע געזעלשאַפט האָט זי געקאָנט; אפילו די העכסטע בעאַמטע האָבען זיך מיט איהר אינטערעסירט. די דאַמען האָבען איהר מקנא געווען; די העררן זיינען איהר נאָכגעלאָפען... צוויי־דריי מענשען האָבען אין געהיים און טיעף זי געליעבט... דאָס לעבען האָט צו איהר געשמייכעלט; אָבער עס זיינען פאַראַן שמייכלען, וואָס זיינען ערגער פון טרעהרען.

אַ צאַרט, ווייך הארץ... און אַזאַ קראַפט, אַזאַ ברען מקריב צו זיין זיך! — העלפען די נויטהבעדירפטיגע... קיין אנדער גליק האָט זי ניט געקענט... ניט געקענט און ניט פערזוכט... יעדעס אַנדער גליק איז געגאַנגען איהר פערביי. אָבער וועגען אנדער גליק האָט זי שוין לאַנג ניט געטראַכט, און פלאַקערענדיג אין גאַנצען מיט אַ פייער פון דעם טיעפסטען גלויבען, האָט זי זיך אָפּגעגעבען צו דיענען די מיט־מענשען...

וואָס פאַר אַ הייליגע אוצרות זי האָט דאָרט בעגראָבען אין דער טיעפעניש פון איהר זעעל, אין דעם פערבאָרגענסטען ווינקעלע איה־

רען — האָט קיינער קיינמאָל ניט געוואוסט און וועט שוין איצט אודאי ניט וויסען.

און צו־וואָס? דער קרבן איז געבראַכט... די טהאַט איז געטהאָן געוואָרען.

אָבער עס טהוט וועה דער געדאַנק, אַז קיינער, קיינער האָט קיין דאַנק ניט ארויסגעזאָגט אפילו איהר לייכע— הגם זי אליין האָט זיך אי געשעהמט, אי געוויכט פאַר וועלכען ניט־איז דאַנק...

זאָל זיך איהר ליעבער שאָטען ניט בעליידיגען פון דער דאָזיגער פערשפעטיגטער בלום, וועלכע איך ערלויב זיך ארויפצולייגען אויף איהר קבר!

די לעצטע בעגעגעניש

אמאָל זיינען מיר געוועזן גאָר אַלטע, נאָהענטע פריינד... אָבער עס איז אָנגעקומען אַ שלי'מזל'דיגע מינוט — און מיר זיינען זיך צו־גאַנגען אַלס פריינד.

יאָהרען און יאָהרען זיינען אַוועק... און אַט, געקומען אין דער שטאָדט, וואו ער האָט געוואוינט, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז ער איז האָפנונגסלאָז קראַנק און וויל זיך זעהן מיט מיר.

איך בין אַוועק צו איהם. אריין אין זיין צימער... אונזערע בליקען האָבען זיך בעגעגענט.

איך האָב איהם קוים דערקאַנט. גאָט! וואָס די קראַנקהייט האָט פון איהם געמאַכט!

געל, אויסגעטריקענט, מיט אַ פליך איבער'ן גאַנצען קאָפּ, מיט אַ שמאָל, גרוי בערדעל, איז ער געזעסען אין איין, פאַר איהם אומיסטנע אויסגעשניטענעם העמד... ער האָט ניט געקענט פערטראָגען דעם דרוק פון די לייכסטע קליידער.

מיט אַן אימפעט האָט ער צו מיר ארויסגעשטרעקט זיין מורא'־דיג־דאַרע, ווי אָפּגעגריזעטע האַנד, מיט מיה ארויסגעשעפּצעט עטליכע אונפערשטענדליכע ווערטער — צו דאָס איז געוועזן אַ בעגריסונג, אָדער אַ פאָרוואורף — ווער ווייס? זיין אויסגעמאַרטערטע ברוסט האָט זיך גענומען הויבען און אין די איינגעשרומפּפטע שוואַרץ־אַפּעלס פון זיינע פערברענטע אויגען האָבען זיך בעוויזען צוויי דראָבנינקע, ליידענ־דיגע טרעהרעלאַך.

דאָס האַרץ איז ביי מיר איינגעפאַלען... איך האָב זיך געזעצט נעבען איהם אויף אַ שטוהל, און, ארונטערלאָזענדיג ניט ווילענדיג די אויגען פאַר יענעם שרעק און עקעל, האָב איך אויך אויסגעשטרעקט אַ האַנד.

אָבער מיר האָט זיך אויסגעדאכט, אַז ניט זיין האַנד האָט אָנגע־גומען מיינע.

מיר האָט זיך אויסגעדאכט, אַז צווישען אונז זיצט אַ הויכע, רוהיגע, ווייסע פרויענצימער. אַ לאַנגער טוך האָט זי איינגעהילט פונ'ם קאָפּ ביז די פיס. איהרע טיעפע, בלאַסע אויגען קוקען ערגעץ ניט; איהרע בלאַסע, שטרענגע ליפּען שווייגען....

די דאָזיגע פרויענצימער האָט אונזערע הענד פעראייניגט... זי האָט אויף אייביג צווישען אונז שלום געמאַכט.

יאָ... דער טויט האָט צווישען אונז שלום געמאַכט...

א בעזוך

איך בין געזעסען ביי אן אָפענעם פענסטער... אין א פריהמאָרגען, גאנץ פריה אין א פריהמאָרגען, דעם ערשטען מאַי.

דער מאָרגענ־שטערן איז נאָך ניט געהאט אויפגעגאנגען, אָבער די ווארימע דונקעלע נאכט האָט שוין געבלייכט, געאָטהעמט קיהלער.

קיין נעבעל האָט זיך ניט געהויבען, קיין ווינטעלע האָט ניט געשוועבט, אַלעס איז געווען אייגפארביג און שטום... אָבער עס האָט זיך געהערט די נאָהענטקייט פון דער ערוואכונג — און אין דער שיטער־געוואָרענער לופט האָט געשמעקט מיט דער שארפער פייכטקייט פון טהוי.

פלוצים איז אין מיין צימער, דורך דעם אָפענעם פענסטער, אריינגעפלויגען מיט א שאָרשקען און שטילען־שטילען קלינגען א גרויסער פייגעל.

איך האָב א ציטער געטהאָן, זיך איינגעקוקט... דאָס איז ניט געווען קיין פייגעל, דאָס איז געווען א קליינע, געפליגעלטע פרויענצימער, וועלכע איז אָנגעטהאָן געווען אין א לאנגען, ענגען קלייד וואָס האָט זיך געקרייזט ארונטער צו.

זי איז אין גאנצען געווען א גרויע, פון פערלומטער קאָליר, בלויז די אינוועניגסטע זייט פון איהרע פליעגלאַך זיינען רויט געווען מיט דער צארטער רויטקייט פון א פונאנדערגעבליהטער בלום ; א קרענצעל פון מאַי־בלומען האָט ארומגעכאפט די צו־וואָרפענע לאָקען פון איהר רונדען קעפעל, און וואָנצעם, עהנליך, ווי ביי די זומער־פייגעלאַך, און צוויי פאווע־פעדערן האָבען קאָמיש זיך געשאָקעלט אויף דעם שעהנעם, האלב־רונדען שטערן.

זי האָט אמאָל צוויי זיך דורכגעטראָגען אונטער׳ן סופיט ; איהר

קליין פּנים'ל האָט געלאַכט; עס האָבען אויך געלאַכט די גרויסע, שווארצע, ליכטיגע אויגען.

די דאָזיגע פרעהליכע שטיפעריי פונ'ם פערגעניגונגס-פליהען האָט אין זיי ארויסגערופען בריליאַנטען-שטראַהלען.

אין א האַנד האָט זי געהאַלטען א לאַנגען צווייגעל פון א סטעפּ-בלימעל: „קעניגליכער סצעפּטער" רופען עס רוסישע לייט — און עס איז עהנליך טאַקי צו א סצעפּטער.

שנעל פליהענדיג איבער מיר, האָט זי זיך צוגעריהרט צו מיין קאָפּ מיט יענעם בליימעל.

איך האָב זיך א ריעס געטהאָן צו איהר... אָבער זי איז שוין ארויס-געפלויגען דורכ'ן פענסטער און אוועק...

אינ'ם גאָרטען, אין די געדיכטע בושעס, האָט א טוירטעל-טויב זי בעגעגענט מיט דעם ערשטען וואָרקען, און דאָרט, וואו זי איז פער-שוואונדען, האָט דער מילך-ווייסער הימעל זיך שטיל פעררויטעט.

איך האָב דיך דערקאָנט, געטין פון דער פאַנטאַזיע! דו האָסט מיך צופעליג בעזוכט, דו ביזט אוועקגעפלויגען צו יונגע דיכטער.

אה, פּאָעזיע! יוגענד! יונגפרוילכע שעהנהייט! איהר קאָנט בלויז א שיין טהאָן פאר מיר אויף איין רגע אין א פריהען פריהמאָרגען פון א פריהען פריהלינג!

NECESSITAS VIS LIBERTATIS

א הויכע, קנאָכיגע אַלטע, מיט אַן אייזערנעם פּנים און מיט אַן אונבעוועגעליך־טעמפּען בליק, געהט מיט גרויסע טריט און מיט א דארער האַנד, ווי א שטעקען, שטופּט זי פאַר זיך א צווייטע פרוי.

די דאָזיגע פרוי איז פון גוואַלדיגען וואוקס, א מעכטיגע, א דיקע, מיט מוסקולען, ווי ביי הערקולעס'ן, מיט א קליין קעפּעלע אויף א האַלז, ווי ביי אַן אָקס, און א בלינדע — און זי שטופּט אויך א קליין, מאָגער מיידעלע.

בלויז דאָס מיידעלע האָט זעהענדיגע אויגען; זי שפּאַרט זיך איין, רייסט זיך צוריק, הויבט איהרע ערדעלע, שעהנע הענד; איהר פּנים פול לעבען, דריקט אויס אונגעדולד און ענטשלאָסענקייט... זי וויל ניט פאָלגען, זי וויל ניט געהן, וואוהין מען שטופּט זי... און, דאָך, מוז זי זיך אונטערוואַרפען און געהן.

Necessitas vis Libertatis.

ווער עס וויל — זאָל אליין איבערזעצען.

נדבות

ניט ווייט פון א גרויסער שטאדט, איבער א ברייטען דורכפאהר־וועג איז געגאנגען אן אלטער, קראנקער מאן.

ער האט קוים געטראטען; זיינע אויסגעדארטע פיס, פלאנטער־רענדיג זיך און שלעפענדיג זיך און בויגענדיג זיך, האבען זיך בעוועגט שווער און מיט מיה, אזוי ווי הילצערנע. די קליידער אויף איהם זיינען געוועזען הוילע לעכער; דער ניט פערדעקטער קאפ איז געפאלען אויף דער ברוסט ארונטער... די כוחות זיינען איהם אויסגעגאנגען.

ער האט זיך צוגעזעצט אויף א שטיין, וואס איז אויפ'ן וועג גע־לעגען, האט זיך אויסגעבויגט אין פאראויס, אנגעלעהנט זיך מיט די עלענבויגענס, פערדעקט דעם פנים מיט ביידע הענד, און דורך די צו־קרימטע פינגער האבען גענומען קאפען טרעהרען אויף דעם גרויען שטויב ארונטער.

ער האט זיך דערמאנט...

ער האט זיך דערמאנט, ווי ער איז אויך אמאל געוועזען געזונד און רייך, און ווי ער האט זיין געזונד גע'פטר'ט און זיין עשירות צו־טהיילט צווישען אנדערע, צווישען פריינד און פיינד... און היינט האט ער ניט קיין ביסען ברויט, און אלע האבען איהם פערלאזען, די פריינד נאך פריהער איידער די פיינד... שוין־זשע מוז ער זיך אזוי ערניעד־ריגען און נדבות בעטען? און ביטער איז איהם געוועזען אויפ'ן הארצען, און א ברענענדיגע בושה האט איהם געמאטערט.

און די טרעהרען האבען אליץ געקאפעט און געקאפעט און פייכט געמאכט דעם גרויען שטויב. פלוצים האט ער דערהערט, אז עמיצער רופט איהם ביים נאמען: ער האט אויפגעהויבען דעם מיעדען קאפ, און דערזעהן פאר זיך אן אונבעקאנטען.

א פנים א וויכטיגער און רוהיגער, אבער ניט קיין שטרענגער;

אויגען ניט שטראהלענדיגע, אָבער ליכטיגע; אַ בליק אַ שאַרפער, אָבער ניט קיין בייזער.

— דו האָסט דיין עשירות צוטהיילט — האָט זיך דערהערט אַ רוהיגער קול... — אָבער דו האָסט דאָך ניט קיין חרטה, וואָס דו האָסט גוטעס געטהאָן?

— איך האָב ניט קיין חרטה — האָט דער אַלטער געענטפערט מיט אַ זיפץ — נור איך געה אויס איצט פאַר הונגער.

— און וואָלטען ניט געווען אויף דער וועלט קיין אביונים, וואָס זאָלען אויסשטרעקען צו דיר אַ האַנד — האָט דער אונבעקאַנטער ווי־דער אָנגעהויבען — וואָלסטו ניט געהאַט, וועמען דיין גוט הארץ ארויס־צו־ווייזען, וואָלסטו ניט געקענט גוטעס טהאָן.

דער אַלטער האָט גאָר נישט געענטפערט און זיך פערטראַכט.

— טאָ זיי־זשע דו אויך איצט ניט שטאָלץ ביי זיך, אָרימאַן — האָט ווידער אָנגעהויבען צו ריידען דער אונבעקאַנטער — געה, שטרעק אויס דיין האַנד, גיעב די אַנדערע גוטע מענשען אַ מעגליכקייט גוטעס צו טהאָן.

דער אַלטער האָט זיך אַ צאַפּל געטהאָן, אויפגעהויבען די אויגען.. אָבער דער אונבעקאַנטער איז שוין מעהר ניט געווען, און פון דער ווייטענס, איבער'ן וועג, האָט זיך בעוויזען אַ פערבייגעהער.

דער אַלטער איז צוגעגאַנגען צו איהם און האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנד. דער דאָזיגער פערבייגעהער האָט זיך אָפּגעקעהרט מיט אַ בייזער מינע און גאָר נישט געגעבען.

אָבער הינטער איהם איז געגאַנגען אַ צווייטער — און יענער האָט דעם אַלטען יאָ געגעבען אַ קליינע נדבה.

און פאַר די דאָזיגע עטליכע גראָשען האָט זיך דער אַלטער גע־קויפט ברויט, און זיעס האָט זיך איהם אויסגעוויזען דער דאָזיגער אויס־געבעטעלטער ברויט און קיין חרפה האָט איהם שוין מעהר ניט גע־מוטשעט, פערקעהרט, אַ רוהיגע פרייד האָט ער אין זיין הארצען דער־פיהלט.

דאס אינסעקט

עס האָט זיך מיר גע'חלום'ט, אז אונזערע א פארשוין צוואנציג זיצען אין א גרויסען צימער מיט אָפענע פענסטער.

צווישען אונז זיינען פרויען, קינדער, אלטע לייט... מיר אלע ריידען וועגען עפּעס זעהר א בעקאנטען ענין — ריידען מיט געפּילדער און ניט קלאָהר.

פּלוצים איז אריינגעפלויגען אין צימער מיט א טרוקענער שזזשע־ריי א גרויסע אינסעקט, א צוויי ווערשאָק די לענג... איז אריינגע־פלויגען, האָט זיך ארומגעדרעהט און זיך אוועקגעזעצט אויף דער וואנד.

עס איז עהנליך געווען צו א פליעג אָדער צו א וועספּע דער קערפּער פון א שמוציג־גרויער פארב; פון אזא פארב די פלאכע, שטעכיגע פליע־גלען אויך; צושפּרייטע האָריגע לאַפּקעס, און א קאָפּ א שפּיציגע און א גרויסער; אי דער קאָפּ, אי די לאַפּקעס זיינען העל־רויטע, ווי פער־בלוטיגטע.

דאָס דאָזיגע זאָנדערבארע אינסעקט האָט כסדר געדרעהט דעם קאָפּ ארויף און ארונטער, רעכטס, לינקס, און בעוועגט די לאַפּקעס... דערנאָך האָט עס זיך פּלוצים פון דער וואנד א ריעס געטהאָן, מיט א שזזשעריי געפּלויגען איבער'ן צימער און זיך ווידער אוועקגעזעצט, און ווידער מורא'דיג און עקעלדיג זיך בעוועגט אויף איין אָרט.

אין אונז אלעמען האָט עס ארויסגערופען עקעל, מורא, זאָגאר שרעק... קיינער פון אונז האָט עטוואָס אזוינס אויף זיין לעבען ניט געזעהן, אלע האָבען געשריען: „טרייבט ארויס די דאָזיגע פערזע־העניש!" אלע האָבען געפאָכעט מיט די טיכלאך פון דער ווייטענס... וואָרום קיינער האָט זיך ניט דערוועגט צוצוגעהן נאָהענט... און ווען

דאָס אינסעקט האָט גענומען פליהען, האָבען זיך אַלע ניט וועלענדיג פון איהם אָפּגערוקט.

בלויז איינער פון אונזער מיטע, אַ יונגער מאַן מיט אַ בלייכען פּנים, האָט אונז אַלעמען אַנגעקוקט ערשטוינט. ער האָט געדריקט מיט די אַקסלען, ער האָט געשמייכעלט, ער האָט בשום אופן ניט געקענט פערשטעהן, וואָס טהוט זיך דאָ מיט אונז, פאַר וואָס שרעקען מיר זיך אַזוי. ער אַליין האָט ניט געזעהן קיין אינסעקט, ניט געהערט דעם בייזען שזושען פון זיינע פליעגלען.

פּלוצים האָט דאָס אינסעקט, אַזוי ווי אַנגעקוקט איהם, האָט זיך אַ הויב געטהאָן, און, צוגעדריקט זיך צו זיין קאָפּ, האָט עס איהם אַ ביס געטהאָן אינ'ם שטערן, איבער די אויגען... דער יונגערמאַן האָט ארויס־געלאָזט אַ שוואַכען קרעכץ און איז געפאַלען טויט.

די מורא'דיגע פליעג איז באַלד אוועקגעפלויגען... בלויז דעמאָלט האָבען מיר זיך אַנגעשטויסען, וואָס פאַר אַ גאַסט מיר האָבען גע־האַט.

באָרשץ

ביי אַ פרוי — אַן אַלמנה איז געשטאָרבען איהר צוואַנציג יאָהרי־גער בן יחיד, דער בעסטער אַרבייטער אין דאָרף.

אַז די פּריצה, אַ גוטס־בעזיצערין פון דער זעלביגער דאָרף, האָט זיך דערוואוסט וועגען דעם אונגליק פון דער אַלמנה, איז זי אין דעם טאָג פון דער לויה אוועק געוואָהר ווערען די אונגליקליכע מאַמע.

זי האָט זי געטראָפען אין דער־היים.

שטעהענדיג אין מיטען שטיבעל, פאַר'ן טיש, האָט זי לאַנגזאַם מיט דער רעכטער האַנד (די לינקע איז ביי איהר אַרונטערגעהאַנגען, ווי אַ שטעקען) געשעפּט באָרשץ פון דעק פון אַ פעררויכערטען טאָפּ און געזופּט אַ לעפעל נאָך אַ לעפעל.

דער פּנים פון דער פרוי איז אויסגעצויגען און פער'חושך'ט גע־ווען, די אויגען רויט און אָנגעשוואָלען... זי האָט זיך אָבער געהאַלטען פעסט און גלייך ווי אין קלויסטער.

— גאָט מיינער! — האָט די פּריצה אַ טראַכט געטהאָן — ווי קען זי עסען אין אַזאַ צייט... וואָס פאַר אַ גראָבע געפיהלען זיי האָבען אַלע!

און בשעת דעם האָט זי זיך דערמאָנט, די פּריצה, ווי זי, פאַר עטליכע יאָהרען פערלירענדיג אַ טאָכטער פון ניין חדשים, האָט פאַר צער זיך ענטזאָגט צו נעהמען אַ פּרעכטיגע דאַטשע הינטער פּעטערס־בורג און האָט דעם גאַנצען זומער אָפּגעוואוינט אין שטאָדט.

און די פרוי האָט נאָך אַלץ געזופּט דעם באָרשץ.

די פּריצה האָט צום סוף ניט אויסגעהאַלטען.

— טאַטיאַנאַ — האָט זי אַרויסגערעדט... — איך בעט דיך! איך פערשטעה ניט: שוין־זשע האָסטו דיין זוהן ניט ליעב געהאַט?

ווי איז ביי דיר ניט פערלאָרען געגאַנגען דער אַפּעטיט? ווי קענסטו איצט עסען אָט דעם דאָזיגען באָרשץ!

— מיין וואַסיא איז געשטאָרבען — האָט שטיל ארויסגערעדט די פּויערטע און די אָנגעוועהטאָגטע טרעהרען האָבען זיך ווידער גע־נומען קייקלען איבער איהרע איינגעפאַלענע באַקען — אַ סימן, אַז מיין סוף איז אויך געקומען: לעבעדיגערהייט האָט מען מיר דאָך אָראָפּגעשניטען דעם קאָפּ. און אַז דער באָרשץ זאָל אַוועק אין ניוועץ איז אַ גרייליכע עבירה: איך האָב דאָך איהם געזאַלצען.

די פּריצה האָט נור אַ דריק געטהאָן מיט די אַקסלען און איז ארוים.

איהר, הפּנים, איז דאָס זאַלץ ניט אַזוי שווער אָנגעקומען.

אזור־בלויע קעניגרייך

אה, אזור־בלויע קעניגרייך! אה, קעניגרייך פון אזור, ליכט, יוגענד און גליק! איך האָב דיך געזעהן... אינ'ם חלום.

עטליכע מענשען אונזערע זיינען געווען אויף א שעהנעם, אויס־געפּוצטען שיפעל. ווי א שוואנען־ברוסט האָט זיך געהויבען דער ווייסער זעגעל אונטער די שטיפעדרישע ווימבעלס.

איך האָב ניט געוואוסט, ווער מיינע חברים זיינען געווען; אָבער מיט מיין גאַנצען וועזען האָב איך געפיהלט, אז זיי זיינען אויך גע־ווען יונג, פרעהלאך און גליקלאך, ווי איך אליין!

און איך האָב זיי גאָר ניט בעמערקט אויך. איך האָב געזעהן ארום זיך איין ווייטען, אָהן א גרענעץ־ווייטען אזור־בלויען ים, אין גאַנצען בעדעקט מיט א קליין פלימערען פון גאָלדענע שופּען — און איבער'ן קאָפּ אויך אזא ווייטער—ווייטער, אויך אזא אזור־בלויער ים, און איבער איהם, טריאומפפירענד און אזוי ווי לאַכענדיג, האָט זיך געקייקעלט די פריינדליכע זון.

און צווישען אונז האָט זיך צייטענווייז דערהערט א געלעכטער, א הילכענדיגער און פרעהליכער, ווי דאָס געלעכטער פון געטער!

אָדער פלוצים האָבען זיך גאָר ארונטערגעריסען ביי עמיצען פון די ליפּען ווערטער, פערזען, פול וואונדערליכעס שעהנקייט און בע־גייסטערטער קראַפט... עס האָט זיך געדאכט, אז דער הימעל אליין האָט זיי געהילכט אן ענטפער און דער ים ארום האָט פאר מיטגעפיהל זיך געצאַפּעלט... און דערנאָך איז ווידער איינגעטראָטען א געבענשטע שטילקייט.

לייכט וויגענדיג זיך איבער די ווייכע כוואליעס, האָט זיך געטראָ־גען אונזער שנעל שיפעל. ניט דער ווינד האָט עס געטריבען; געטריבען האָבען עס אונזערע אייגענע, שפּיעלענדיגע הערצער. וואוהין מיר האָ־

בען געוואַלט, אהין האָט עס זיך געטראָגען, געהאָרכזאם, ווי א לע־בעדיגס.

דיר האָבען אָנגעטראָפען אינזלען, פערצוויבערטע, האַלב־דורכזיכ־טיגע אינזלען, וועלכע האָבען געפינקעלט מיט עדעלשטיינער, מיט רויטע רובינען און סמאראגדען. בערוישענדיגע בשמים־ריחות האָבען זיך געטראָגען פון די רונדע ברעגען; אייניגע פון די דאָזיגע אינזלען האָבען אונז בעשאָטען מיט א רעגען פון ווייסע ראָזען און מאַי־בלומען; פון די אַנדערע האָבען זיך מיט אַמאָל אויפגעהויבען פויגעלאך מיט לאַנגע פליעגלען פון רעגענבויגען־קאָליר.

די פויגעלאך האָבען זיך געדרעהט איבער אונז, די מאַי־בלומען און די ראָזען צוגאַנגען אין דעם פערלדיגען שוים, וואָס האָט זיך גע־גליצט, ארום די גלאַטע זייטען פון אונזער שיפעל.

צוזאמען מיט די בלומען, מיט די פויגלאך זיינען געקומען צופלי־העו זיסע, זיסע קלאַנגען... פרויען־שטימען האָבען זיך געדאכט אין זיי... און אַלעס ארום: דער הימעל, דער ים, דאָס פלאַטערען פונ'ם זע־געל אין דער הויך, דער געמורמעל פונ'ם שטראָהם הינטער'ן שיפעל, — אַלעס האָט גערעדט וועגען ליעבע, וועגען גליקליכער ליעבע!

און יענע, וועלכע יעדער פון אונז האָט געליעבט — זי איז אויך דאָ געוועזן... אונגעזעהן, אָבער נאָהענט. נאָך א רגע, און איהרע אויגען וועלען נעהמען שטראַהלען, איהר שמייכעל וועט נעהמען בליהען.. איהר האַנד וועט אָננעהמען דיין האַנד און וועט דיך אוועקציהען נאָך זיך אין דעם אויביג־בליהענדיגען גן עדן!

אה, אזור־בלויע קעניגרייך! איך האָב דיך געזעהן אינ'ם חלום.

דער אלטער

פינסטערע, שווערע טעג זיינען אָנגעקומען... אייגענע קראַנק־הייטען, קראַנקהייטען פון נאָהענטע מענשען, קעלט און חושך פון דעם אַלטער.

נו, וואָס זאָל מען טהאָן? קרעכצען? זאָרגען? מיט דעם וועסטו ניט העלפען ניט זיך און ניט אַנדערע...

אויף אַ פערטריקענטען, איינגעהויקערטען בוים זיינען די בלעטער קלענער און שיטערער, אָבער זיין גרינקייט איז אַלץ די אייגענע.

הויקער זיך איין אויך דו, פערטיעף זיך אין זיך, אין דיינע ער־אינערונגען, און דאָרט, טיעף־טיעף, אויפ'ן סאַמען גרונט פון דיין פערטראַכטער נשמה, וועט דיין פריהערדיגעס, בלויז דיר אליין בע־וואוסטעס לעבען, אַ גלאַנץ טהאָן פאַר דיר מיט זיין שמעקענדיגער, נאָך אַלץ פרישער גרינקייט און פריינדליכקייט, און מיט דער קראַפט פון פריהלינג!

אָבער זיי נור פאָרזיכטיג קוק נור ניט אין פאָראויס, אָרי־מער אַלטער!

א קאָררעספּאָנדענט

צוויי פריינד זיצען ביי א טיש און טרינקען טהעע.

מיט אמאָל האָט זיך דערהערט א גוואַלד פון דרויסען. עס הערען זיך רחמנות'דיגע קרעכצען, צאָרנדיגע זידלערייען, א כאָכעריי פון א בייזען געלעכטער.

— מען שלאָגט עמיצען — האָט זיך אָנגערופען איינער פון די פריינד, א קוקטהאָנדיג אין פענסטער.

— א פערברעכער? א מערדער? — האָט געפרעגט דער צוויי־טער — הער, ווער עס זאָל דאָרט ניט זיין, מען טאָר ניט דערלאָזען, מען זאָל יענעם בעשטראָפען אָהן דין און משפט. קום, מיר וועלען זיך אָננעהמאַן פאַר איהם.

— מען שלאָגט דאָך דאָרט אָבער ניט קיין מערדער.

— ניט קיין מערדער? ווענמען דען א גנב? אלץ איינס, קום, מיר ווע‌לען איהם ארויסרייסען פונ'ם המון.

— און ניט קיין גנב אויך.

— קיין גנב אויך ניט? ווענמען דען? א קאַסירער, אַן אייזענ־באהן בעאַמטען, א רוסלענדישען מעצענאַט, אַן אדוואָקאַט, א וואויל־געזינטען רעדאַקטאָר, א געזעלשאַפטליכען נדבה־געבער?... פונדעסט־וועגען קום, מיר ווע‌לען איהם העלפען!

— ניין... דאָס שלאָגט מען א קאָררעספּאָנדענט.

— א קאָררעספּאָנדענט? — אויב אזוי, ווע‌לען מיר אפריהער אויסטרינקען אונזער טהעע.

צוויי ברידער

דאָס איז געווען אַ חלום...

פאַר מיר זיינען ערשיענען צוויי מלאכים... צוויי געניאוסען.

איך זאָג: מלאכים... געניאוסען — ווייל בייביידען אויף די נאַקעטע קערפּערס זיינען ניט געווען קיין שום קליידער און הינטער די אַקסלען ביי יעדען האָבען ארויסגעשטראָמען מעכטיגע, לאַנגע פליגעלען.

ביידע — יונגע לייט. איינער — אַ רונדער, אַ גלאַט־הויטיגער, אַ שוואַרץ־לאָקענדיגער. די אויגען קאַרע, עטוואָס פערצויגענע, מיט געדיכטע ברעמען; דער בליק אַ גנב'ישער, אַ פרעהליכער און אַ הונגעריגער. דער פּנים אַ פערכטיגער, אַ רייצענדער, אביסעלע אַ פרעכער, אביסעלע אַ בייזער.

די רויטע, פולע ליפּען ציטערען אויף אביסעלע. דער יונגער מאַן שמייכעלט, ווי איינער, וואָס איז זיכער אין זיין מאַכט פויל און זעלבסטצופריעדען. אַ רייכער בלומען־קראַנץ רוהט אויף זיינע גלאַנציגע האָאַר, כמעט בעריהרענדיג די סאַמעטענע ברעמען. אַ בונט־פּאַר־ביגע פעהל פון אַ לעאָפּארד, איבער געכאַפּט מיט אַ גאָלדענעם פייל־בויגען, הענגט לייכט ארונטער פונ'ם רונדען אַקסעל אויף דעם אויסגעבויגטען היפט.

די פעדערען פון די פליגעלען לייכטען מיט אַ ראָזעווער פאַרב; זייערע שפּיצען זיינען שטאַרק רויט, ווי זיי וואָלטען געטונקט געווען אין רויטען, פרישען בלוט. פון צייט־צו־צייט הויבען זיי זיך אָן שנעל צו צאַפּלען מיט אַן אנגענעהמען זילבערנעם געראויש, מיט אַ גערויש פון אַ פריהלינגס־רעגען.

דער צווייטער איז געווען דאַר און געל אויפ'ן קערפּער. ביי יעדען אָטהעם האָבען זיך ארויסגעזעהן די ריפּען. האָאַר בלאָנדע, שיטערע,

גלייכע... אויגען גרויסע, רונדע און בליק־סארע... דער בליקען אונרו־היגער און א זאנדערבאר־ליכטיגער. אלע שטריכען אויפ'ן פנים שארפע, שפיציגע; א קליינער, האלב אפענער מויל מיט צייהן, ווי ביי א פיש; אן איינגעדריקטע אדלער־נאז, א שפיציגע מארדע, בעדעקט מיט א ווייסליכען פוך. די דאזיגע טרוקענע ליפען האבען נאך קיינמאל ניט געפרובט א שמייכעל טהאן.

דאס איז געווען א רעגעלמעסיגער, מורא'דיגער פנים, אהן אן אויסדרוק פון רחמנות אויף איהם. (אגב, ביי דעם ערשטען, ביי דעם פארשוין, האט דער פנים, הגם ער איז געווען אזוי שעהן און זיעס, אויך ניט אויסגעדריקט קיין רחמנות). ארום דעם קאפ פונ'ם אנדערען האבען זיך געפלאנטערט עטליכע לעערע צובראכענע זאנגען, איבער־געבונדענע מיט פערוועלקטע פפלאנצונגען. א גראבע, סארע קלייד האט ארומגענומען זיינע לענדען; די פליעגלען הינטער די אקסלען, דונקעל־בלויע, פון מאטאווער פארב, האבען געטרוישט שטיל און בייז.

ביידע יונגע לייט זיינען, דאכט זיך, געווען חברים, וואס האבען זיך קיינמאל ניט צושיידט.

יעדער פון זיי האט זיך אנגעשפארט אן דעם צווייטען. דאס ווייכע הענטעל פונ'ם ערשטען איז געלעגען ווי א וויינטרויב־צווייגעל ארום דער טרוקענער טאליע פון דעם צווייטען; און דער שמאלער עלענבויגען פונ'ם צווייטען מיט די לאנגע, דינע פינגער, האט זיך אויסגעצויגען, ווי א שלאנג, איבער דער פרויען־עהנליכע ברוסט פונ'ם ערשטען.

און איך האב דערהערט א שטים, און זי האט אזוי געזאגט:

— פאר דיר שטעהן ליעבע און הונגער — צוויי לייבליכע ברי־דער, צוויי הויפט גרונטען פון אלעס, וואס עס לעבט.

— אלעס, וואס עס לעבט, בעוועגט זיך, אום זיך צו נעהרען, און נעהרט זיך, אום צו פראדוצירען.

— ליעבע און הונגער — זיי האבען איין צוועק: מען דארף, אז דאס לעבען זאל ניט אונטערגעהן, דאס אייגענע און פרעמדע, דאס לעבען פון אלעמען.

דער עגאָאיסט

ער האָט פערמאָגט אַלעס, וואָס איז נויטיג געווען, אום צו ווע־רען דער תליון פון זיין פאַמיליע.

ער איז געבאָרען א געזונדער, געבאָרען א רייכער — און אינ'ם פערלויף פון זיין גאַנצען לאַנגען לעבען, פערבלייבענדיג א רייכער און א געזונדער, האָט ער קיין איין פעהלער ניט בעגאַנגען, קיין איין עבירה ניט געטהאָן, ניט ארויסגערעדט קיין איבריגען וואָרט און איז קיינ־מאָל ניט דורכגעפאַלען.

ער איז געווען א פאָלשטענדיג־עהרליכער מאן!... און אויף דעם בעוואוסטזיין פון זיין עהרליכקייט שטאָלץ, האָט ער געשטיקט יעדען: די קרובים, די פריינד, די בעקאַנטע.

די עהרליכקייט איז געווען זיין קאַפּיטאַל... און ער האָט פאַר איהם גערעכענט בלוטיגע פּראָצענטען, מעשה וואָכערניק.

די עהרליכקייט האָט איהם דאָס רעכט געגעבען, ניט צו האָבען קיין רחמנות און ניט טהאָן קיין מצוות, און ער האָט קיין רחמנות ניט געהאַט און קיין מצוות ניט געטהאָן... וואָרום א מצוה, וואָס איז גע־טהאָן געוואָרען געצוואונגענערהייט, איז — קיין מצוה ניט.

ער האָט קיינמאָל ניט געזאָרגט וועגען קיינעם, אויסער זיין איי־גענער, זעהר מוסטערהאַפטער פּערזאָן, און האָט שטאַרק פעראיבעל גע־האַט, ווען די אַנדערע מענשען אַרום איהם האָבען אויך אַזוי ניט גע־זאָרגט וועגען איהר, ווי ער אליין.

און אין דער איינענער צייט האָט ער זיך ניט געהאַלטען, חלילה, פאַר קיין עגאָאיסט און האָט פיינד געהאַט און פערפאָלגט די עגאָאיסטען און דעם עגאָאיזמוס! — געוויס! דער פרעמדער עגאָאיזמוס האָט גע־שטערט זיין איינענעם...

האלטענדיג זיך פאר א מענשען אהן שום פעהלערען, האט ער ניט פערשטאנען און ניט געוואלט צוגעבען, אז אנדערע מענשען קאָנען האבען פעהלערען. ער האט בכלל קיינעם און גאר נישט פערשטאנען, ווארום ער איז אין גאנצען, פון אלע זייטען, פון אויבען און פון אונטען, פון פארענט און פון הינטען, געווען פול מיט זיך אליין...

ער האט אפילו ניט פערשטאנען: וואס דאס מיינט אזוינס מוחל זיין? זיך אליין האט ער ניט געדארפט מוחל זיין... היינט ווארום זאל ער מוחל זיין אנדערע?

פאר די אויגען פון זיין אייגענעם געוויסען, פאר דעם אנגעזיכט פון זיין אייגענעם גאט, האט ער, דער דאזיגער וואונדער, דער דאזיגער אויסוואורף פון וואהלטהעטיגקייט, געגלאצט פרום די אויגען און גערעדט מיט א פעסטער און קלאהרער שטים:

— יא, איך בין א פיינער מענש, יא, איך בין אן עהרליכער, מאראלישער מענש!

די דאזיגע ווערטער וועט ער אויך איבער׳חזר׳ען אויף זיין טויטענ־בעט און אפילו דעמאלט וועט אויך גאר נישט א ציטער טהאן אין זיין שטיינערנעם הארצען — אין דעם דאזיגען הארצען אהן א פלעקעלע און אהן א שפעלטעלע.

אה, דו העסליכקייט פון זעלבסטצופריעדענער, איינגעשפארטער, ביליג־ערווארבענער וואהלטהעטיגקייט, דו ביזט כמעט עקעלדיגער פון דער אפענער העסליכקייט פון פערברעכין.

די סעודה ביי'ם כביכול

איינמאָל האָט זיך דער כביכול מיישב געווען צו מאַכען אַ גרויסע סעודה אין זיינע הימעל־פּאַלאַצען.

צו דער דאָזיגער סעודה האָט ער איינגעלאַדען אַלע וואָהלטהעטע־רינס, בלויז וואָהלטהעטערינס... קיין מאַנסביל האָט ער ניט איינגעלאַ־דען... בלויז דאַמען.

און זייערע זיינען געקומען אַ סך, זעהר אַ סך, גרויסע און קליי־נע. די קליינע וואָהלטהעטערינס זיינען געווען אַנגענעהמער און פריינד־ליכער פון די גרויסע; אָבער אַלע האָבען אויסגעזעהן צופריעדען און האָבען העפליך געשמועסט צווישען זיך, ווי עס פּאַסט פאַר נאָהענטע קרובים און בעקאַנטע.

פּלוצים האָט דער כביכול בעמערקט צוויי זעהר שעהנע דאַמען, וואָס זיינען, דאַכט זיך, ניט בעקאַנט געווען איינע מיט דער אַנדע־רער.

כביכול האָט אַנגענומען פאַר אַ האַנד איינע פון די דאַמען און צוגעפיהרט זי צו דער אַנדערער.

— וואָהלטהעטיגקייט! — האָט ער געזאָגט, אָנווייזענדיג אויף דער ערשטער.

— דאַנקבאַרקייט! — האָט ער צוגעלייגט, אָנווייזענדיג אויף דער צווייטער.

ביידע וואָהלטהעטערינס האָבען זיך שטאַרק פערוואונדערט: זינט די וועלט שטעהט, — און שטעהן שטעהט זי גאַנץ לאַנג — האָבען זיי זיך דאָס ערשטע מאָל געטראָפען.

דער שפערלינג־פויגעל

איך האָב זיך צוריקגעקעהרט פון געיעג און בין געגאַנגען איבער דער אַלעע פונ׳ם גאָרטען. דער הונד איז געלאָפען אין פאָראויס.

מיט אמאָל האָט ער איינגעהאַלטען זיינע טריט און גענומען זיך גנב׳ענען, אַקוראַט ווי ער וואָלט דערשמעקט דאָרט פאַר זיך אַ חיה.

איך האָב אַ קוק געטהאָן איבער דער אַלעע און דערזעהן אַ יונגען שפערלינג מיט געלע סמנים אַרום שנאָבעל און מיט פוך אויפ׳ן קאָפּ. ער איז אַרונטערגעפאַלען פונ׳ם נעסט (דער ווינד האָט שטאַרק געשאָקעלט די בירקען־בוימער) און איז געזעסען אונבעוועגליך, הילפלאָז צושפּרייט זיינע קוים אַרויסגעוואַקסענע פליגלאַך.

מיין הונד האָט זיך פּאַמעליכעל דערנעהרט צו איהם, ערשט פּלוצים, אַרונטערגעריסען זיך פון אַ דערבייאיגען בוים, איז אַן אַלטער שוואַרץ־ברוסטיגער שפערלינג, ווי אַ שטיין, אַ פאַל געטהאָן פאַר זיין סאַמע מאָרדע און אין גאַנצען אַ צושויבערטער, אַ צוקאָרטשעטער, האָט ער, פּישצענדיג פערצווייפעלט און רחמנות׳דיג, אַמאָל צוויי אַ שפּרונג געטהאָן אין דער ריכטונג פון דעם געעפענטען פּיסק מיט די שאַרפע צייהן.

ער האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן ראַטעווען, ער האָט פערשטעלט מיט זיך זיין קינדעלע... אָבער זיין גאַנץ קליין קערפּערל האָט זיך געצאַפּעלט פאַר שרעק, זיין קול׳כעלע האָט געקלונגען ווילד און הייזעריג, ער איז פערשטאָרבען, ער האָט זיך אויפגעאָפּפערט!

וואָס פאַר אַ מורא׳דיגע חיה רעה האָט דער הונד געמוזט אין זיינע אויגען זיין! און, פונדעסטוועגען, האָט ער ניט געקענט איינזיצען אויף זיין הויכען, זיכערען צווייג... אַ קראַפט, מעכטיגער פון זיין ווילען, האָט איהם פון דאָרט אַרונטערגעשליידערט.

מיין טרעזאר האָט זיך אָפּגעשטעלט, אָפּגעטראָטען צוריק... קענ־טיג, ער אויך האָט אנערקענט די דאָזיגע קראַפט.

איך האָב שנעל אוועקגערופען דעם צוטומעלטען הונד און בין אוועק מיט עהרפורכט אינ'ם הארצען.

יאָ; לאַכט ניט. עהרפורכט האָט ערוועקט אין מיין הארצען יע־נער קליינער העלדישער פייגעל, עהרפורכט — דער מעכטיגער אויס־דרוק פון זיין ליעבע.

די ליעבע, האָב איך געטראַכט, איז שטאַרקער פון דעם טויט און פונ'ם טויט־שרעק — בלויז אויף איהר אליין, אויף דער ליעבע, האַלט זיך און בעוועגט זיך דאָס לעבען.

די נימפען

איך בין געשטאַנען פאַר אַ קייט פון שעהנע בערג, צו־וואָרפענע אין אַ האַלבען קרייז; אַ יונגער, גרינער וואַלד האָט זיי צוגעדעקט פון אויבען ביז אונטען.

דורכזיכטיג האָט איבער זיי זיך צושפּרייט דער בלויער זיד־הימעל; די זון האָט פון אויבען געשטיעפּט מיט איהרע שטראַהלען; אונטען האָבען געמורמעלט פלינקע שטראָהמען, האַלב פערשטעלטע פון גראָז.

און איך האָב זיך דערמאָהנט אָן אַן אַלטער לעגענדע וועגען דעם, ווי אין דעם ערשטען יאָהרהונדערט נאָך כריסטוס'עס געבורט, איז איבער עגייאישען ים געשוואומען אַ גריכישער אַקרענט.

דאָס איז געווען האַלבען־טאָג־שטונדע... דאָס וועטער איז געווען שטיל. און מיט אַמאָל האָט אין דער־הויך, איבער'ן קאָפּ פון דעם שיף־רודערער, עמיצער קלאָהר ארויסגערעדט: „ווען דו וועסט פערביישוויימען דעם אינזעל, שריי אויס הויך אויפ'ן קול: — געשטאָרבען איז דער גרויסער פּאַן!"

דער שיף־רודערער האָט זיך פערוואונדערט... זיך דערשראָקען. אָבער ווען דער אַקרענט איז פערבייגעלאָפען דעם אינזעל, האָט ער געפאָלגט און אויסגערופען:

— געשטאָרבען איז דער גרויסער פּאַן!

און גלייך, אַלס ענטפער אויף זיין אויסרוף, האָבען זיך איבער'ן גאַנצען ברעג (און דער אינזעל איז געווען אונבעוואוינט) דערהערט הויכע יאָמער־געשרייען, קרעכצען, צוציגענע, רחמנות'דיגע קולות:

— געשטאָרבען! געשטאָרבען איז דער גרויסען פּאַן!

איך האָב זיך דערמאָנט אָן דער דאָזיגער לעגענדע... און אַ מאָד־

נער געדאַנק איז מיר אויפ'ן זינען אַרויף: „וואָס וועט זיין, ווען איך וועל אויך אויסרופען?..."

נור מחמת דער פרייד אָרום מיר האָב איך ניט געקענט אַ טראַכט טהאָן וועגען טויט, און מיט אַלע קרעפטען האָב איך אויסגעשריען:

— אויפגעלעבט! דער גרויסער פּאַן האָט פון טויט אויפגעלעבט!

און גלייך, אה וואונדער! — אַלס ענטפער אויף מיין אויסגע־שריי, האָט איבער'ן גאַנצען האַלבען קרייז פון די גרינע בערג זיך צוטראָגען אַ לעבעדיג געלעכטער, האָט זיך אויפגעהויבען אַ פרעהליכע רעדעריי און אַ פּלעשצען.

— ער האָט אויפגעלעבט! פּאַן האָט אויפגעלעבט! — האָבען געפּילדערט יונגע שטימען. און דאָרט, אין פאַראויס, האָט אַלעס מיט אַמאָל זיך צולאַכט, העלער פון דער זון אויפ'ן הימעל, שטיפערישער פון די שטראָהמען, וואָס האָבען אונטער די גראָז געמורמעלט. עס האָט זיך דערהערט אַן איילענדיגע טופּעריי פון לייכטע טריט, צווישען די גרינע בוימער האָט געגומען מיניען דאָס ווייסקייט פון וואַלענדיגע טוניקעס, דאָס לעבעדיגע רויטקייט פון געבלויזטע קערפּערס... דאָס זיינען נימפען, נימפען, וואַקכאַנקעס, געלאָפען פון די בערג אַרונ־טער...

זיי האָבען זיך אַלע מיט אַמאָל בעוויזען אויף אַלע וועגלאַך און שטעגלאַך פונ'ם וואַלד. די לאָקען קרייזען זיך אויף די געטליכע קעפּע־לאַך, די שלאַנקע הענד הויבען קראַנצען און צימבלען און, אַ געלעכטער, אַ פינקלענדיג, אַלימפּייאיש געלעכטער, יאָגט זיך און קייקעלט זיך צוזאַמען מיט זיי....

און פאַראויס טראָגט זיך די געטין. זי איז העכער און שעהנער פון אַלעמען. — אַ פּאַנציר הינטער די אַקסלען, אין די הענד אַ פייל־בויגען, אויף די אַרויפגעקאַמטע לאָקען אַ בעזילבערטער סערפּ פון דער לבנה...

— דיאַנאַ, דאָס ביזטו?...

נור פּלוצים האָט זיך די געטין אָפּגעשטעלט... און גלייך נאָך איהר האָבען זיך אָפּגעשטעלט אַלע נימפען. דאָס הילכענדיג געלעכטער איז פערשטאָרבען. איך האָב געזעהן, ווי דער פּנים פון דער פּלוצים פער־שטומטער געטין האָט זיך בעדעקט מיט אַ טויטער בלאַסקייט; איך האָב געזעהן, ווי איהרע פיס זיינען פערשטיינערט געוואָרען, ווי

מורא'דיגער שרעק האט ברייט איהר מויל געעפענט, איהרע אויגין, וואס האבען געקוקט אין דער ווייטער ווייטקייט... וואס האט זי דער־זעהן? וואוהין האט זי געקוקט?

איך האב זיך א קעהר געטהאן אין יענע זייט, וואוהין זי האט געקוקט...

אויפ'ן סאמען ברעג הימעל, הינטער'ן ניעדריגען זוים פון די פעלדער, האט געברענט, ווי א פייערדיג פינטעלע א גאלדענער צלם אויף א קריסטאליכער קירכע... דעם דאזיגען צלם האט דערזעהן די גע־טין.

איך האב דערהערט הינטער זיך א לאנגען, ציטערענדיגען זיפץ, עהנליך צו דעם ציטער פון א געפלאצטער סטרונע, — און, ווען איך האב זיך ווידער אומגעקוקט, איז שוין פון די נימפען קיין שפור ניט פערבליבען... דער ברייטער וואלד האט געגרינט ווי פריהער, און בלויז ערטערוויין, צווישען דעם געדיכטען נעץ פון די צווייגען, האבען זיך געזעהן, זיינען צוגאנגען פיצלאך פון עפעס ווייסעס. צו זיינען עס גע־ווען טוניקעס פון די נימפען, צו האט עס זיך געהויבען א פארע פון די טהאלען — איך וויים ניט.

ווי מיר האט לייד געטהאן פאר די פערשוואונדענע געטינם!

פיינד און פריינד

א געפאנגענער, וואָס איז פער'משפט געווען צו אייביגער טיור־מע, האָט זיך ארויסגעכאַפּט פון געפענגנים און פייל פון בויגען געלאָזט זיך לויפען... גלייך נאָך איהם האָט זיך געטראָגען א געיאָג.

ער איז געלאָפען מיט אַלע כוחות... די פערפאָלגער זיינע האָבען גענומען בלייבען ווייט אַהינטער.

אָבער אָט איז פאַר איהם א טייך מיט משופּע'דיגע ברעגען, א שמאָלער, אָבער טיעפער טייך.. און ער קען ניט שווימען!

פון איין ברעג אויפ'ן צווייטען איז איבערגעוואָרפען א דינע, צופוילטע ברעט. דער אַנטלאָפענער האָט שוין געהאַט אויף איהר מיט איין פוס ארויפגעטראָטען... האָט אָבער, מעשה שטן, געדארפט טרע־פען, אז פונקט דעמאָלט זיינען נעבען טייך געשטאַנען: זיין בעסטער פריינד און זיין בלוטיגסטער פיינד.

דער פיינד האָט גאָר ניט געזאָגט, האָט בלויז די הענד צונויפגע־לעגט; דערפאר אָבער האָט דער פריינד אויפגעהויבען א גוואלד הויך אויפ'ן גאַנצען קול:

— גוואַלד, וואָס ווילסטו טהאָן? בעקלעהר זיך, משוגענער! זעהסט דען ניט, אז די ברעט איז אין גאַנצען צופוילט? דו וועסט זי דורכברעכען און דו וועסט דערטרונקען ווערען!

— אָבער ווי אזוי אַנדערש קאָן איך אַריבער דעם טייך... דו הערסט דען ניט דעם געיאָג פון מיינע פערפאָלגער? — האָט דער אונגליקליכער פערצווייפעלט ארויסגעקרעכצט און איז אַרויף אויף דער ברעט.

— איך וועל ניט דערלאָזען! ניין, איך וועל ניט דערלאָזען, דו זאָלסט אומקומען! — האָט גענומען גוואַלדעווען דער אייפריגער פריינד און ארויסגעכאַפּט די ברעט פון אונטער יענעמס פיס. יענער, דער אַנטלאָפענער, האָט אין דער אייגענער רגע א פאַל געטהאָן אין

דאָס שטורעמדיגע וואַסער אריין און — איז דערטרונקען געוואָרען.

דער פיינד האָט זיך צופריעדען צולאַכט און איז אַוועק; און דער פריינד האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפ'ן ברעג טייך און גענומען ביטער וויינען נאָך זיין אינגליקליכען... אונגליקליכען פריינד!

בעשולדיגען זיך אליין אין יענעמ'ס טויט איז, פונדעסטוועגען, איהם גאָר ניט איינגעפאלען...

— ניט געפאָלגט מיך! ניט געפאָלגט מיך! — האָט ער טרויעריג געמורמעלט.

און אגב — האָט ער צום סוף ארויסגערעדט — ער וואָלט זיך דאָך געמוזט זיין גאַנץ לעבען מאַרטערען אין אַ שרעקליכער געפענגנים, איצט, לכל הפחות, ליידעט ער ניט! איצט איז איהם גרינגער! הפנים, עס איז איהם שוין אַזוי בעשערט!

— און דאָך פון דעם שטאַנדפונקט פון מענשליכקייט איז אויף איהם אַ ביטערער צער...

און די גוטע נשמה האָט ווייטער גענומען יאָמערען נאָכ'ן אונגליקליכען פריינד.

פאעזיע און פראזא

(געשריעבען אין יאָהרען 82—1879)

צווייטער טהייל.

א שטיין

האָט איהר אמאָל געזעהן אן אַלטען, גרויען שטיין אויפ'ן ברעג־ים אין א זוניגען פריהלינגס־טאָג, אין דער צייט, ווען דאָס וואסער שטייגט, בעת פון אַלע זייטען פּאַטשען איהם לעבעדיגע כוואַליעס, פּאַטשען און שפּיעלען זיך, און טוליען זיך צו איהם און בעגיסען זיין מיט מאָך בעוואקסענעם קאָפּ מיט די צושאָטענע פּערל פון דעם בליש־צענדיגען שוים?

דער שטיין בלייבט דער זעלבער שטיין, אָבער אויף זיין כמארער אויבערפלעכע ברענגען העלע פאַרבען.

די דאָזיגע פאַרבען דערצעהלען וועגען יענער ווייטער צייט, בעת עס האָט זיך נור וואָס אָנגעהויבען אָפּצוקיהלען און פערהאַרטעווען דער צולאָזטער גראַניט, וואָס האָט אין גאַנצען געברענט מיט פייערדי־גע פאַרבען.

אזוי האָבען אויף מיין אַלט הארץ נישט לאַנג א שטראָהם גע־טהאָן פון אַלע זייטען יונגע פרויען־זעעלען און אונטער זייער צאַרטער בעריהרונג האָט עס אין גאַנצען אויפגעפלאַמט מיט די לאַנג פער־וועלקטע פאַרבען, די שפּורען פונ'ם אמאָליגען פייער!

די כוואַליעס זיינען צוריק געטראָטען... אָבער די פאַרבען זיינען נאָך נישט אויסגעלאָשען, הגם עס טריקענט זיי א שניידענדיגער ווינד.

טויבען

איך בין געשטאנען אויפ'ן שפיץ פון א ניט־משופע'דיגען בארג; פאר מיר האט זיך צושפרייט א ים פון רייפע קארען־זאנגען, וואס האט געגלאנצט דא מיט גאלד, דא בעזילבערט.

עס האט זיך אבער נישט בעוועגט דער דאזיגער ים, עס האט זיך נישט בעוועגט די געפרעסטע לופט; א בייזער שטורם האט זיך גע־קליבען.

נעבען מיר האט די זונן נאך געשיינט הייס און דונקעל; אבער דארט, הינטער די קארען־זאנגען, ניט זעהר וויט, איז א דונקעל־בלויער וואלקען געלעגען, ווי א שווערע משא, אויף א גוטען האלבען הימעל.

אלעס האט דעם אטהעם פערהאלטען... אלעס שמאכטעט אונטער דעם בייזען גלאנץ פון די לעצטע זונען־שטראהלען. קיין סימן פון א פייגעלע צו זעהן, אפילו די ווארארבייטשיקעס האבען זיך אויך בעהאל־טען. נור ערגעץ־וואו נאהענט האט עקשנות'דיג געשעפציעט און גע־קלאפט אן איינציגער, גרויסער בלאט פון א ווינדפאקען פלאנץ.

ווי שטארק עס שמעקט מיט פאלין! איך האב געקוקט אויף דער בלויער משא... און שווער איז געווארען אויף דער נשמה. נו, אן עק, א סוף זאל זיין — האב איך געטראכט — בליץ אויף, דו גאלדען שלענגעלע! ציטער אויף דו דונער! טהו זיך א ריהר, טהו זיך א טראג, צוגיעס זיך, בייזער וואלקען, הער אויף צו פייניגען!

אבער דער וואלקען האט זיך ניט געריהרט. ווי פריהער האט ער געשטיקט די שטומע ערד... איז נור דיקער און פינסטערער געווארען.

און פלוצים, איבער זיין איין־פארביגער בלויקייט האט זיך עפעס גענומען בעוועגען גלייך און שוועבענדיג. זאל עס זיין א ווייס טיכעל אדער א שנעע־קייקעלע?

דאָס איז געפלויגען פון דער זייט פון דאָרף א ווייסע טויב.

געפלויגען, געפלויגען אַלץ גלייך, גלייך... און פערזונקען געוואָרען הינטער'ן וואַלד.

עס זיינען פערביי עטליכע סעקונדען — די זעלבע בייזע שטילקייט... נור זעה! שוין צוויי טיכלאך שוועבען, שוין צוויי שנעע־קייקעלאך טראָגען זיך צוריק: דאָס פליהען אהיים מיט א גלייכען שוועבען צוויי ווייסע טויבען.

און אָט, ענדליך, האָט זיך דער שטורם אָפגעריסען, און עס האָט זיך אָנגעהויבען א לעבעדיגע וועלט!

איך בין קוים אהיים דערלאָפען — עס יאָמערט דער ווינד, יאָגט זיך, ווי א משוגענער, עס יאָגען זיך די געלע, ניעדריגע, ווי אויף שטיקער צוריסענע וואָלקענס; אַלעס האָט זיך צומישט, צופלאָנטערט, פערדרעהט, עס האָט געגומען שמייסען, פליוכען א צורייצטער גוס־רעגען, די בליצען האָבען געבלענדעט מיט א פייערדיגער גרינקייט, דער דונער האָט געהילכט, ווי מיט קאַנאָנען געשאָסען, עס האָט זיך גענומען טראָגען דער גערוך פון שוועבעל...

אָבער אונטער'ן שירם פונ'ם דאך, אויפ'ן סאַמען עק פונ'ם דאַך־פענסטער, זיצען איינע נעבען דער אַנדערער די צוויי ווייסע טויבען — אי יענע, וואָס איז געפלויגען נאָך דער חבר'טע, אי יענע, וואָס זי האָט געבראַכט און, מעגליך, געראַטעוועט...

האָבען אָנגעבלאָזט זייערע פעדרן — און יעדע פון זיי פיהלט מיט איהר פליגעל דאָס פליגעל פון דער אַנדערער....

זיי איז וואויל! און מיר איז וואויל, קוקענדיג אויף זיי... כאָטש איך בין אליין... אליין, ווי אימער.

מארגען! מארגען!

ווי פוסט און פויל, און נישטיג איז כמעט יעדער איבערגעלעבטער טאָג! ווי וועניג שפורען ער לאָזט נאָך זיך איבער! ווי אונזיניג־נאַריש זיינען די שטונדען אוועק!

און דאָך, ווילט זיך דעם מענשען לעבען; איהם איז טהייער דאָס לעבען, ער האָפפט אויף איהם, אויף זיך, אויף די צוקונפט... אָה, וואָס פאַר א גליקען ער ערוואַרטעט פון דער צוקונפט!

היינט פאַרוואָס עפּעס שטעלט ער זיך פאָר, אז אין דער צוקונפט וועלען די טעג זיין גאַנץ אַנדערע ווי היינט?

ער שטעלט זיך עס אָבער גאָר ניט פאָר. ער האָט בכלל נישט ליעב צו ברעכען דעם קאָפּ איבער טיעפע ענינים — און אַזוי וואויל איז צו איהם.

— אָט מאָרגען, מאָרגען! — טרייסט ער זיך, ביז דער „מאָר־גען" שליידערט איהם ניט אריין אין קבר.

און אז מען ליגט שוין אין קבר, הערט מען אויף נישט ווילענדיג צו טראַכטען.

די נאַטור

מיר האָט זיך גע'חלום'ט, אַז איך בין אריין אין אַ גוואַלדיג־גרויסען אונטערראַירדישען טעמפעל מיט הויכע געוועלבען. ער איז אין גאַנצען אָנגעפילט געווען מיט אַן אונטעראַירדישען גלייכען שיין.

אינ'ם סאַמען מיטען פונ'ם טעמפעל איז געזעסען אַ מאַיעסטעטישע פרוי אין אַ גרינ־פאַרביגען וואַסער־קלייד. אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן אַ האַנד, האָט זי אויסגעזעהן שטאַרק פערטיעפט אין געדאַנקען.

איך האָב גלייך פערשטאַנען, אַז די דאָזיגע פרוי איז די נאַטור אַליין, און מיין נשמה האָט אַ ציטער געטהאָן פאַר עהרפורכטיגען פּחד.

איך בין צוגעגאַנגען צו איהר און, פערנויגט זיך פאַר איהר מיט דרך ארץ, האָב איך אויסגעשריען:

— אָה, אונזער אַלעמענס מוטער! וועגען וואָס טראַכסטו? צו ניט וועגען דעם צוקונפטיגען שיקזאַל פון דער מענשהייט טראַכסטו? צו ניט וועגען, ווי אַזוי זי זאָל דערגרייכען די מעגליכע פאָלקאָמענהייט און גליק?

די פרוי האָט לאַנגזאַם אַ קעהר געטהאָן אויף מיר איהרע דונקעלע, שטרענגע אויגען. איהרע ליפּען האָבען זיך אַ ריהר געטהאָן, און עס האָט זיך דערהערט אַ הילכענדיגער קול, וואָס איז עהנליך געווען צו דעם הילכען פון אייזען.

— איך טראַכט וועגען דעם, ווי אַריינצוגעבען שטאַרקען כוח אין די לאַפּעטקעס פון אַ פליה, אום איהר זאָל מעגליך זיין צו ראַטעווען זיך פון איהרע שונאים. דאָס גלייכגעוויכט פון בעפאַלען און צוריקשטויסען איז געשטערט... מען מוז איהם ווידער איינשטעלען.

— ווי? — האָב איך אַרויסגעשטאַמעלט — וועגען דעם טראַכסטו

גאַר? אָבער זיינען מיר, די מענשען, דען ניט דיינע געליעבטע קינ־
דער?

די פרוי האָט עטוואָס אַ קנייטש געטהאָן מיט איהרע ברעמען.

— אַלע באַשעפּעניששען זיינען מיינע קינדער — האָט זי ארויס־
גערעדט — און וועגען זיי אַלעמען זאָרג איך זיך גלייך און פערטיליג
זיי גלייך.

— אָבער מצוות... דער שכל... גערעכטיגקייט... — האָב איך
ווידער ארויסגעשטאַמעלט.

— דאָס זיינען בלויז ווערטער פון מענשען אויסגעטראַכט —
האָט זיך דערהערט דער אייזערנער קול — איך ווייס ניט נישט פון
מצוות און נישט פון עבירות... דער שכל איז פאַר מיר ניט קיין געז־
זעץ. און וואָס איז אַזוינס גערעכטיגקייט? — איך האָב דיר געגעבען
דאָס לעבען, וועל עס ביי דיר צוריקנעהמען און אַוועקגעבען אַנדערע,
ווערים אָדער מענשען... מיר איז קיין אונטערשייד... און דו, פערטהיי־
דיג זיך דערוויילע און שטער מיר ניט!

איך האָב בדעה געהאַט עפּעס צו זאָגען... אָבער די ערד אַרום
האָט מיט אַ פערשטיקטען קרעכץ זיך אַ טרייסעל געטהאָן — און איך
האָב זיך אויפגעכאַפּט.

וואָס וועל איך טראַכטען?...

וואָס וועל איך דעמאָלט טראַכטען, בעת איך וועל ליגען אויף דער טויטען־בעט, אויב איך וועל נור אימשטאַנד זיין דעמאָלט צו טראַכטען?

צי וועל איך דעמאָלט טראַכטען וועגען דעם, אַז איך האָב שלעכט אויסגענוצט דאָס לעבען, פערשלאָפען איהם, פער'חלום'ט, נישט גע־קענט הנאה האָבען פון זיינע מתנות?

— ווי? שוין דער טויט? אַזוי גיך? אונמעגליך! איך האָב דאָך נאָך קיין צייט ניט געהאַט עפּעס אויפצוטהאָן... איך האָב זיך דאָך ערשט געקליבען צו טהאָן!...

צו וועל איך זיך דעמאָלט דערמאָנען אָן דער פערגאַנגענהייט, אָפּשטעלען מיט די געדאַנקען אויף די ביסעלע גליקליכע מאָמענטען, וואָס איך האָב דורכגעלעבט, אויף די טהייערע געשטאַלטען און פער־זאָנען?

צי וועלען אויפלעבען אין מיין זכרון מיינע עבירות און מיין נשמה וועט אָנהויבען צו מאַרטערען דער ברענענדיגער אומעט פון פערשפּעטיגטער חרטה?

צי וועל איך דעמאָלט טראַכטען וועגען דעם, וואָס מיך ערוואַר־טעט אויף יענער וועלט... און צי איז פאַרהאַן אַ יענע וועלט?...

ניין... מיר דאַכט זיך, איך וועל זיך סטאַרען נישט צו טראַכטען און וועל מיט געוואַלד פערנעהמען מיינע געדאַנקען מיט עפּעס אַ נאַ־רישקייט, אום נור אָפּצו־ווענדען מיין אויפמערקזאַמקייט פון דעם מורא'דיגען חושך, וואָס דונקעלט דאָרט אין פאָראויס.

אין מיין אַנוועזענהייט האָט אַמאָל אַ גוסס'ער זיך אַלץ געקלאָגט, וואָרום מען וויל איהם ניט געבען בייסען צוקנאַקען ניסלאַך... און בלויז דאָרט, אין דער טיעפעניש פון זיינע פערלאָשענע אויגען, האָט זיך געוואָרפען און געצאַפּעלט עפּעס, ווי אַ צובראָכענער פליגעל פון אַ טויטליך פערוואונדעטען פייגעל...

„אויפהענגען איהם!"

דאס האט פאסירט אינ'ם יאהר 1803 — האט אנגעהויבען מיי־נער אן אלטער בעקאנטער — א קורצע צייט פאר דעם שלאכט ביי אויסטערליץ. דער רעגימענט, אין וועלכען איך האב געדיענט אלס אפיציער, איז איינגעשטאנען אויף קווארטירען אין מאראוויען.

אונז איז שטרענג פערבאטען געווען צו בעאונרוהיגען און צו דריקען די איינוואוינער; זיי האבען אויף אונז אזוי אויך קרום גע־קוקט, הגם מיר האבען זיך גערעכענט פאר זייערע פריינד.

ביי מיר איז געווען א דענשציק, מיין מוטער'ס אן אמאליגער לייב־איינענער, מיט'ן נאמען יעגאר. ער איז געווען אן עהרליכער און רו־היגער מענש; איך האב איהם געקאנט פון קינדוויז אן און בין זיך מיט איהם בעגאנגען ווי מיט א פריינד.

מיט אמאל האבען זיך אין דעם הויז, וואו איך האב געוואוינט, אויפגעהויבען יללות געשרייען און זידלערייען: ביי דער בעל הבית'טע האט מען אוועקגע'גנב'עט צוויי היהנער, און זי האט אין דער דאזיגער גנבה בעשולדיגט מיין דענשציק. ער האט גע'טענה'ט, אז ער ווייסט ניט פון וואס צו זאגען, האט מיך ארויסגעשטעלט אלס עדות: „שטייטש ער, יעגאר, וועט גנב'ענען!"... איך האב פערזיכערט דער בעל הבית־טע, אז יעגאר, איז אן עהרליכער מענש, אבער עס האט ניט געהאלפען, זי האט גע'טענה'ט איהרס, אז ער האט עס גע'גנב'עט די היהנער.

פלוצים האט אויף דער גאס זיך דערהערט א הילכענדיגע טופע־ריי פון פערד: דאס איז דער הויפטקאמאנדיר דורכגעפאהרען מיט זיין שטאב. ער איז געפאהרען טריט־ביי־טריט, א דיקער, מיט א פער־שוואומענעם פנים, מיט אן ארונטערגעלאזטען קאפ און מיט ארונטער־געהאנגענע עפאלעטען אויף דער ברוסט.

די בעל הבית'טע האט איהם דערזעהן און, פערלויפענדיג דעם וועג זיין פערד, האט זי זיך א ווארף געטהאן אויף די קניע, און אין גאנצען א צופאלטעטע, האט זי זיך הויך אויפ'ן קול גענומען קלאגען אויף מיין דענשציק, אנגעוויזען אויף איהם מיט א האנד.

— הערר גענעראל! — האט זי געשריען — אייער עקסעלענץ! אורטהיילט איהר! העלפט! ראטעוועט! דער דאזיגער סאלדאט האט מיך בעראבעוועט!

יעגאר איז געשטאנען דערביי נעבען הויז, אויסגעצויגען ווי א סטרונע, מיט דעם היטעל אין די הענד, אפילו די ברוסט האט ער אויסגעשטעלט און די פיס צונויפגעדריקט, ווי אויף דער וואך — און זאל ער כאטש איין ווארט אויסריידען! צו איז ער צומישט גע־ווארען פון דעם, וואס ער האט דערזעהן פאר זיך דעם הויפטקאמאנ־דיר מיט זיין גאנצען שטאב, צו איז ער מבולבל געווארען פאר דעם אונגליק, וואס עס האט זיך איבער איהם געטראגען — נור ער שטעהט זיך, מיין יעגאר, פינטעלט מיט די אויגען און אליין איז ער ווייס, ווי קאלך!

דער הויפט קאמאנדיר האט אויף איהם געווארפען א צושטרייטען און פינסטערען בליק און בייז ארויסגעבורטשעט: — נו?...

שטעהט זיך יעגאר, ווי א גולם, און האט די צייהן אויסגעשצי־רעט! פון דער זייט דאכט זיך, אז ער לאכט.

דאן האט דער הויפטקאמאנדיר ארויסגעמורמעלט קורץ: „אויפ־הענגען איהם!" האט א שטויס געטהאן דעם פערד אונטער די זייטען און איז אוועקגעפאהרען ווייטער אפריהער טריט־ביי־טריט, דערנאך שנעל. זיין גאנצער שטאב האט זיך אוועקגעיאגט נאך איהם. בלויז איין אדיוטאנט, האט אומדרעהענדיג זיך אויפ'ן זאטעל, זיך איינגע־קוקט אין יעגאר'ן.

ניט פאלגען איז אונמעגליך געוועזן... יעגאר'ן האט מען גלייך א כאפ געטהאן און אוועקגעשלעפט צו דער תליה.

דא איז ער אין גאנצען געווארען א טויטער, און בלויז צוויי מאל מיט מיה אויסגעשריען: „טאטעלאך! טאטעלאך!" און דערנאך שטיל: „גאט איז מיין עדות — ניט איך!"

ביטער, ביטער האט ער געוויינט, זעגענענדיג זיך מיט מיר.

איך בין געווען פערצווייפעלט.

— יעגאָר ! יעגאָר ! — האָב איך געשריען — ווי אזוי, ווארום האָסטו עס ניט געזאָגט דעם גענעראל !

— גאָט איז מיין עדות, ניט איך — האָט דער אונגליקליכער, אלץ גע'טענה'ט און געכליפּעט.

די בעל הבית'טע אליין האָט זיך דערשראָקען. אויף אזא מורא'־דיגען פּסק האָט זי זיך ניט געריכט און זי האָט זיך אויך צויאָמערט ! האָט אָנגעהויבען בעטען אלעמען און יעדען בעזונדער, מען זאָל רחמנות האָבען אויף יעגאָר'ן, האָט גענומען טענה'ן, אז זי האָט איהרע היהנער געפונען, אז זי איז גרייט אלעס צו ערקלעהרען...

פערשטעהט זיך, אז דאָס אלעס האָט ניט געהאָלפען. דיסציפּלינע, מיין הערר, פעלד־געריכט !

די בעל הבית'טע האָט געיאָמערט אלץ העכער און העכער.

יעגאָר, וועלכער האָט שוין געהאַט אָפּגעזאָגט ודוי מיט'ן גלח, האָט זיך געווענדעט צו מיר :

— זאָגט איהר, אייער וואויל געבורטה, זי זאָל זיך אזוי דעם לע־בען ניט נעהמען... איך האָב דאָך איהר מוחל געווען.

מיין בעקאַנטער, ארויסריידענדיג די לעצטע ווערטער פון זיין דיענער, האָט ארויסגעמורמעלט : „יעגאָר מיינער, טהייערינקער, היי־ליגער !"

און טרעהרען האָבען גענומען קאַפּען איבער זיינע אלטע באַ־קען.

„ווי גוט, ווי פריש זיינען געוועזן די בלומען..."

ערגעץ־וואו, אַמאָל, לאַנג־לאַנג צוריק האָב איך אַ ליעד געלעזן. דאָס ליד האָב איך גיך פערגעסען... נור דער ערשטער פערז איז פער־בליבען ביי מיר אין זכרון:

„ווי גוט, ווי פריש זיינען געוועזן די בלומען..."

איצט איז ווינטער; דער פראָסט האָט פערצויגען די שויבען פון די פענסטער; אין'ם פינסטערען צימער ברענט אַן איינציג ליכט. איך זיץ, פערדרוקט אין אַ ווינקעל און אין'ם מוח הילכט און קלינגט:

„ווי גוט, ווי פריש זיינען געוועזן די בלומען..."

און איך זעה זיך פאַר אַ ניעדריגען פענסטער פון אַ הינטער שטאָד־טישען רוסישען הויז. דער זומער־אָבענד צוגעהט, טרעט איבער אין נאַכט, אין דער וואַרימער לופט שמעקט מיט רעזעדע און לינדענ־בוימער; — און אויפ'ן פענסטער, אָנגעשפּאַרט אָן דער אויסגעגלייכ־טער האַנד און אָפּגעוואָרפען דעם קאָפּ צום אַקסעל, זיצט אַ מיידעל און שטום, און איינגעגעסען קוקט זי אויפ'ן הימעל, אַזוי ווי זי וואָלט געוואַרט, די ערשטע שטערן זאָלען זיך בעווייזען. ווי גוטמוטהיג בע־גייסטערט זיינען די פערטראַכטע אויגען, ווי ריהרענד־אונשולדיג זיי־נען די געעפענטע, פרעגענדיגע ליפען, ווי גלייך אָטהעמט די נאָך ניט אין גאַנצען פונאַנדערגעבליהטע, נאָך מיט גאָר גישט ניט אויפגערעגטע ברוסט, ווי ריין און ווי צאַרט איז דער אַנבליק פון דעם יוגענדליכען פּנים!

איך וואַג נישט צו ריידען צו איהר, אָבער ווי טהייער זי איז מיר, ווי מיין האַרץ קלאַפּט!

„ווי גוט, ווי פריש זיינען געוועזן די בלומען..."

און אין'ם צימער איז אַלץ פינסטערער און פינסטערער... דאָס שמעלצענדיג ליכט קנאַקט, לויפענדיגע שאָטענס ציטערען אויפ'ן ניעד־

ריגען סופיט, דער פראָסט קרעכצט און בייזערט זיך הינטער דער וואנד — און עס חלום'ט זיך א לאַנגווייליגער, פערשטיקטער שעפּצען פון א גרייז־גרויען אלטען:

„ווי גוט, ווי פריש זיינען געווען די בלומען..."

און עס לעבען פאר מיר אָפּ אנדערע בילדער... עס הערט זיך א פרעהליכער טומעל פון א דאָרפישען פאמיליען־לעבען. צוויי דונקעל־בלאָנדע קעפּעלאך, צוגעדריקט איינס צום אנדערען, קוקען דרייסט אויף מיר מיט זייערע ליכטיגע אויגעלאך; די רויטע בעקעלאך ציטערען פאר איינ! עהאלטענעם געלעכטער, זייערע הענטעלאך פריינד־ליך געפלאָכטען, הילכען זיי מיט זייערע יונגע, הארציגע שטימען, איבערשלאָגענדיג איינע די אנדערע; און עטוואָס ווייטער, אין דעם פרעהליכען אנגענעהמען צימער, לויפען אנדערע, אויך יונגע הענד, פלאָנטערענדיג זיך מיט די פינגער איבער די קלאווישען פון אן אל־טער פיאנאָ און לאַנעראָווסקי'ס וואלס איז ניט אימשטאנד צו פער־הילכען דאָס זינגען פון דעם אלטען, פאטריאכאלישען סאמאָוואר...

„ווי גוט, ווי פריש זיינען געווען די בלומען..."

דאָס ליכט צאנקט, אויסגעלאָשען... ווער הוסט עס דאָרט אזוי הייזעריג און פערשטיקט? צונויפגעדרעהט זיך אין א בייגעל, דריקט זיך און ציטערט אויף ביי מיינע פיס דער אלטער הונד, דער איינצי־גער חבר מיינער... מיר איז קאלט... איך פריר... און זיי אלע זיינען געשטאָרבען.... געשטאָרבען...

„ווי גוט, ווי פריש זיינען געווען די בלומען..."

א ים־רייזע

איך בין געפאָהרען פון האמבורג נאָך לאָנדאָן אויף ניט א גרויסען דאמפף־שיף. מיר זיינען אין גאַנצען געווען צוויי פאַססאַזשי־רען: איך און א קליינע אפּפּע, א נקבה פון דעם אוּאיסטיטי מין, וועל־כע א האמבורגער קויפמאַן האָט געשיקט אלס מתנה צו זיין ענגלישען קאָמפּאַניאָן.

זי איז געווען צוגעשמידט אויף א דין קייטעלע צו איינעם פון די בענקלאַך אויפ'ן שיעף־דעק און האָט זיך ארומגעוואָרפען, און געפּיפּ־קעט רחמנות'דיג, אָט ווי א פייגעלע.

יעדעס מאָל, וואָס איך בין פערבייגעגאַנגען, האָט זי אויסגע־שטרעקט צו מיר איהר שוואַרץ, קאַלט הענטעלע און געקוקט אויף מיר מיט איהר טרויעריגע, כמעט מענשליכע אויגען. איך האָב גענומען איהר האַנד, און זי האָט אויפגעהערט צו פּיסקען און צו וואַרפען זיך.

עס איז געווען א שטיל וועטער. דער ים ארום איז געלעגען אונ־בעוועגליך, צושפּרייט ווי א טישטוך פון בליי קאָליר. ער האָט אויס־געוויזען ניט גרויס; א געדיכטער נעביל איז געלעגען אויף איהם, איינהילענדיג אפילו די שפּיצען פון די זעגלען, און געבלענדט, און מיעד געמאַכט דעם בליק מיט זיין ווייכער דונקעלהייט. די זון איז געהאַנגען, ווי א דונקעל־רויטער פלעק, אין דער דאָזיגער דונקעלהייט, און איידער די נאַכט איז צוגעפאַלען, האָט זי זיך אין גאַנצען אָנגע־צונדען און געפלאַקערט געהיימניספול און זאָנדערבאַר.

לאַנגע, גלייכע פאַלדען, עהנליך צו די פאַלדען פון שווערען זיידע־נעם געוועב, האָבען זיך געיאָגט איינער נאָכ'ן אנדערן פון דער נאָז פון דער דאמפף־שיף, און כסדר צושפּרייטענדיג זיך, קאַרטשענדיג זיך און צושפּרייטענדיג זיך, האָבען זיי זיך, צום סוף, אויסגעגלייכט,

אויפגעציטערט און פערשוואונדען. דער אויפגערודערטער שוים האט געקאכט אונטער די רעדער, וועלכע האבען זיך איינטאָניג גערדרעהט; מיט א שוואכען שיפען האט זיך דער מילך־ווייסער שוים געברעקעלט אויף שטראהמען, וואס האבען אויסגעזעהן ווי שלענגעלאך, און דארט האט ער זיך ווידער צונויפגענאָסען און איז אויך פערשוואונדען, פון דער דונקעלהייט פערשלונגען.

נאכאנאנד און רחמנות'דיג, ניט ערגער פון דער פיסקעריי פון דער אפפע, האט געקלונגען דער קליינער גלאק, וואס האט זיך גע־פונען אויפ'ן הינטער טהייל פון דער שיף.

צייטענווייז האט ארויסגעשוואומען א טולען־פיש און איבערגע־קוליעט זיך, איז ער ווידער פערשוואונדען אונטער דעם גלאטען, קוים־קוים אויפגעציטערטען וואסער.

און דער קאפיטאן, א שווייגעדיגער מענש מיט א פערברענטען, פינסטערען פנים, האט גערויכערט א קורצע פיפקע און מיט כעס גע־שפיגען אין דעם פערגליווערטען ים אריין.

אויף אלע מיינע פראגען האט ער געענטפערט מיט אן אבגעהאק־טען בורטשעריי; ווילענדיג ניט ווילענדיג איז מיר פערבליבען צו פערברענגען מיט מיין איינציגען מיטרייזענדען — מיט דער אפפע.

איך האב זיך געזעצט נעבען איהר; זי האט אויפגעהערט צו פיס־קען און ווידער אויסגעשטרעקט צו מיר איהר הענטעל.

מיט אן איינשלעפעריגער פייכקייט האט אויף אונז געאטהעמט דער אונבעוועגליכער נעבעל; און ביידע פערטיעפט אין דעם אייגע־נעם אונבעוואוסטען געדאנק, האבען מיר פערבראכט איינער נעבען אנדערן, אזוי ווי נאהענטע קרובים.

היינט שמייכעל איך פון דעם... אבער דעמאלט האב איך גאנץ אנדערש געפיהלט.

מיר אלע זיינען קינדער פון איין מוטער — און מיר איז אנגע־נעהם געווען, וואס די ארימע חיה'לע האט מיט אזא פערטרויען זיך צוגעדריקט צו מיר, ווי צו אן אייגענעם.

צו נ. נ.

גלייך און שטיל טרעטסטו איבער דעם לעבענס־וועג, אָהן טרעה־רען און אָהן אַ שמייכעל, קוים בעלעבט פון קאַלטער אויפמערקזאַמ־קייט.

דו ביזט גוט און קלוג... און אַלעס איז דיר פרעמד — און קיי־נעם דאַרפסטו ניט.

דו ביזט שעהן, און קיינער קען ניט זאָגען: צו דיין שעהנקייט איז דיר טהייער צו ניט. דו ביזט גלייכגילטיג אליין און דו פערלאַנגסט ניט דעם צווייטענס מיטגעפיהל.

דיין בליק איז טיעף און ניט פערטראַכט; פוסט אין דער דאָזי־גער ליכטיגער טיעפקייט.

אַזוי טראָגען זיך דורך, איבער די יעליסייער פעלדער, אונטער די שטאָלצע קלאַנגען פון גליוקאָווסקי'ס מעלאָדיען, — ניט פרעהלאַך און ניט אונמוטהיג גלייכע שאָטענס.

האלט!

האלט! אזוי ווי איך זעה דיך איצט — פערבלייב אויף אייביג אין מיין זכרון!

פון די ליפען האט זיך ארונטערגעריסען דער לעצטער בעגייס־טערטער קלאנג — די אויגען, זיי שטראהלען ניט, זיי שיינען ניט, זיי לעשען זיך, בעלאסטעטע מיט גליק, מיט'ן גליקליכען בעוואוסטזיין פון יענער שעהנקייט, וואס דיר איז געלונגען אויסצודריקען, יענער שעהנקייט, וואס נאך איהרע שפורען, דאכט זיך, זיינען אויסגעשטרעקט דיינע טריאומפירענדיגע, דיינע פערמארטערטע הענד!

וואס פאר א שיין, עדעלער און ריינער פונ'ם זונען־שיין, האט זיך צוגאסען איבער אלע דיינע גליעדער, איבער די קלענסטע פאלדען פון דיין קלייד?

וואס פאר א גאט האט מיט זיין צערטליכען הויך אפגעווארפען אהינטער דיינע צושאטענע לאקען?

זיין קוש ברענט אויף דיין, ווי מראמאר בלייך־געווארענעם, שטערן!

אט דאס איז ער, דער אפענער סוד, דער סוד פון פאעזיע, לע־בען און ליעבע! אט דאס איז זי, דאס איז זי, די אונשטערבליכקייט! קיין אנדערע אונשטערבליכקייט איז ניטא, און — מען דארף ניט. אין דער דאזיגער רגע ביזטו אונשטערבליך.

זי וועט אוועק, און ווידער ביזטו א הייפעלע אש, א פרויענצימער, א קינד... אבער וואס געהט עס דיך אן! — אין דער דאזיגער רגע האס־טו זיך אוועקגעשטעלט העכער, ביזט געשטאנען אויסער דעם פער־גענגליכען, אויסער דער צייט. דיין דאזיגע רגע וועט זיך קיינמאל ניט ענדיגען.

האלט! און לאז מיך אויך זיין אן אנטהיילנעהמער פון דיין אונשטערבליכקייט, לאז פאלען אין מיין נשמה אויף דעם אפשיין פון דיין אייביגקייט.

דער מאָנאַך

איך האָב געקאָנט אַ מאָנאַך, אַ פּרוש, אַ הייליגען. ער האָט גע־לעבט בלויז מיט דער זיסקייט פון די תפילות און בערוישענדיג זיך מיט זיי, איז ער אַזוי לאַנג געשטאַנען אויף דער קאַלטער פּאָדלאָגע פונ'ם קלויסטער, אַז די פיס זיינע אונטער די קניע האָבען אָפּגע־חלש'ט און זיינען געוואָרען ווי הילצערנע: ער האָט זיי ניט געפיהלט, איז געשטאַנען און האָט תפילה געטהאָן.

איך האָב איהם פערשטאַנען און, אפשר, איהם מקנא געווען — אָבער זאָל ער מיך אויך פערשטעהן און מיך ניט בעשולדיגען, מיך, וואָס זיינע פריידען קענען ניט זיין מיינע.

ער האָט עררייכט דאָס, וואָס ער האָט פערניכטעט זיך, זיין פער־האַסטען איך; אָבער מיין ניט זאָגען קיין תפילות איז דאָך אויך ניט אויס אייגענליעבע.

מיין איך איז מיר אפשר נאָך שווערער אונערטרעגליך ווי איהם זיינס.

ער האָט געפונען, אין וואָס צו פערגעסען זיך... אָבער איך געפין דאָך אויך, הגם אפילו ניט אַזוי אָפט.

ער לייגט ניט... אָבער איך לייג דאָך אויך ניט.

מיר וועלען נאך שטרייטען!

די קלענסטע קלייניגקייט קאן אמאל מאכען א גאנצע איבער־קעהרעניש אינ'ם מענשען.

טיעף פערטראכט, בין איך אמאל געגאנגען איבער'ן גרויסען וועג. שווערע פארגעפיהלען האבען מיין ברוסט געדריקט; א בענקעניש האט מיך אנגעכאפט.

איך האב אויפגעהויבען דעם קאפּ... פאר מיר, צווישען צוויי ראנדען פאפּעל־בוימער, איז פייל פון בויגען געלאפען דער וועג אין דער ווייטקייט אריין.

און ניט ווייט פון מיר, איבער דעם אייגענעם וועג, וועלכער איז פערגאסען געוועזען מיט די גאלדענע שטראהלען פון דער בלענדענדיגער, זומערדיגער זון, האט א גאנצע פאמיליע שפּערלינג־פייגעלאך געשפּרונגען לעבעדיג, קאמיש און דרייסט!

בעזאנדערס האט איינער פון זיי זיך געטראגען מיט גרויסער גדלות אזוי מיט א זייט, מיט א זייט, אויסגעפּוטשעט דעם בייכעל און מיט א פרעכען געשריי, אזוי ווי ער וואלט פאר דעם טייפעל אליין ניט מורא געהאט! איין העלד אין דער וועלט, און גאר!

און אין דער אייגענער צייט האט הויך אויפ'ן הימעל זיך געדרעהט א ווילדער רויב־פויגעל, וועמען עס איז אפשר בעשערט אויפצופרעסען את טאקי דעם דאזיגען העלד.

איך האב א קוק געטהאן, זיך צולאכט, אויסגעטשוכעט — און די טרויעריגע געדאנקען זיינען פערשוואונדען: איך האב דערפיהלט אין זיך א מוטהיגקייט און א דרייסטקייט, און א חשק צום לעבען.

און זאל זיך דארט איבער מיין קאפּ דרעהען מיין רויב־פויגעל....
מיר וועלען נאך שטרייטען, צום טייפעל!

תפלות

ווענען וואָס דער מענש זאָל ניט בעטען אין זיינע תפילות — בעט ער ווענען א נס. דער זין פון יעדער תפילה איז תמיד דער איי־גענער: „אַלמעכטיגער גאָט, מאַך, אז צוויי מאָל צוויי זאָלען ניט זיין פיער".

בלויז אזא תפילה איז א ריכטיגע תפילה, וועלכע ווערט גע־ווענדעט צו א גאָט, וואָס האָט א געשטאַלט. טהאָן תפילה צום אַלוועלט־ליכען גייסט, צום העכסטען וועזען, צו דעם גאָט אָהן א געשטאַלט, פון א קאַנט, א העגעל — איז אונמעגליך און האָט קיין זין.

אָבער קאָן דען אפילו דער פערזענליכער, לעבעדיגער, דער גאָט מיט א געשטאַלט, מאַכען, אז צוויי מאָל צוויי זאָלען ניט זיין פיער?

יעדער גלויביגער מוז ענטפערען: ער קאָן — און איז מחויב איינצורייִדען זיך אליין אין דעם.

אָבער ווען דער שכל וועט זיך אויפשטעלען געגען אזא אונזין?

דאָ קאָן איהם שיקספּיר קומען צו הילף: „עס איז דאָ פיעלעס אויף דער וועלט, פריינד האָראַציא"... און אזוי ווייטער.

און אויב מען וועט איהם געהמען ענטפערען אין'ם נאָמען פון וואהרהייט, — דאַרף ער נור שטעלען די בעוואוסטע פראגע: „וואָס איז אַזוינס וואהרהייט?"

און דעריבער: זאָלען מיר טרינקען וויין און פרעהען זיך, און תפילה טהאָן.

די רוסישע שפּראך

אין די טעג פון ספיקות, אין די טעג פון שווערע געדאנקען וועגען דעם שיקזאל פון מיין פאָטערלאנד, — ביזטו אליין מיין שטיצע און אָנהאלט, אָה, ערהאבענע, מעכטיגע, אויפריכטיגע און פרייע רוסישע שפּראך! — ווען ניט דו, ווי קאָן מען ניט פערצווייפעלט ווערען, בעת מען זעהט אלעס, וואָס עס טהוט זיך אין דער־היים? אָבער עס איז אונמעגליך צו גלויבען, אז אזא שפּראך איז ניט געגעבען געוואָרען אָן ערהאבענעם פאָלק!

דאס ליעד פון דער טריאומפי־
רענדער ליעבע

דאס ליעד פון דער טריאומפירענדער ליעבע

„וואגע דו צו אירדען אונד צו טרוימען!"
שיללער.

אַט וואָס איך האָב געלעזען אין אַן אַלטען איטאַליענישען מאַנוסקריפּט:

I.

אַן ערך אין מיטען פונ'ם זעכצעהטען יאָהרהונדערט האָבען געלעבט אין פעררארא (זי האָט דאַן געבליהט אונטער דער הערשאַפט פון איהרע גרויסאַרטיגע הערצאָגען, די שטיצער פון קונסט און פּאָעזיע) — האָבען געלעבט צוויי יונגע מענשען, מיט'ן נאָמען: פאַבי און מוצי.ביידע אין די זעלבע יאָהרען, נאָהענטע קרובים, האָבען זיי זיך כמעט קיינמאָל ניט צושיידט; אַ הערצליכע פריינדשאַפט האָט זיי געהאַלטען צוזאַמען כמעט פון פריהען קינדווייז אָן... דאָס וואָס זיי ביידע האָבען געהאַט דעם אייגענעם שיקזאַל, האָט בעפעסטיגט דעם דאָזיגען פריינדליכען בונד. ביידע האָבען געהערט צו אַלטע פאַמיליען; ביידע זיינען געווען רייך, אונאָבהענגיג און ניט פערהייראַטעט; די געשמאַקען, די נייגונגען זיינען ביי ביידען געווען עהנליכע.

מוצי איז געווען אַ מוזיקער, פאַבי — אַ מאַהלער.

גאַנץ פעררארא האָט געשטאָלצירט מיט זיי, געהאַלטען זיי פאַר די שעהנסטע ציערונג פונ'ם הויף, געזעלשאַפט און שטאָדט.

אָבער מיט זייער אויסזעהן זיינען זיי ניט געווען עהנליך איינער צום אַנדערן, הגם ביידע האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייער שלאַנקער יוגענדליכער שעהנקייט: פאַבי איז געווען העכער, געוויקסיגער,

מיט א ווייסען פּנים און דונקעל־בלאָנדע האָר, אויגען האָט ער געהאַט בלויע; מוצי, פערקעהרט, האָט געהאַט א דונקעלען פּנים, שווארצע האָאר און אין זיינע דונקעל־קארע אויגען האָט זיך ניט געשפּיעלט יע־נער פרעהליכער גלאַנץ, אויף די ליפּען יענער פריינדליכער שמייכעל, וואָס ביי פאבי'ן; זיינע געדיכטע ברעמען האָבען זיך אָנגערוקט אויף די דינע אויגען־ליעדער, וועהרענד די בלאָנדע, ווי בעגילדעטע, האַלב־רונדע ברעמען ביי פאבי'ן האָבען זיך בעוועגט ארויף אויפ'ן ווייסען און גלייכען שטערן. אין זיינע געשפּרעכען איז מוצי אויך ניט געווען אזוי לעבעדיג, ווי פאבי; דאָך זיינען ביידע פריינד גלייך געפעלען גע־ווען די דאמען, וואָרום ניט אומזיסט זיינען זיי געווען א מוסטער פון ריטערליכער ברויטוויליגקייט און פרייגיביגקייט.

אין דער אייגענער צייט האָט געלעבט אין פעררארא א מיידעל, מיט'ן נאָמען וואלעריא. זי האָט געהאַט א שם פאר איינע פון די גרעסטע שעהנהייטען אין דער שטאָדט, הגם מען האָט זי זעהר זעלטען ווען געזעהן, וואָרום זי האָט געלעבט צוריקגעצויגען און האָט איהר הויז פערלאָזט בלויז דעמאָלט, בעת זי איז אין קלויסטער געגאַנגען, אָדער אין די גרויסע יום טובים — אויף שפּאַציר.

זי האָט געלעבט מיט איהר מוטער, אן אָנגעזעהענער, אָבער ניט רייכער אלמנה, וועלכע האָט קיין אַנדערע קינדער, אויסער איהר, וואַ־לעריא'ן, ניט געהאַט.

אין יעדען, וואָס האָט אמאָל געטראָפען וואלעריא'ן, האָט זי אויפגעוועקט א געפיהל פון בעוואונדערונג און פון צערטליכען רעס־פּעקט: אזוי איינפאַך האָט זי זיך געהאַלטען, אזוי איינפאַך האָט זי געטראָטען, אזוי וועניג. דאכט זיך, האָט זי אליין געפיהלט די גאַנצע מאכט פון איהר צויבער. אמת, מאַנכע האָבען זי געהאַלטען פאר צו בלייך אביסעלע, דער בליק פון איהרע אויגען, תמיד ארונטערגעלאָז־טע, האָט אויסגעדריקט א מין ניט דרייסטקייט און זיגאר שרעק; איהרע ליפּען האָבען זעלטען־ווען געשמייכעלט און אויך קוים־קוים; איהר קול האָט קוים עמיצער געהערט. אָבער א קלאַנג האָט זיך גע־טראָגען, אז א שטימע האָט זי א הערליכע און אז גאַנץ פריה, בעת אלעס אין שטאָדט האָט געדרעמילט, האָט זי א טבע געהאַט צו פער־שפּארען זיך אין איהר צימער און זינגען אלטע ליעדער אונטער די קלאַנגען פון א פליייטע, אויף וועלכער זי האָט אליין געשפּיעלט.

טראָץ די בלאַסקייט אויף איהר פּנים, איז וואַלעריאַ געווען די בליהענדיגע געזונדקייט אליין; און אפילו אלטע לייט, קוקענדיג אויף איהר, האָבען געמוזט א טראַכט טהאָן:

— אה, ווי גליקלאך וועט זיין יענער בחור, פאר וועמען עס וועט זיך ענדליך צו־וואַרפען די דאָזיגע נאָך אין איהרע קנאָספּען פערוויי־קעלטע, נאָך ניט־בעריהרטע, יונגפרויליכע בלום!...

II.

פאַבי און מוצי האָבען דאָס ערשטע מאָל דערזעהן וואַלעריאַ׳ן אויף א רייכען פאָלק־פעסט, וואָס איז געגעבען געוואָרען אויף דעם בעפעהל פונ׳ם הערצאָג פון פעררארא, ערקאָלא, א זוהן פון דער בע־ריהמטער לוקרעציא באָרזשיאַ. דער דאָזיגער פאָלקס־פעסט איז געגע־בען געוואָרען לכבוד די גרויסע שררות, וואָס זיינען ארונטערגעקומען פון פאַריז אויף דער איינלאדונג פון דער הערצאָגין, א טאָכטער פון דעם פראַנצויזישען קעניג לודוויג דעם צוועלפטען.

וואַלעריע איז געזעסען ביי איהר מוטער׳ס זייט אין מיטען דער פּראַכטפולער טריבונע, וואָס איז ספּעציעל אויפגעשטעלט געוואָרען אויף דעם הויפּט סקווער פון פעררארא פאר די אָנגעזעהענסטע דאמען פון שטאָדט.

ביידע, ווי פאַבי, אזוי מוצי, האָבען זיך ליידענשאַפטליך פער־ליעבט אין איהר אין דעם איינענעם טאָג, און אזוי ווי זיי האָבען גאָר נישט פערבעהאַלטען איינער פונ׳ם אנדערן, האָט יעדער פון זיי באַלד געוואוסט, וואָס ביים צווייטען אינ׳ם הארצען טהוט זיך.

זיי האָבען אָפּגעמאַכט צווישען זיך: ביידע זאָלען זיך נעהענטער בעקאַנען מיט וואַלעריאַ׳ן און אויב זי וועט איינעם פון זיי מזכה זיין מיט איהר ליעבע, זאָל דער אנדערער אָהן שום טענות זיך אונטער־וואַרפען זיין שיקזאַל. א דאנק דעם גוטען נאָמען, וואָס זיי האָבען גע־האַט, איז זיי געלונגען אין עטליכע וואָכען ארום צו קריגען אַן איינ־טריט אין הויז פון דער אלמנה, וועלכען ניט יעדער האָט די זכיה גע־האַט צו בעטרעטען.

פון דעמאָלט אָן האָבען זיי כמעט יעדען טאָג געקאָנט זעהן וואלע־ריא'ן און שמועסען מיט איהר, און מיט יעדען טאָג האָט דאָס פייער, וואָס זי האָט אָנגעצונדען אין די הערצער פון די יונגע לייט, זיך צו־פלאַקערט אלץ שטארקער און שטארקער.

וואלעריע האָט זיך פערהאַלטען צו ביידען גלייך, ניט ארויסגע־וויזען איינעם אויף אַ האָאר מעהר פריינדשאַפט ווי דעם אַנדערען, מיט זיי ביידען, ווי עס איז קאָנטיג געווען, איז איהר אנגענעהם גע־ווען צו פערברענגען. מיט מוצי'ן האָט זי מוזיצירט, אָבער שמועסען האָט זי מעהר געשמועסט מיט פאבי'ן: מיט איהם איז זי געווען דרייס־טער.

צום סוף האָבען ביידע פריינד זיך מיישב געווען: איין מאָל פאר אלע מאָל זיי מוזען וויסען זייער מזל, און האָבען אוועקגעשיקט אַ בריעף צו וואלעריא'ן, אין וועלכען זיי האָבען זי געבעטען, זי זאָל איהר וואָרט זאָגען, צו וועמען פון זיי ביידען איז זי בערייט איהר הארץ אָפּצוגעבען.

וואלעריא האָט דעם בריעף געוויזען איהר מוטער און איהר ערקלעהרט, אַז זי אליין איז בערייט נאָך צו ווארטען, נור אויב די מוטער דענקט, אַז עס איז שוין צייט פאר איהר חתונה צו האָבען, וועט זי חתונה האָבען מיט דעם, מיט וועמען די מוטער וועט איהר הייסען.

די עהרווירדיגע אלמנה האָט עטליכע טרעהרען פערגאָסען ביי דעם געדאַנק, אַז זי וועט זיך מוזען צושיידען מיט איהר געליעבט קינד, דאָך אָפּזאָגען די חתנים האָט קיין זין ניט געהאַט, זי האָט זיי ביידען געהאלטען פאר ווירדיג צו הייראַטהען איהר טאָכטער. אָבער שטילער־הייט ביי זיך אין הארצען האַלטענדיג מעהר פון פאבי'ן און האָבענדיג אַ פערדאַכט, אַז וואלעריא'ן אליין איז ער אויך מעהר צום הארצען, האָט זי געזאָגט, אַז פאבי געפעהלט איהר.

אויף מאָרגען האָט פאבי זיך דערוואוסט וועגען זיין גליק, און מוצי'ן איז דאן פערבליבען וואָרט צו האלטען און שאַט!...

און ער האָט אזוי געהאַנדעלט אויך. אָבער זיין ביי זיין פריינד, זיין געגנער, אויף דער חתונה — דאָס האָט ער ניט געקענט. ער האָט באלד פערקויפט אַ היבשען טהייל פון זיין אייגענטהום, צונויפגענומען

עטליכע טויזענד דוקאטען און איז אוועק אויף א ווייטע רייזע נאך די מזרח־לענדער.

זעגענדיג זיך מיט פאבי'ן, האט ער איהם געזאגט, אז ער וועט זיך ערשט דעמאלט צוריקקעהרען אהיים, ווען די לעצטע שפורען פון דער ליידענשאפט וועלען זיין אפגעווישט פון זיין נשמה.

שווער איז געווען פאבי'ן צו צושיידען זיך מיט דעם פריינד פון זיין קינדהייט און יוגענד... אבער די פריידיגע ערוואַרטונג פון דעם נאהענטען גליק האט באלד פערשלונגען אלע אנדערע געפיהלען און ער האט זיך אין גאנצען אפגעגעבען דער בעגייסטערונג פון זיין ליעבע.

אין גיכען האט ער חתונה געהאט מיט וואלעריא'ן, און ערשט דעמאלט האט ער דערוואוסט, וואס פאר א טהייערען אוצר ער האט געוואונען.

ניט ווייט פון פערראַרא האט ער געהאט א פראכטפולע ווילא, וואס איז ארומגערינגעלט געווען פון א דונקעלען גארטען. דארט האט ער זיך באזעצט מיט זיין פרוי און איהר מוטער.

א הערליכע צייט האט זיך פאר זיי דעמאלט אנגעהויבען. אונטער דעם נייעם, כישוף־שיין פונ'ם פאמיליען־לעבען זיינען בולט'ער ארויס־געטראטען די אלטע גוטע מעלות פון וואלעריא'ן. פאבי איז געווארען א גרויסער מאלער, שוין ניט מעהר קיין פשוט'ער דילעטאנט ווי פריהער, נור א אמת'ער קינסטלער.

וואלעריא'ס מוטער האט זיך געפרעהט און גאט געדאנקט, קוו־קענדיג אויף דאס גליקליכע פאאר.

מען האט זיך ניט ארומגעזעהן, ווי פיער יאהר זיינען פאראיבער, ווי א גליקליכער חלום.

איינס בלויז האט זיי געפעהלט, מאן און פרוי — א קינד. נאך דעם האבען זיי געבענקט און דאס איז געווען זייער איינציגע דאגה. פונדעסטוועגען האבען זיי אין גאנצען די האפנונג ניט אויפגעגעבען. אויפ'ן פערטען יאהר האט אן אונגליק זיי געטראפען, דאס מאל אן אמת'ער אונגליק: וואלעריא'ס מוטער איז געשטארבען, אפקרענקענ־דיג עטליכע טעג.

א סך טרעהרען האט וואלעריא פערגאסען; זי האט לאנג זיך ניט געקענט צוגעוואוינען צום געדאנק, אז איהר מוטער לעבט שוין ניט

מעהר. אָבער עס איז פאַראיבער נאָך אַ יאָהר, און דאָס לעבען איז ווי־דער געגאַנגען מיט זיין פריהערדיגען גאַנג.

און איינמאָל אין אַ שעהנעם זומערדיגען אָבענד האָט זיך צוריק־געקעהרט אַהיים מוצי, גאָר אונגעריכטערהייט.

III.

פאַר די גאַנצע פיתף יאָהר, וואָס ער האָט פערבראַכט אין די ווייטע לענדער, האָט קיינער וועגען איהם דאָס מינדעסטע ניט גע־וואוסט, קיין וואָרט וועגען איהם ניט געהערט, אַקוראַט ווי ער וואָלט שוין אויף דער וועלט מעהר ניט געווען.

ווען פאַבי האָט איהם געטראָפען אויף איינער פון די גאַסען פון פעררארא, האָט ער שיעור ניט גענומען שרייען, לכתחילה פאַר שרעק, דערנאָך פאַר פרייד, און האָט איהם גלייך איינגעלאַדען צו זיך אין ווילא.

דאָרט ביי איהם אינ'ם גאָרטען איז געשטאַנען אַ פּאַווילאָן (גאָרטענ־הייזעל), ער האָט פאָרגעשלאָגען זיין פריינד, ער זאָל זיך באַזעצען אין דעם דאָזיגען פּאַווילאָן.

מוצי האָט אָנגענומען זיין פאָרשלאַג, און אין דעם אייגענעם טאָג נאָך האָט ער זיך אריבערגעקליבען אַהין מיט זיין דיענער, אַ שטומער מאַלאַיעץ, אַ שטומער, אָבער ניט קיין טויבער, און לויט דעם לעבע־דיגען אויסדרוק פון זיינע אויגען, אַ זעהר פערשטענדיגער מענש... די צונג איז ביי איהם געווען אויסגעשניטען.

מוצי האָט מיט זיך געבראַכט צופיהרען אַ צעהנדליג קופערטס, אָנגעפּאַקטע מיט פערשיעדענע טהייערע אַנטיקען, וואָס ער האָט אָנגעזאַמעלט אויף זיין לאַנגער רייזע.

וואַלעריא האָט זיך אויך דערפרעהט מיט מוצי'ן, און ער האָט זי בעגריסט פריינדליך־פערהלאַך, אָבער רוהיג: קאָנטיג געווען, אַז ער האָט זיין וואָרט געהאַלטען, וואָס ער האָט געגעבען פאַבי'ן.

אין פערלויף פונ'ם טאָג האָט ער זיך איינגעשטעלט אין זיין פּאַ־ווילאָן; אויסגעפּאַקט, מיט דער הילף פון זיין דיענער, די אַנטיקען פון

די קופערטס: טעפּיכער, שטיקער זייד, סאַמעטענע און פּלושענע קליי־דער, געוועהר, קריגלאַך, טעצלאַך און כוסות, גאָלדענע און זילבערנע זאַכען, אויסגעזעצט מיט פּערל און ביסער, אויסגעשניצטע קעסטעלאַך פון בערענשטיין און עלפאַנטביין, געשליפענע פלעשער, פעהל פון חיות, פעדערען פון זעלטענע פייגעל און נאָך אַ סך אַנדערע זעלטענע אַנטי־קען.

צווישען די דאָזיגע טהייערע אַנטיקען איז אויך געווען אַ טהייערער האַלז־שנירעל, וואָס מוצי האָט בעקומען אַלס מתנה פון דעם פּערסישען שאַך פאַר עפּעס אַ גרויסע טובה, וואָס מוצי האָט איהם געטהאָן, דעם פּערסישען שאַך הייסט עס. ער האָט געבעטען וואַלעריא'ן, זי זאָל איהם ערלויבען דעם האַלז־שנירל אָנטאָן איהר אויפ'ן האַלז מיט זיין אייגע־נער האַנד. דער שנירל האָט זיך איהר אויסגעוויזען שווער און עפּעס מיט אַ מאָדנער וואַרעמקייט האָט ער זיך ווי איינגעזויגט אין איהר הויט.

פאַרנאַכט, נאָכ'ן מאַלצייט, זיצענדיג אויף דער טעראַסע פון דער ווילַלאַ, אין דעם שאָטען פון בוימער, האָט מוצי אָנגעהויבען צו דער־צעהלען וועגען זיין לעבען אין די ווייטע לענדער. ער האָט זיי דער־צעהלט וועגען די הויכע בערג, וואָס ער האָט דאָרט געזעהן, וועלכע שטייגען איבער די וואָלקענס, וועגען די וויסטעניסען אָהן אַ טראָפּען וואַסער, וועגען די טייכען, וואָס זיינען אַזוי גרויס ווי ים'ען; האָט דערצעהלט וועגען די מורא'דיגע־הויכע געביידעס און טעמפּלען, וועגען בוימער, וואָס זיינען אַלט טויזענדער יאָהרען, וועגען בלומען, וואָס האָבען דעם קאָליר פון רעגענבויגען, און אַזוינע פויגעל; האָט אָנגערער־פען די נעמען פון די שטעדט און פעלקער, וואָס ער האָט געזעהן...
ווי פון טויזענד און איין נאַכט האָבען די נעמען אַליין געקלונגען...

דעם גאַנצען אָריענט האָט מוצי געקאָנט: ער האָט דורכגערייזט פּערסיען, אַראַביען, וואו די פערד זיינען עדעלער און שעהנער פון די אַנדערע לעבעדיגע ברואים, האָט אַריינגעדרונגען אין דער טיעפעניש פון אינדיען, וואו דער מענשליכער געשלעכט איז עהנליך צו די מאַ־יעסטעטישע פלאַנצען, האָט דערגרייכט דעם גרעניץ פון כינא און טיבעט, וואו דער לעבעדיגער גאָט, מיט'ן נאָמען דאַלאַי־לאַמאַ, וואוינט אויף דער ערד אין דער געשטאַלט פון אַ שווייגענדיגען מענשען מיט שמאָ־לע אויגען.

און דאָס, וואָס ער האָט דערציילט, האָט געקלונגען אַזוי וואונ־דערליך! ווי פער'כשופ'טע האָבען איהם געהערט פאבי און וואַלעריא.

מוצי'ס פנים האָט זיך וועניג וואָס געענדערט; פון קינדוויוז אָן א דונקעלער, האָט ער איצט נאָך דונקעלער אויסגעזעהען, פערברענט פון דער הייסער מזרח'זון; די אויגען האָבען אויסגעזעהן טיעפער ווי פריהער; דערפאר אָבער איז דער אויסדרוק פון זיין פנים געווען גאָר אַנאַנדערער, א פערטראַכטער, א שטרענגער. דער דאָזיגער אויסדרוק האָט זיך אפילו ניט געענדערט, בעת ער האָט דערציילט וועגען די גע־פאַהרען, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען ביינאַכט אין די וועלדער, וואָס האָבען געהילכט פון דעם וואויען פון טיגערס, אָדער בייטאָג אויף די וויסטע וועגען, וואָס זיינען פול מיט געצען־דיענער, וועלכע בעפאַלען די רייזענדע און דערשטיקען זיי לכבוד זייער אייזערנער געטין, וועלכע פאָרדערט מענשליכע קרבנות.

און דער קול מוצי'ס איז געוואָרען פערשטיקטער, רוהיגער, און די בעוועגונגען פון זיינע הענד און זיין גאַנצען קערפער האָבען אויך געהאט פערלאָרען זייער אימפעט, וואָס מען זעהט, געוועהנליך, ביים איטאַלענישען פאָלק.

מיט דער הילף פון זיין דיענער, דעם פלינקען מאַלאַיעץ, האָט ער בעוויזען זיינע בעלי בתים עטליכע קונצען, וואָס עס האָבען איהם אויס־געלערענט די בראַמיגען אין אינדיען. אַזוי, צום ביישפיעל, פערבאָר־גענדיג זיך הינטער א פאָרהאַנג, איז ער דערנאָך פּלוצים ערשיענען שוועבענדיג אין לופטען מיט די פיס אונטער זיך אָנשפּאַרענדיג זיך עטוואָס מיט די שפּיצען פינגער אָן א באַמבוקאָווען שטאָק, וואָס מען האָט אַוועקגעשטעלט אין דער קרום.

פאבי איז געווען פערוואונדערט און וואַלעריא האָט זיך אַזש דערשראָקען...

— צי האָט ער ניט צו טהאָן מיט די ניט גוטע? — האָט זי א טראַכט געטהאָן.

און דערנאָך, ווען ער האָט גענומען ארויסרופען, פייפענדיג אויף א קליין פייפעל, די שלאַנגען פון א צוגעמאַכטען קאַרב, ווען די שלאַנ־גען, מאַכענדיג מיט זייערע פרעסערס, האָבען ארויסגערוקט זייערע פלאַכע, דונקעלע קעפּ פון די בונט־פאַרביגע קערב, איז וואַלעריא פער־

ציטערט געוואָרען און האָט געבעטען מוצי'ן, ער זאָל וואָס גיכער צו־נעהמען פון איהרע אויגען די מיאוס'ע שרצים.

ביים נאַכטמאָל האָט מוצי מכבד געווען זיינע פריינד מיט אַ מין גאָלד־פאַרביגען וויין פון אַ רונדער פלאַש מיט אַ לאַנגער העלזעל. דער דאָזיגער וויין, וואָס איז געווען געדיכט און האָט שטאַרק געדופטעט, האָט געהיימניספול געפינקעלט אין די קליינע קריגלאַך.

ער האָט געהאַט גאָר אַן אַנדער טעם, ווי די אייראָפּייאישע ווייַנען, איז געווען זעהר זיעס און פריקרע און פון איהם האָט זיך צוגאָ־סען איבער אַלע גליעדער אַ זיסע שלעפעריגקייט.

מוצי האָט איינגערעדט פאַבי'ן און וואַלעריאַ'ן אויסצוטרינקען צו קריגעל פון דעם דאָזיגען וויין און האָט אַליין אויך געטרונקען.

איבער וואַלעריאַ'ס קריגעל האָט ער זיך איינגעבויגט און עפּעס געפּרעפּעלט, טרייסלענדיג מיט די פינגער. וואַלעריאַ האָט עס בע־מערקט, נור אַזוי ווי דער גאַנצער באַנעהם פון מוצי'ן האָט איהר אויס־געקוקט פרעמד און זאָנדערבאַר, האָט זי בלויז אַ טראַכט געטהאָן:

— צו האָט ער ניט אָנגענומען אין אינדיען עפּעס אַ נייעם גלוי־בען, אָדער אפשר איז דאָרט ביי זיי אַזוינע מנהגים?

דערנאָך, נאָך אַ קורצען שווייגען, האָט זי איהם געפרעגט, אויב ער האָט, בעת זיין רייזע, זיך אָפּגעגעבען מיט מוזיק.

איהר אַלס ענטפער, האָט מוצי געהייסען זיין דיענער ברענגען זיין אינדישע פיעדעל.

די פיעדעל איז עהנליך געווען צו די היינטיגע, נור אַנשטאָדט פיער סטרונעס האָט זי געהאַט דריי; פון אויבען איז זי בעצויגען גע־ווען מיט אַ בלויליכער פעל פון אַ שלאַנג און דער דינער סמיק איז געווען האַלב רונד און אויפ'ן סאַמען עק האָט ביי איהם געגלאַנצט אַ פערשאַרפטער דימענט.

מוצי האָט צוערשט פאָרגעשפּיעלט עטליכע טרויעריגע, לויט ווי ער האָט ערקלעהרט — פאָלקס ליעדער, זאָנדערבאַרע און זאָגאַר ווילדע פאַר דעם איטאַליענישען אויער. די מעטאַלענע סטרונעס האָבען גע־קלונגען קלאָגעדיג און שוואַך. אָבער ווען מוצי האָט אָנגעהויבען דאָס לעצטע ליעד, האָט דער זעלבער קלאַנג מיט אַמאָל כוחות געקראָגען און גענומען זיך צאַפּלען הילכיג און שטאַרק; אַ ליידענשאַפטליכער ניגון האָט זיך גיעסען גענומען פון אונטער דעם טאַנצענדיגען סמיק, האָט

זיך געגאָסען, ברעכענדיג זיך און בויגענדיג זיך אזוי שעהן, ווי יענע שלאַנג, וואָס מיט איהר פעל איז בעצויגען געוועזן די פיעדעל; און מיט אזא פייער, מיט אזא טריאומפירענדער פרייד האָט געפינקעלט און געברענט דער דאָזיגער ניגון, אַז פאבי'ן און וואלעריא'ן איז סומנע געוואָרען אויפ'ן הארצען און די אויגען זיינען פערלאָפען מיט טרעה־רען...

און מוצי, מיט אַן איינגעבויגטען, צו דער פיעדעל צוגעדריקטען קאָפּ, מיט בלייכע באַקען און אָנגערוקטע ברעמען, האָט אויסגעזעהן נאָך פערטראַכטער און שטרענגער, און דער דימענט אויפ'ן עק פונ'ם סמיק האָט, טאַנצענדיג ארויף און אראָב, געוואָרפען פון זיך שטראַה־לענדיגע פונקען, אזוי ווי אויך אָנגעצונדען פון דעם פייער פון יענעם וואונדערליכען ניגון.

ווען מוצי האָט געענדיגט און ארונטערגעלאָזט די האַנד מיט'ן סמיק, דריקענדיג נאָך בעת דעם די פיעדעל צווישען מאַרדע און אַקסעל, האָט פאבי אויסגעשריען:

— וואָס איז דאָס אזוינס? וואָס האָסטו געשפיעלט?

וואלעריא האָט קיין וואָרט ניט ארויסגערעדט, אָבער איהר גאַנצער וועזען, דאַכט זיך, האָט נאָכגערעדט איהר מאַן: וואָס איז עס אזוינס?

מוצי האָט אוועקגעלייגט די פיעדעל אויפ'ן טיש, אַ טרייסעל גע־טהאָן די האָאר און מיט אַ העפליכען שמייכעל ארויסגערעדט.

— דאָס? די דאָזיגע מעלאָדיע... דאָס דאָזיגע ליעד האָב איך איינמאָל געהערט אויפ'ן אינזעל ציילאָן. דאָס דאָזיגע ליעד האַלט דאָרט דאָס פאָלק פאר אַ ליעד פון גליקליכער און בעפריעדיגטער ליע־בע.

— שפיעל נאָך אַמאָל — האָט געהאַט ארויסגעשעפּצעט פאבי.

— ניין — האָט מוצי געענטפערט — איבערשפּיעלען עס טאָר מען ניט. אויסער דעם, איז שוין שפּעט. סיניאָרא וואלעריא דאַרף געהן רוהען. און מיר איז אויך צייט... איך בין מיעד...

אין פערלויף פונ'ם גאַנצען טאָג האָט מוצי זיך פערהאַלטען צו וואלעריא'ן איינפאַך־רעספּעקטפול, ווי אַן אַלטער פריינד, נור, אוועק־געהענדיג, האָט ער איהר אַ דריק געטהאָן די האַנד פעסט־פעסט, אָנ־דריקענדיג די פינגער אויף איהר לאַדאָן און בעת דעם האָט ער איהר

אַזוי עקשנות'דיג אריינגעקוקט אין פּנים, אז זי, הגם זי האָט די אויגען ניט אויפגעהויבען אויף איהם, האָט דאָך דערפיהלט זיין בליק אויף איהרע מיט אמאָל אויפגעפלאַמטע באַקען.

זי האָט גאָר נישט ניט געזאָגט מוצי'ן, האָט נור איהר האַנד ארויסגעריסען און אז ער איז אוועק, האָט זי א קוק געטהאָן אויף די טהיר, דורך וועלכע ער איז ארויס. זי האָט זיך דערמאָנט, ווי זי האָט אמאָל, אין די פריהערדיגע יאָהרען, פאַר איהם מורא געהאַט... און איצט איז זי צומישט געוואָרען...

מוצי איז אוועק צו זיך אין פּאַוויליאָן, מאַן און ווייב אין שלאָף־צימער.

IV.

וואַלעריא איז ניט באַלד אנשלאָפען געוואָרען; איהר בלוט האָט שטיל און פערשמאַכט געקרעשט, און אין'ם קאָפּ האָט אביסעלע געקלונגען... צו פון ד'עם מאָדנעם וויין, ווי זי האָט געדענקט, אָדער אפשר פון מוצי'ס מעשות, צו גאָר פון זיין שפּיעלען אויף דער פּיעדעל...

ערשט פאַרטאָג איז זי איינגעשלאָפען, און זי האָט געזעהן א מאָדנעם חלום.

איהר האָט זיך אויסגעוויזען, אז זי איז אריין אין א גרויסען צימער מיט א ניעדריגען געוועלב... אַזא צימער האָט זי קיינמאָל אויף איהר לעבען ניט געזעהן. אַלע ווענד זיינען געמאַכט פון קליינע בלויע קאַכעלס מיט גאָלדענע קווייטען, דינע געשניצטע זיילען פון אַלבאַסטער שפּאַרען אונטער דעם מראַמאָרנעם געוועלב; דער דאָזיגער געוועלב און די זיילען זיינען, דאַכט זיך, האַלב דורכזיכטיג... א בלאַס־ראָזעווער שיין פליסט פון אַלע זייטען אין צימער אריין, בעלייכטענדיג אַלעם דאָרט איינטאָניג און געהיימניספול; גאָלדענע קישעלאך ליגען אויף א שמאָלען טעפּיך אין סאמע מיטען פון דער גלאַטער פּאָדלאָגע, וואָס גלאַנצט ווי א שפּיעגעל. אין די ווינקלאך רויכענען זיך קוים־קוים הויכע רויך־פעסער, וואָס שטעלען פאָר מורא'דיגע חיות; קיין פענס־

טער זיינען ערגעץ ניטאָ; די טהיר, פערהאַנגען מיט אַ סאַמעטענעם פאָרהאַנג, קוקט שוואַרץ ארוים פון אַ לאָך אין דער וואַנד. און פּלוצים טהוט זיך דער דאָזיגער פאָרהאַנג אַ ריהר זאַכט, גליטשט זיך אוועק... און עס קומט אריין מוצי...

ער פערנייגט זיך, גריסט, שטרעקט אוים זיינע אָרעמס, לאַכט... זיינע האַרטע הענד נעהמען ארום וואַלעריאַ'ס טאַליע; זיינע טרוקע־נע ליפּען פערברענען זי אין גאַנצען . . . זי פאַלט מיט'ן פּנים אויף די קישען — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— —

קרעכצענדיג פאַר שרעק, האָט זיך וואַלעריאַ קוים אויפגעכאַפּט. ניט וויסענדיג נאָך, וואו זי איז אין דער וועלט און וואָס מיט איהר טהוט זיך, זעצט זי זיך אויף דער בעט, קוקט זיך אַרום... זי ציטערט, טרייסעלט זיך אין גאַנצען, עס שווידערט איהר...

ביי איהר זייט ליעגט פאַבי. ער שלאָפט; נור זיין פּנים, אונטער דעם שיין פון דער רונדער שטאַרק העלער לבנה, איז בלייך, ווי ביי אַ טויטען... איז נאָך טרויעריגער פון אַ בר מינן'ן פּנים.

וואַלעריאַ האָט אויפגעוועקט דעם מאַן און גלייך ווי ער האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהר, האָט ער אויסגעשריען:

— וואָס איז דיר?

— איך האָב געזעהן... איך האָב געזעהן אַ מורא'דיגען חלום — האָט זי ארויסגעמורמעלט, שוידערענדיג נאָך אַלץ...

אָבער אין דער אייגענער רגע האָבען זיך פון דער זייט פונ'ם פּאַוויליאָן גענומען טראָגען מעכטיגע קלאַנגען, און ביידע, ווי פאַבי אַזוי וואַלעריא, האָבען דערקאָנט דעם ניגון, וואָס מוצי האָט פאַר זיי געשפּיעלט, וועלכען ער האָט אָנגערופען דאָס ליעד פון דער בעפריע־דיגטער, טריאומפירענדער ליעבע...

פאַבי האָט צומישט אַ קוק געטהאָן אויף וואַלעריאַ'ן... זי האָט פערמאַכט די אויגען, אָפּגעקעהרט זיך, און ביידע האָבען מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטהעם אויסגעהערט דאָס ליעד ביז'ן סוף.

ווען דער לעצטער קלאַנג איז פערשטאָרבען, האָט זיך די לבנה הינטער די וואָלקענס פערבעהאַלטען, אינ'ם צימער איז פּלוצים פינס־טער געוואָרען...

מאַן און פרוי האָבען די קעפּ אויף די קישענס ארונטערגעלאָזט, ניט אויסריידענדיג קיין וואָרט, און קיינער פון זיי האָט ניט בעמערקט, ווען דער צווייטער איז איינגעשלאָפען.

V.

אויף מאָרגען אין־דער־פריה איז מוצי געקומען צום פריהשטיק; ער האָט אויסגעקוקט צופריעדען און האָט פרעהלאַך בעגריסט וואַלע־ריאַ'ן.

צומישט האָט זי איהם געענטפערט, אַ קוק טהאָנדיג אויף איהם פון דער זייט, און איהר איז מורא'דיג געוואָרען פון זיין צופריעדע־נעם, פרעהליכען פּנים, פון זיינע דורכדרינגענדיגע און נייגעריגע אוי־גען.

מוצי האָט ווידער אָנגעהויבען צו דערצעהלען... נור פאַבי האָט איהם גלייך אונטערבראָכען:

— דו האָסט, הפּנים, ניט געקענט שלאָפען אויפ'ן נייעם פּלאַץ? איך און דאָס ווייב האָבען געהערט, ווי דו האָסט געשפּיעלט דאָס נעכ־טיגע ליעד.

— יאָ? איהר האָט געהערט? — האָט ארויסגערעדט מוצי — איך האָב געשפּיעלט יענע ליעד, אמת; אָבער פאַר דעם האָב איך גע־שלאָפען, האָב אפילו געזעהן אַ מערקווירדיגען חלום.

וואַלעריאַ האָט אָנגעשטעלט די אויערען.

— וואָס פאַר אַ חלום? — האָט פאַבי געפרעגט.

— מיר האָט זיך גע'חלום'ט — האָט מוצי געענטפערט, ניט ארונ־טערנעהמענדיג די אויגען פון וואַלעריאַ'ן: — אַז איך בין אריין אין אַ גרויסען צימער, וואָס איז אויסגעפּוצט געווען אויפ'ן אָריענטאַלישען שטייגער. אויסגעשניצטע זיילען האָבען אונטערגעשפּאַרט דעם געוועלב, די ווענד זיינען אויסגעפּלאַסטערט געווען מיט קאַכעלס און הגם עס זיי־נען דאָרט ניט געווען ניט קיין פענסטער און ניט קיין ליכט, איז דאָס גאַנצע צימער אָנגעפּילט געווען מיט אַ ראָזעווען שיין, אַזוי ווי עס וואָלט צונויפגעשטעלט געווען פון דורכזיכטיגע שטיינער. אין די ווינק־

לאך האָבען זיך נערוויכערט כינעזישע רויך־פעסער, אויף דער פּאָדלאָגע אויף א טעפּיך זיינען געלעגען גאָלד־געשטריקטע קישענס. איך בין אריין דורך א טהיר, וואס איז פערהאנגען געווען מיט א פּאָרהאַנג, און פון דער אנטקעגענדיגער טהיר, געגענאיבער, איז ארויס א פרויען־צימער, וועלכע איך האָב אמאָל געליעבט. און אזוי שעהן האָט זי זיך מיר אויסגעוויזען, אז איך האָב זיך אין גאנצען אָנגעצונדען מיט דער פריהערדיגער ליעבע...

מוצי איז מיט א פּיעלדייטיגער מינע אנשוויגען געוואָרען. וואַלעריא איז געזעסען אונבעוועגליך און א בלייכקייט האָט לאנגזאם זיך צוגאָסען איבער איהר פּנים... און זי האָט טיעפער גענומען אָטהעמען.

— דאן — האָט מוצי ווייטער גערעדט — האָב איך זיך אויפגעכאַפּט און געשפּיעלט יענע ליעד.

— אָבער ווער איז געווען די פרויענצימער? — האָט ארויסגערעדט פאבי.

— ווער זי איז געווען? דאָס ווייב פון איינעם אַן אינדיאַנער. איך האָב זיך בעקאַנט מיט איהר אין דער שטאָדט דעלי... זי איז שוין מעהר ניטאָ צווישען די לעבעדיגע. זי איז געשטאָרבען.

— און דער מאַן? — האָט ווידער געפרעגט פאבי, ניט וויסענדיג אליין, צו־וואָס ער פרעגט עס.

— דער מאַן, זאָגט מען, איז אויך געשטאָרבען. אין גיכען האָב איך זיי ביידען פון די אויגען פערלאָרען.

— מערקווירדיג! — האָט פאבי בעמערקט — מיין ווייב האָט די נאַכט געזעהן א מאָדנעם חלום, וואָס, האָט זי נאָך מיר ניט דערצעהלט.

מוצי האָט זיך איינגעגעסען מיט די אויגען אין וואלעריא'ס פּנים.

אָבער דאָ האָט זיך וואלעריא אויפגעהויבען און איז ארויס פון'ם צימער.

באלד נאָך פריהשטיק איז מוצי אויך אוועק מיט אַן אויסרייד, אז ער מוז זיין אין פעררארא וועגען נויטיגע געשעפטען און אז אבענד וועט ער ניט זיין צוריק.

VI.

עטליכע וואָכען, איידער מוצי האָט זיך צוריקגעקעהרט, האָט פאַבי געהאַט אָנגעהויבען צו מאָהלען דעם פּאָרטרעט פון זיין ווייב, פאַרשטעלענדיג זי אין דער געשטאַלט פון דער הייליגער צעציליע. אין זיין קונסט האָט ער בעדייטענדען פאָרשריט געמאַכט. דער בעריהמטער לואיני, לעאָנאַרדאָ דע־ווינטשי'ס, תלמיד, איז אָפט געקומען צו איהם נאָך פעררארא, האָט איהם געהאָלפען מיט זיינע עצות און איהם אויך איבערגעגעבען די לעהרע־כללים פון זיין גרויסען לעהרער.

דער פּאָרטרעט איז כמעט שוין אין גאַנצען געווען פאַרטיג; עס איז בלויז פערבליבען צוצוגעבען נור עטליכע שטריכען צום פנים, און פאַבי וואָלט אויף־אָן אמת געקאָנט שטאָלץ זיין אויף זיין ווערק.

באַלד ווי מוצי איז אַוועק אין פעררארא, איז ער אריין צו זיך אין שטודיאָ, וואו וואַלעריא פלעגט געוועהנליך אויף איהם וואַרטען; איצט אָבער האָט ער זי דאָרט ניט געטראָפען; ער האָט זי אַ רוף געטהאָן, זי האָט זיך ניט אָפּגערופען. איז ער עפּעס אונרוהיג געוואָרען און איז אַוועק זי זוכען.

אין הויז איז זי ניט געווען; פאַבי איז אַוועקגעלאָפען אין גאָרטען און דאָרט אין איינער פון די וויטסטע אַלעען האָט ער דערזעהן וואַלעריא'ן. זי איז געזעסען אויף אַ באַנק, דעם קאָפּ אויף דער ברוסט אַרונטערגעלאָזט, די הענד אויף די קניע צו־וואָרפען, און הינטער איהר האָט ארויסגעקוקט, דורך די דונקעל־גרינע בוימער, אַ מראַמאָרנער סאַטיר (געמשקע) מיט אַ פערקרימטען, בייזען שמייכעל אויפ'ן פנים. דער סאַטיר האָט געהאַלטען צונעלייגט זיינע שפּיציגע ליפּען צו אַ פייפעל.

וואַלעריא האָט, קאָנטיג, זיך דערפרעהט, בעת זי האָט איהר מאַן דערזעהן, און אויף זיינע אונרוהיגע פראַגען האָט זי געענטפערט, אַז דער קאָפּ טהוט איהר וועה, אָבער אַז דאָס איז גאָר ניט און אַז זי איז בערייט צו געהן צו פּאָזירען פאַר איהם.

פאַבי האָט זי געבראַכט אין שטודיאָ, זי אַוועקגעזעצט און זיך גענומען צו זיין פּינזיל; אָבער צו זיין גרויסען פערדרוס, האָט ער בשום אופן ניט געקאָנט ענדיגען דעם פנים אַזוי, ווי ער האָט געוואָלט. און

ניט דערפאר, ווייל וואלעריא'ס פּנים האָט היינט אויסגעקוקט אביסע־לע בלייך און אויסגעמאטערט... ניין; נור יענעם ריינעם, הייליגען אויסדרוק, וועלכער איז איהם אַזוי געפעלען געווען אין וואלעריא'ס פּנים און וועלכער האָט איהם דעם געדאנק אריינגעגעבען, פאַרצוּשטע־לען זי אין דער געשטאלט פון דער הייליגער צעציליע, האָט ער היינט ניט געזעהן.

צום סוף, האָט ער אַ וואַרף געטהאָן זיין פּינזיל און געזאָגט זיין פרוי, אַז ער איז היינט ניט אויפגעלייגט און אַז זי אליין האָט זיך אויך געדאַרפט צולייגען אָפּרוהען, ווייל זי זעהט אויס ניט אין גאַנצען געזונד.

ער האָט איבערגעדרעהט דעם מאָלבערט און דאָס בילד מיט'ן פּנים צו דער וואַנד.

וואלעריא איז מיט איהם איינפערשטאַנדען געווען, אַז זי דאַרף זיך צולייגען אָפּרוהען און, זאָגענדיג נאָך אמאָל, אַז דער קאָפּ טהוט איהר וועה, איז זי אין שלאָף־צימער אַוועק.

פאַבּי איז דאָן געבליבען אַליין אין זיין שטודיא. אַ מאָדנע אויפ־רעגונג האָט ער געפיהלט, וואָס ער אַליין האָט ניט געקענט פערשטעהן.

דאָס, וואָס מוצי האָט געוואוינט אונטער זיין דאַך, איז איהם איצט ניט אנגענעהם געווען, כאָטש ער אַליין האָט מוצי'ן געבעטען צו וואוינען ביי איהם. און ניט מחמת ער זאָל אייפערזיכטיג זיין . . . קאָן מען דען זיין אייפערזיכטיג צו וואלעריא'ן! נור אין זיין פריינד האָט ער ניט דערקענט דעם אַמאָליגען חבר. אַלעס יענעם פרעמדעס, אונבע־קאַנטעס, נייעס, וואָס מוצי האָט געבראַכט מיט זיך פון די ווייטע לענ־דער און וואָס איז, דאַכט זיך, איצט געווען אַ טהייל פון זיין, מוצי'ס, וועזען, — די דאָזיגע אַלע מאַגישע קונצען, די לידער, די זאָנדערבאַ־רע וויינען, דער שטומער מאַלאַיעץ, אפילו דער פריקרער גערוך, וואָס האָט זיך געטראָגען פון מוצי'ס קליידער, פון זיינע האָאָר, פון זיין אָטהעם, — דאָס אַלעס האָט געוועקט ביי פאַבי'ן אַ געפיהל, וואָס איז עהנליך געווען צו אונצוטרוי און גאָר צו שרעק.

און וואָרום קוקט עפּעס אַזוי אונאַנגענעהם אויפמערקזאַם דער מאַלאַיעץ, בעת ער דערלאַנגט צום טיש, אויף איהם, פאַבי'ן ? כ'לעבען, מען קאָן מיינען, אַז ער פערשטעהט איטאַליעניש.

מוצי האָט וועגען איהם זיך אויסגעדריקט, אַז אויפאָפּפערענדיג

זיין צונג, האָט דער דאָזיגער מאלאיעץ אַ גרויסען אָפּפער געבראַכט, דערפאַר אָבער בעזיצט ער היינט אַ געוואַלדיגע מאַכט.

— וואָס פאַר אַ מאַכט? און ווי אַזוי האָט ער זי געקאָנט קריגען פאַר זיין צונג? דאָס אַלעס איז עפּעס אַזוי מאָדנע, אַזוי אונפערשטענדליך!

פאַבי איז אריין צו זיין ווייב אין שלאָף־צימער. זי איז געלעגען אויף דער בעט אין די קליידער און האָט ניט געשלאָפען.

דערהערט זיינע טריט, האָט זי זיך אַ צאַפּעל געטהאָן, דערנאָך האָט זי זיך ווידער דערפרעהט מיט איהם, ווי פריהער אינ'ם גאָרטען.

פאַבי האָט זיך געזעצט נעבען איהר אויף דער בעט, אַנגענומען זי פאַר אַ האַנד און נאָך אַ קורצען שווייגען ביי איהר געפרעגט: וואָס פאַר אַ חלום האָט זי אַזוי איבערגעשראָקען די נאַכט? איז עס ניט געוועזן אַזאַ מין חלום, וועגען וועלכען מוצי האָט דערצעהלט?

וואַלעריא איז רויט געוואָרען און האָט שנעל ארויסגעמורמעלט:

— אָה, ניין, ניין! איך האָב געזעהן... עפּעס אַ מין שרעקליכע בעשעפעניש, וואָס האָט מיך געוואָלט צורייסען.

— אַ שרעקליכע בעשעפעניש? אין דער געשטאַלט פון אַ מענשען? — האָט פאַבי געפרעגט.

— ניין, פון אַ חיה... פון אַ חיה!

און וואַלעריא האָט זיך אָפּגעקעהרט און בעגראָבען אין די קישען איהר פלאַמענדיגען פנים.

פאַבי האָט נאָך אַ ווײלע געהאַלטען זיין ווייב'ס האַנד, האָט זי שווייגענדיג צוגעטראָגען צו זיינע ליפּען און איז ארויס.

ניט גאַנץ פרעהליך האָבען פערבראַכט דעם טאָג מאַן און ווייב. זיי האָבען געפיהלט, עפּעס דונקעלעס הענגט איבער זייערע קעפּ... אָבער וואָס אַזוינס דאָס איז, האָבען זיי ניט געקענט אָנרופען. זיי האָט זיך געוואָלט זיין צוזאַמען, אַקוראַט ווי אַ גרויסע געפאַהר וואָלט זיך צו זיי גענעהרט; און ריידען אײנער צום אַנדערען, וואָס זאָגען, האָבען זיי ניט געוואוסט וואָס. פאַבי האָט געהאַט זיך ווידער געפּרובט נעהמען פאַר'ן פּאָטרעט, אָבער אומזיסט; געפּרובט נעהמען לעזען אריאסטא'ן, וואָס זיין פּאָעמא, וועלכע איז ניט לאַנג ערשיענען אין פערראַראַ, האָט שוין געקלונגען איבער גאַנץ איטאַליען, אָבער ער האָט ניט געקענט...

שפעט אין אבענד, פונקט צום נאכטמאל, האט זיך צוריקגעהערט מוצי.

VII.

ער האט אויסגעזעהן רוהיג און צופריעדען, האט אבער וועניג דערצעהלט און זיך אלץ נאכגעפרעגט ביי פאבי'ן אויף זייערע פריי־ הערדיגע בעקאנטע; האט געפרעגט וועגען דער דייטשער מלחמה, וועגען דעם קסר קארל; געזאגט, אז ער האט בדעה אריבערצופאהרען אין רוים, אום צו זעהן דעם נייעם פאפסט.

ער האט ווידער פארגעלייגט וואלעריא'ן צו טרינקען דעם נעכטי־ גען וויין און, ווען זי האט זיך אפגעזאגט, האט ער ארויסגעמורמעלט ווי צו זיך אליין:

— איצט איז שוין ניט נויטיג.

צוריקגעקעהרט זיך מיט וואלעריא'ן אין שלאף־צימער, איז פאבי באלד איינגעשלאפען... און אין א שטונדע ארום, ווען ער האט זיך אויפגעכאפט, האט ער דערזעהן, אז קיינער שלאפט ניט ביי זיין זייט: וואלעריא איז ניט געווען נעבען איהם.

ער האט זיך שנעל אויפגעהויבען און אין דער אייגענער רגע האט ער דערזעהן זיין ווייב אין א נאכט־קלייד, אריינקומענדיג פונ'ם גארטען אין צימער.

די לבנה האט העל געשיינט, הגם ערשט ניט לאנג האט א קליין רעגענדעל געקאפעט.

מיט פערמאכטע אויגען, מיט אן אויסדרוק פון געהיימען שרעק אויפ'ן אונבעוועגליכען פנים, האט זיך וואלעריא צוגעשלעפט צו דער בעט און א טאפ געטהאן זי מיט איהרע פינגער, האט זי זיך שנעל אוועקגעלייגט.

פאבי האט זיך געווענדעט צו איהר מיט א פראגע, זי האט אבער געשווינגען, דאכט זיך, זי האט געשלאפען.

ער האט זיך צוגעריהרט צו איהר, און דערפיהלט אויף איהר

קלייד, אויף איהרע האָאָר — רעגענ־טראָפּענס און אויף די פּאָדאָש־וועס פון איהרע נאַקעטע פיס — זעמדעלאַך.

דאַן איז ער אויפגעשפּרונגען און איז ארויסגעלאָפען אין גאָר־טען דורך די האַלב אָפענע טהיר.

די לבנה האָט בלענדענדיג געשיינט און אַלעס בעלייכטעט אינ'ם גאָרטען.

פאַבי האָט זיך אומגעקוקט און דערזעהן אויפ'ן זאַמדיגען וועג שפּורען פון צוויי פּאָאָר פיס, פון איין פּאָאָר באָרפוסע; און די דאָ־זיגע שפּורען האָבען געפיהרט צו דער לעטאַנקע פון זשעסמינען, וואָס איז געשטאַנען אָן אַ זייט, צווישען דעם פּאַוויליאָן און דעם הויז.

ער איז שטעהן געבליבען אַ צוטומעלטער. און מיט אַמאָל האָט ער ווידער דערהערט די קלאַנגען פון יענעם ליעד, וואָס ער האָט געהערט פאָריגע נאַכט! ער האָט זיך אַ צאַפּעל געטהאָן און איז אריינגעלאָפען אין פּאַוויליאָן . . .

מוצי איז געשטאַנען אין מיטען צימער און געשפּיעלט אויף דער פיעדעל. פאַבי האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן צו איהם.

— ביזט געוועזן אין גאָרטען, ביזט ארויסגעגאַנגען, דיינע קליידער זיינען נאַס פונ'ם רעגען.

— ניין... איך ווייס ניט... דאַכט זיך... איך בין ניט ארויסגע־גאַנגען... — האָט מוצי געענטפערט מיט אַזאַ טאָן, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געוואונדערט, וואָס פאַבי איז געקומען און וואָס ער איז אַזוי אויפ־גערעגט.

פאַבי האָט איהם אָנגעכאַפּט פאַר אַן אָרעם.

— און וואָרום שפּיעלסטו ווידער דאָס דאָזיגע ליעד? עפּעס האָסט דען ווידער געזעהן אַ חלום?

מוצי האָט אָנגעקוקט פאַבי'ן פערוואונדערט און געשוויגען.

— ענטפער!

און שטיל, ווי פון שלאָף, האָט מוצי ארויסגעמורמעלט, זינ־גענדיג:

די לבנה שטעהט, ווי אַ רונדער פאַנציר...
ווי אַ שלאַנג, גלאַנצט דער טייך...
דער פריינד איז וואַך, דער פיינד שלאָפט —
אין די נעגעל ביים רויב־פויגעל איז אַ הינדעלע...

ראטעווע !...

פאבי איז אפגעטראטען עטליכע טריט צוריק, האט אויסגעגלאצט די אויגען אויף מוצי'ן, א ווײלע געטראכט... און זיך צוריקגעקעהרט אין הויז, אין שלאף־צימער.

דעם קאפ אפגעווארפען אויפ'ן אקסעל און די הענד' אונמעכטיג צו־ווארפען, האט וואלעריא געשלאפען מיט א שווערען שלאף. ער האט זי קוים אויפגעוועקט... אבער ווי נור זי האט איהם דערזעהן, אזוי גלייך האט זי זיך איהם אויפ'ן האלז ארויפגעווארפען און, שוידערענדיג איהם ארומגענומען ; דער גאנצער קערפער איהרער האט זיך געטרייסעלט, ווי א בלאט.

— וואס איז דיר, מיין טהייערע, וואס איז דיר ? — האט פאבי גערעדט, וועלענדיג זי בערוהיגען.

אבער זי איז געבליבען ווי פערגליווערט אויף זיין ברוסט.

— אך, וואס פאר א מורא'דיגע חלומות איך זעה ! — האט זי געמורמעלט און זיך געדריקט צו איהם מיט'ן פנים.

פאבי האט זי געהאט געוואלט אויספרעגען... זי האט אבער בלויז געשוידערט...

די שויבען פון די פענסטער האבען זיך אנגעצונדען פון דעם אפשיין פונ'ם מארגען־שטערן, בעת זי האט, צום סוף, איינגעדרעמעלט אין זיינע ארעמס.

VIII.

אויף מארגען אין־דער־פריה איז מוצי פערשוואונדען, און וואלעריא האט ערקלעהרט איהר מאן, אז זי האט בדעה אריבערצופאהרען אין דעם נאהענטען קלויסטער, וואו עס האט געוואוינט איהר בייכטפאטער, אן אלטער און געזעצטער מאנאך, צו וועמען זי האט געפיהלט גרויסען צוטרויען.

ווען פאבי האט ביי איהר געפרעגט, וואס עפעס מיט אמאל האט זיך איהר פערגלוסט אהין צו פאהרען, האט זי געענטפערט, אז זי וויל זיך מתודה זיין פאר איהר בייכטפאטער, אום לייכטער צו מאכען

איהר נשמה, וועלכע ווערט געדריקט פון א שווערע משא זייט די לעצ־טע עטליכע טעג.

קוקענדיג אויף איהר פערפינסטערטען פנים, הערענדיג איהר פער־לאָשענעם קול, האָט פאָבי אליין אויך איהר געהיימען פאַהרען: דער עהרווירדיגער פאָטער לאָרענצאָ קאָן איהר העלפען מיט א ניצליכען ראטה, קאָן זי בערוהיגען...

בעגלייט פון פיער בעגלייטער, איז וואַלעריא אוועקגעפאָהרען אין קלויסטער און פאָבי איז געבליבען אין דער היים.

ער איז ארומגעגאַנגען איבער'ן גאָרטען און האָט אַלץ געטראַכט, וואָס אזוינס האָט פּאַסירט מיט זיין ווייב די לעצטע עטליכע טעג. און בעת דעם האָבען זיין נשמה געמוטשעט אנגסט, צאָרן און וועהטאָג פון אונבעשטימטע פערדאַכטען...

ער איז ניט איינמאָל אריין אין פּאַוויליאָן, אָבער מוצי האָט זיך נאָך ניט צוריקגעקעהרט און דער מאַלאיער האָט געקוקט אויף פאָבי'ן, ווי א גולם, מיט אַן אונטערטעהניג איינגעבויגטען קאָפּ און מיט א זעהר, זעהר — אזוי, לכל הפחות, האָט זיך אויסגעדאַכט פאָבי'ן — געהיימען שמייכעל אויף זיין בראָנזענעם פנים.

דערווייל האָט וואַלעריא אַלעס דערצעהלט איהר בייכטפאָטער מיט גרויס שרעק אין קול און אין די אויגען.

דער בייכטפאָטער האָט זי גוט אויסגעהערט, האָט זי געבענשט, מוחל געווען איהר נגנגען־איהר־ווילענדיגע זינד און ביי זיך האָט ער א קלעהר געטהאָן: „כישוף, כישוף פון ניט גוטע... אזוי טאָר מען ניט לאָזען"... און צוזאַמען מיט וואַלעריא'ן איז ער אוועק אין איהר ווילא, מיט דעם תירוץ, זי אין גאַנצען צו בערוהיגען און טרייסטען.

ווען פאָבי האָט דערזעהן דעם בייכטפאָטער, איז ער אביסעלע אונרוהיג געוואָרען; אָבער דער ערפאַהרענער אַלטינקער האָט נאָך פריי־הער ארומגעטראַכט, ווי צו האַנדלען און וואָס צו זאָגען.

בלייבענדיג אויג אויף אויג מיט פאָבי'ן, האָט ער, נאַטירליך, ניט ארויסגעגעבען וואַלעריא'ס סוד, וואָס זי האָט איהם דערצעהלט, בעת זי האָט זיך מתודה געווען; דאָך האָט ער געראַטהען פאָבי'ן, ער זאָל, וואָס שנעלער, דערוויטערען מוצי'ן פון זיין הויז, ווייל מיט זיינע מע־שות און ליעדער, און זיין גאַנצער אויפפיהרונג רייצט ער אויף די פאַנטאַזיע ביי וואַלעריא'ן. אויסער דעם, — האָט דער אַלטינקער גע־

זאָגט — איז מוצי פריהער אויך ניט געווען, דאכט זיך, שטאַרק רע־ליגיעז און איצט, אז ער איז אָפּגעוועזן אזא לאַנגע צייט אין די גע־צענדיענערשע לענדער, איז ער מסתמא געקומען פון דאָרט מיט פאַלשע תורות, האָט זיך מסתמא דאָרט בעקאַנט מיט די סודות פון כישוף, דע־ריבער, הגם ער איז זיינער אַן אַלטער פריינד, פאָרדערט דער אויסגע־רעכענטער פערשטאַנד, אַז ער זאָל זיך מיט איהם צוגעהן.

פאַבי איז געווען איינפערשטאַנדען מיט דעם עהרווירדיגען אַל־טינקען און וואַלעריא אליין האָט זאָגאָר אין גאַנצען אויפגעשטראַהלט, בעת דער מאַן האָט איהר איבערגעגעבען, וואָס דער בייכטפּאָטער האָט געראַטהען; און בעגלייט מיט גוטע צו־ווינשונגען פון מאַן און ווייב, און בעשענקט מיט רייכע פּרעזענטען פאַר דעם קלויסטער און פאַר אָרימע לייט, איז פּאָטער לאָרענצא אָפּגעפּאָהרען אהיים.

פאַביע האָט בדעה געהאַט באַלד נאָכ'ן נאַכטמאָל צו זאָגען מוצי'ן, ער זאָל זיך ארויסציהען, אָבער דער זאָנדערבאַרער גאַסט זיינער האָט זיך צום נאַכטמאַהל ניט צוריקגעקעהרט. דאן האָט פאַבי בעשלאָסען אָפּצולייגען זיין געשפּרעך מיט מוצי'ן ביז אויף מאָרגען און מאַן און ווייב זיינען אוועק רוהען.

IX.

וואַלעריא איז באַלד איינגעשלאָפען; אָבער פאַבי האָט ניט געקענט איינשלאָפען. אין דער שטילקייט פון דער נאַכט האָט זיך איהם לע־בעדיגער פאָרגעשטעלט אַלעס, וואָס ער האָט געזעהן, וואָס ער האָט דורכגעפּיהלט; ער האָט נאָך אייפגעשפּאַרטער געשטעלט זיך פראַגען; אויף וועלכע ער האָט, ווי פריהער, קיין ענטפער ניט בעקומען.

זאָל טאַקי זיין אמת, אַז מוצי איז געוואָרען א מכשף? און צי האָט ער גאָר ניט פער'סם'ט וואַלעריא'ן? זי איז קראַנק... אָבער וואָס איז איהר קראַנקהייט?...

בעת ער האָט זיך אזוי געמוטשעט מיט די דאָזיגע פראַגען, פער־לייגט די הענד הינטער'ן נאַקען, איז די לבנה אויפגעגאַנגען אויף דעם לויטערען הימעל, און צוזאַמען מיט איהרע שטראַהלען האָט זיך אַריינ־געריסען דורך די האַלב־דורכזיכטיגע שויבען פון די פענסטער, פון דער זייט פונ'ם פּאַוויליאָן — אָדער האָט זיך עס אויסגעוויזען פאַביא'ן?

— אַ צוג, עהנליך צו אַ לייכטען, דופטענדיגען שטראַהם... אַט הערט זיך אַ דערעסענדיג, ליידענשאַפטליך שעפּצער... און אין דער אייגענער רגע האָט ער בעמערקט, אַז וואַלעריא הויבט אָן זיך צו ריהרען. ער האָט זיך אַ צאַפּעל געטהאָן, קוקט: זי הויבט זיך אויף, לאָזט אַרונטער אַפּרי־הער איין פוס, דערנאָך די צווייטע פון דער בעט און, ווי אַ נאַכטוואַנד־לערין, אויסגעגלאָצט גלייך פאַר זיך די אויסגעלאָשענע אויגען און אויס־געשטרעקט אין פאָראויס איהרע הענד, נעהמט זי געהן צו דער גאַרטען־טהיר.

פאַבי איז פייל פון בויגען אַרויסגעלאָפען דורך אַ צווייטע טהיר פונ'ם שלאָף־צימער און, אַרומלויפענדיג דעם ווינקעל פון הויז, האָט ער צוגעשלאָסען יענע טהיר, וואָס האָט געפיהרט אין גאָרטען אַריין...

ער האָט נאָך ניט צייט געהאַט פערשליסען דעם שלאָס, ווי ער האָט דערפיהלט, אַז עמיצער מאַטערט זיך מיט אַלע כוחות צו עפענען די טהיר פון אינוועניג, לייגט זיך אָן אויף איהר, שטופּט זי, רייסט זי, וויטער און ווידער... נאָך און נאָך... דאַן האָט זיך דערהערט אַ צאַ־פּעלדיג קרעכץ...

— אָבער מוצי איז דאָך ניטאָ צוריק פון שטאָדט — האָט פאַבי אַ טראַכט געטהאָן, און ער האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן צום פּאַוויליאָן.

און וואָס זעהט ער?

איהם אַנטקעגען, איבער'ן וועג, וואָס איז פערגאָסען מיט די בלענדענדיגע שטראַהלען פון דער לבנה, געהט, אויך ווי אַ נאַכטוואַנד־לער, אויך די הענר אויסגעשטרעקט אין פאָראויס און די אויגען טויט אויסגעגלאָצט, — געהט מוצי...

פאַבי לויפט צו צו איהם... אָבער יענער, ניט בעמערקענדיג איהם, געהט טראָט ביי טראָט, ווי מיט אויסגעמאָסטענע טריט, און זיין אונבעוועגליכער פּנים לאַכט אונטער דעם שיין פון דער לבנה, ווי ביי דעם מאַלאַיעץ... פאַבי וויל איהם אַ רוף טהאָן ביים נאָמען... נור אין דער אייגענער רגע דערהערט ער, הינטער איהם, אין הויז האָט אַ פענסטער אַ קאַלפּ געטהאָן.. ער טהוט זיך אַ כאַפּ...

ער זעהט: דאָס פענסטער פונ'ם שלאָף־צימער איז אָפען פון אויבען ביז אונטען, און מיט איין פוס אַרונטערגעלאָזט, שטעהט וואַ־לעריא אינ'ם פענסטער... איהרע הענד ווי זיי וואָלטען געזוכט מו־ציע'ן... זי ציהט זיך צו איהם, ציהט זיך אין גאַנצען...

און א כוואַליע פון ווילדען צאָרן האָט אַ שטראָהם געטהאָן איבער פאבי'ס ברוסט, און ער האָט ווילד אויסגעשריען:

— פערפלוכטער מכשף!

דערביי האָט ער מיט איין האַנד אָנגעכאַפּט מוצי'ן פאר'ן האַלז, מיט דער צווייטער — אָנגעכאַפּט דעם קינזשאַל הינטער זיין גאַרטעל און דעם שאַרף אריינגערוקט איהם אין זייט ביז'ן הענטעל.

מוצי האָט ווילד אַ געשריי געטהאָן און, דריקענדיג דעם לאַדאָן צו דער וואונד, איז ער אַוועקגעלאָפען שוואַנקענדיג צוריק אין פּאַוויליאָן...

אָבער אין דער אייגענער רגע, בעת פאבי האָט געשטאָכען מוצי'ן, האָט וואַלעריאַ אויך ווילד אָנגעהויבען צו שרייען און איז געפאַלען, ווי אַ דער'הרג'עטע, צו דער ערד.

פאבי האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן צו איהר, אויפגעהויבען זי, אַוועקגעטראָגען זי צו דער בעט, גערעדט צו איהר...

זי איז לאַנג געלעגען אונבעוועגליך; אָבער, צום סוף, האָט זי געעפענט די אויגען, טיעף־טיעף אָפּגעזיפצט, און מיט אַ שטורמישער פרעהליכקייט, אַזוי ווי אַ מענש, וואָס מען וואָלט אָקאָרשט געהאַט געראַטעוועט פון זיכערען טויט, האָט זי, דערזעהענדיג דעם מאַן, זיך אַרומגעכאַפּט מיט די הענד אַרום זיין נאַקען און זיך צוגעדריקט צו איהם.

— דו, דו, דו, דאָס ביזטו! — האָט זי געמורמעלט.

ביסלעכווייז האָט זי איהרע הענד בעפרייט; זי האָט דעם קאָפּ אָפּגעוואָרפען און, ארויסשעפּצענדיג מיט אַ גליקליכען שמייכעל: „געלויבט איז גאָט, אַלעס געענדיגט... אָבער ווי איך בין מיעד!" — איז זי אַנשלאָפען געוואָרען מיט אַ שטאַרקען, אָבער לייכטען שלאָף.

X.

פאבי האָט זיך אויף די קניע אַרונטערגעלאָזט נעבען איהר געלעגער און, קוקענדיג אויף איהר בלייכען, אָפּגעמאַגערטען, אָבער שוין בערוהיגטען פּנים, האָט ער גענומען טראַכטען וועגען דעם, וואָס איז פאָרגעקומען... און אויך וועגען דעם, ווי ער זאָל איצט האַנדלען. וואָס

זאָל ער איצט טהאָן? אויב ער האָט ערמאָרדעט מוצי'ן — און דערמאָנט זיך, ווי טיעף ער האָט יענעם אריינגעזעצט דעם קינזשאַל אין זייט, איז ביי איהם קיין ספק ניט געווען, אַז מוצי לעבט שוין ניט מעהר — אויב ער האָט מוצי'ן ערמאָרדעט, קען מען עס דאָך ניט פערבאָרגען! מוז מען ווענען דעם לאָזען וויסען דעם הערצאָג, די ריכטער... אָבער ווי ערקלעהרט מען זיי, ווי דערצעהלט מען זיי אַזאַ אונפערשטענדליכען פערברעכען? ער, פאבי, האָט ערמאָרדעט ביי זיך אין הויז זיין קרוב, זיין בעסטען פריינד! מען וועט נעהמען פרעגען: פאַר־וואָס? פאַר־ווען?...

אָבער אפשר איז מוצי ניט ערמאָרדעט?

פאבי האָט דערפיהלט, אַז ער מוז זיך איבערצייגען, צו מוצי לעבט, צו ניט. און, איבערגעלאָזט זיין שלאָפעדיג ווייב אינ'ם צימער, איז ער פאָרזיכטיג ארוים פון הויז און אוועק צום פּאַוויליאָן.

דאָרט איז געווען שטיל, בלויז אין איין פענסטער האָט זיך געזעהן אַ שיין.

מיט אַ פער'חלש'טען הארצען האָט ער געעפענט די טהיר פונ'ם פּאַוויליאָן (אויף איהר זיינען געווען שפּורען פון פערבלוטיגטע פינגער און איבער'ן זאמדיגען וועג האָבען אויך געדונקעלט טראָפּענס בלוט) — איז אריין אין דעם ערשטען דונקעלען צימער... און איז שטעהן געבליבען אויפ'ן שוועל צוטומעלט.

אין מיטען צימער, אויף אַ פּערסישען טעפּיך, מיט אַ גאָלדגעשטריקטער קישען צוקאָפּענס, צוגעדעקט מיט אַ ברייטען, רויטען טוך מיט שווארצע פּאַסען, איז געלעגען, אויסגעצויגען מיט אַלע גליעדער, מוצי. זיין פּנים, געל ווי וואקס, מיט פערמאַכטע אויגען, מיט בלוי־געוואָרענע אויגען־ליעדער, איז געווען געווענדעט צום סופיט. קיין סימן פון אַן אָטהעם האָט זיך ניט געמערקט, מוצי האָט אויסגעזעהן טויט, דאכט זיך. צופוסען נעבען איהם איז געשטאַנען אויף די קניע דער מאַלאַיעץ, אויך איינגעוויקעלט אין אַ רויטען טוך. אין זיין לינקער האנד האָט ער געהאַלטען אַ צווייגעל פון עפּעס אַן אונבעקאַנטער פלאַנצונג און, אויסגעבויגט זיך אין פאָראויס, האָט ער די אויגען ניט אַרונטערגענומען פון זיין בעל הבית.

אַ קליינער פּאַקעל, וואָס איז אריינגעשטעקט געווען אין דער

פּאָדלאָגע, האָט געברענט מיט א גרינליכען פלאם און בעלייכטעט דאָס צימער.

דער פלאם האָט ניט געציטערט און זיך ניט גערויכערט.

ווען פאבי איז אריין, האָט דער מאלאיעץ זיך ניט א ריהר גע־טהאָן, האָט בלויז איהם אָנגעקוקט און ווידער אָנגעשטעלט זיינע אויגען אויף מוצי'ן.

פון צייט־צו־צייט האָט ער אויפגעהויבען און ארונטערגעלאָזט דעם צווייגעל, געפּאָכעט מיט איהם אין לופטען, און זיינע שטומע לי־פּען האָבען לאנגזאם זיך געעפענט און בעוועגט, אזוי ווי זיי וואָלטען ארויסגעבראכט קלאנגלאָזע ווערטער.

צווישען דעם מאלאיעץ און מוצי'ן איז געלעגען אויף דער פּאָד־לאָגע דער קינזשאל, מיט וועלכען פאבי האָט געשטאָכען זיין פריינד. דער מאלאיעץ האָט איינמאָל א שמיץ געטהאָן מיט'ן צווייגען איבער דעם פערבלוטיגטען שארף. עס איז פאראיבער איין מינוט... צוויי. פא־בי איז צוגעגאנגען צום מאלאיעץ, האָט זיך צוגעבויגט צו איהם און שטיל ארויסגעמורמעלט:

— געשטאָרבען?

דער מאלאיעץ האָט א מאך געטהאָן מיט'ן קאָפּ פון אויבען ארונ־טער און, בעפרייט זיין רעכטע האנד פון אונטער'ן טוך, האָט ער מיט א בעפעהלינדיגער בעוועגונג אָנגעוויזען אויף דער טהיר.

פאבי האָט נאָך אמאָל געוואָלט פרעגען, אויב מוצי איז טויט, אָבער די האנד האָט ווידער אָנגעוויזען אויף דער טהיר, און פאבי איז ארויסגעגאנגען אויפגעבראכט און פערוואונדערט.

ווען ער איז צוריקגעקומען אין שלאָף־צימער, האָט וואלעריא גע־שלאָפען אזוי געשמאק ווי פריהער און איהר פנים האָט אויסגעזעהן נאָך רוהיגער.

ער האָט זיך ניט אויסגעטהאָן, געזעצט זיך ביים פענסטער, אונ־טערגעשפּאַרט דעם קאָפּ מיט א האנד און ווידער גענומען טראכטען. די ערוואכטע זון האָט איהם געטראָפען אויף דעם זעלביגען אָרט. וואלע־ריא האָט זיך ניט אויפגעכאפּט.

XI.

פאבי האָט געוואָלט וואַרטען, ביז זי וועט זיך אויפכאַפּען און דערנאָך פאָהרען אין פערראַראַ. פלוצים האָט עמיצער שטיל אָנגע־קלאַפּט אין די טהיר פון'ם שלאָף־צימער. פאבי איז ארויס און דערזעהן פאר זיך זיין אַלטען קאַמערדיענער, אַנטאָניאָ'ן.

— סיניאָר — האָט דער אַלטער געזאָגט — דער מאַלאַיעץ האָט אונז נור וואָס געלאָזט וויסען, אַז סיניאָר מוצי איז קראַנק געוואָרען און וויל זיך איבערקלייבען מיט זיינע זאַכען אין שטאָדט אריין; און דעריבער בעט ער אייך, איהר זאָלט איהם געבען עטליכע מענשען, וואָס זאָלען איהם העלפען איינפּאַקען די זאַכען, און צום מיטאָג, בעט ער, זאָל מען איהם צושיקען עטליכע פערד פאר די זאַכען און פאר זיי.

— דער מאַלאַיעץ האָט עס דיר ערקלעהרט — האָט פאבי גע־פרעגט — ווי אזוי? ער איז דאָך א שטומער?

— אָט, סיניאָר, איז דאָס פּאַפּיר, אויף וועלכען ער האָט עס אַלעס אויפגעשריבען אויף אונזער שפּראַך.

— זעהר ריכטיג געשריבען. און מוצי, זאָגסטו, איז קראַנק?

— יאָ, זעהר קראַנק. מען קען איהם אפילו ניט זעהן.

— האָט מען געשיקט נאָך א דאָקטאָר?

— ניין, דער מאַלאַיעץ לאָזט ניט.

— און דאָס האָט דער מאַלאַיעץ אליין אָנגעשריבען?

— יאָ, ער.

פאבי האָט א ווײַלע געשוויגען, דערנאָך האָט ער ארויסגע־רעדט:

— גוט, זעה, זיין פערלאַנג זאָל בעפריעדיגט ווערען.

אַנטאָניאָ איז אוועק.

פאבי האָט מיט צומישטע אויגען נאָכגעקוקט זיין אַלטען דיע־נער, ביז יענער איז פערשוואונדען.

— הייסט עס, מוצי לעבט נאָך? — האָט ער א טראַכט געטהאָן, און ניט געוואוסט, צו זאָל ער זיך פרעהען וועגען דעם, צו דאָס זאָל

איהם פערדריסען: — ער איז קראנק? אָבער מיט עטליכע שעה צוריק האָט ער דאָך געזעהן איהם אַ טויטען!

פאבי האָט זיך צוריקגעהערט צו וואַלעריא'ן. זי האָט זיך אויפ־געכאַפּט און אויפגעהויבען דעם קאָפּ. מאַן און ווייב האָבען זיך אָנגע־קוקט מיט אַ לאַנגען, פיעלדייטיגען בליק.

— ער איז שוין ניטאָ מעהר? — האָט פּלוצים ארויסגערעדט וואַלעריא.

פאבי האָט אַ ציטער געטהאָן.

— ווי... ניטאָ?... דו האָסט דען...

— ער איז אַוועקגעפאָהרען? — האָט וואַלעריא ווידער גע־פרעגט.

פאבי'ן איז לייכטער געוואָרען אויפ'ן הארצען און ער האָט גע־ענטפערט:

— נאָך ניט, אָבער ער פאָהרט היינט אַוועק.

— און איך וועל איהם מעהר קיינמאָל ניט זעהן, קיינמאָל?...

— קיינמאָל, וואַלעריא.

— און די מורא'דיגע חלומות וועל איך שוין אויך מעהר ניט זעהן?

— ניין וואַלעריא.

וואַלעריא האָט ווידער פרעהלאָך אויפגעאָטהעמט; אַ גליקליכער שמייכעל איז ווידער ארויסגעטראָטען אויף איהרע ליפּען. זי האָט אויסגעשטרעקט ביידע הענד צום מאַן.

— און מיר וועלען קיינמאָל, קיינמאָל וועגען איהם ניט ריידען, דו הערסט, מיין ליעבער? און פונ'ם צימער וועל איך אויך ניט ארויס, ביז ער וועט ניט אַוועקפאָהרען. שיק דו אהער מיינע דיענסטען... יאָ, וואַרט: נעהם אָט דאָס — זי האָט אָנגעוויזען אויפ'ן האלז־שנירל, וואָס איז געלעגען דאָרט אויפ'ן קליינעם טישעל, אויפ'ן האלז־שנירעל, וואָס מוצי האָט איהר געשענקט: — און וואַרף דאָס גלייך אריין אין דעם טיעפסטען ברונים אונזערען. נעהם מיך ארום, איך בין דיין וואַ־לעריא — און קום ניט צוריק צו מיר, ביז... יענער איז ניט אַוועקגע־פאָהרען.

פאבי'ן האָט זיך מורא'דיג געוואָלט וויסען, וואָס טהוט זיך דאָרט

בען זיך איהם אויסגעוויזען ווי אויסגעלאָשען — און האָט געטהאָן אַזוי, ווי דאָס ווייב האָט איהם געהייסען.

דערנאָך האָט ער זיך אַרומגעשלעפּט איבער'ן גאָרטען, קוקענדיג פון דער ווייטענס אויפ'ן פּאַוויליאָן, פון וועלכען מענשען האָבען גע־שלעפּט קופערטס, פּעק און האָבען זיי געפּאַקט אויף די רוקענס פון פערד. דעם מאַלאיעץ האָט מען ניט געזעהן צווישען די דאָזיגע מענ־שען.

פּאָבי'ן האָט זיך מוראדיג געוואָלט וויסען, וואָס טהוט זיך דאָרט אינוועניג אין פּאַוויליאָן, אַ געוואַלדיגע קראַפט האָט איהם אהין גע־צויגען.

ער האָט זיך דערמאָהנט, אַז פון הינטען איז פאַראַן אַ געהיימע טהיר, דורך וועלכע מען קאָן אַריינגעהן אונבעמערקט אין דאָס צימער, וואו אין־דער־פריה איז געלעגען מוצי.

ער האָט זיך צוגע'גנב'עט צו יענער טהיר, זי געטראָפען ניט פער־שלאָסען, און פונאַנדערדרוקענדיג אַ שווערען פאָרהאַנג, האָט ער גע־וואָרפען אַן אונענטשלאָסענעם בליק.

XII.

מוצי איז שוין ניט געלעגען אויפ'ן טעפּיך. אָנגעטאָן אין רייזע־קליידער, איז ער געזעסען אין אַ פאַטעל, האָט אָבער אויסגעזעהן אַ בר מינן, אַזוי ווי פריהער, בעת ער איז אויפ'ן טעפּיך געלעגען. זיין טויטער קאָפּ איז געלעגען אָפּגעוואָרפען אָן דער ווענטעל פונ'ם פאַטעל און די אויסגעצויגענע הענד זיינען געלעגען, ווי געלע קלעצלאַך, אויף זיינע קניע. זיין ברוסט האָט זיך ניט געהויבען.

נעבען פאַטעל, אויף דער פּאָדלאָגע, וואָס איז בעשאָטען געוועזען מיט טרוקענע בלעטער, זיינען געשטאַנען עטליכע פלאַכע קריגלאַך מיט עפּעס אַ מין דונקעלער פליסיגקייט, פון וועלכער עס האָט זיך גע־טראָגען אַ שטאַרקער, כמעט שטיקענדיגער גערוך, אַ גערוך פון מוסקוס. אַרום יעדען קריגעל איז געלעגען צונויפגעדרעהט אַ קליינע שלאַנג פון מעש־קאָליר, וואָס האָט צייטענווייז געפינקעלט מיט איהרע גאָלדענע

אויגעלאַך. און נאָהענט נעבען מוצי'ן, אַ צוויי טריט פון איהם, איז געשטאַנען. די לאַנגע געשטאַלט פון דעם מאַלאַיעץ, אָנגעטאָן אין אַ גאָלד־געשטריקטען, בונטפאַרביגען קלייד, אונטערגעגאַרטעלט מיט אַן עק פון אַטיגער. מיט אַ הויכער הוט אויף'ן קאָפּ.

ער איז אָבער ניט געשטאַנען אויף איין אָרט אונבעוועגליך: דאָ האָט ער עהרענפורכטיג זיך געבויגט, אַזוי ווי ער וואָלט תפילה גע־טהאָן, דאָ האָט ער זיך ווידער אויסגעגלייכט אין זיין גאַנצען וואוקס, האָט זיך אפילו אויסגעצויגען אויף די שפּיץ־פינגער; דאָ האָט ער לאַנגזאַם און ברייט צו־וואָרפען די הענד און דאָ האָט ער ווי מיט עפּעס אַן עקשנות געמאַכט מיט זיי אין דער ריכטונג, וואו מוצי איז געזעסען, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער סטראַשעט אָדער בעפעהלט, האָט בעוועגט פינסטער מיט די ברעמען און געטופּעט מיט די פיס.

די דאָזיגע אַללע בעוועגונגען האָבען איהם הפנים געקאָסט אַ סך מיה; האָבען איהם געמוזט פערשאַפען ליידען, וואָרום ער האָט שווער געאָטהעמט און זיין פנים איז נאַס געוועזען פון שוויים.

פּלוצים איז ער פערגליווערט געוואָרען אויף איין אָרט, און, אָנ־געהמענדיג אַ פולע ברוסט מיט לופט, און פערקנייטשענדיג דעם שטערן, האָט ער אויסגעשטרעקט און אַ ציה געטהאָן צו זיך זיינע צונויפגעדריק־טע הענד, אַזוי ווי ער וואָלט אין זיי לייצעס געהאַלטען... און, ווי פער־ציטערט איז געוואָרען פאַבי, בעת ער האָט דערזעהן, ווי מוצי'ס קאָפּ האָט לאַנגזאַם ארונטערגעשוועבט פון דער ווענטעל פונ'ם פאַטעל און זיך גענומען ציהען נאָך דעם מאַלאַיעץ'ס הענד...

דער מאַלאַיעץ האָט ארונטערגעלאָזט די הענד, און מוצי'ס קאָפּ איז ווידער שווער געפאַלען אויף דער ווענטעל פונ'ם פאַטעל. דער מאַ־לאַיעץ האָט ווידער געמאַכט זיינע בעוועגונגען מיט די הענד און מוצי'ס קאָפּ האָט זיך ווידער געצויגען נאָך זיי...

די דונקעלע פליסיגקייט אין די קריגלאַך האָט אָנגעהויבען צו קאָ־כען; די קריגלאַך אליין האָבען גענומען קלינגען מיט אַ דינעם קלאַנג, און די קליינע שלענגעלאַך פון מעש־קאַליר האָבען זיך ריהרען און דרעהן גענומען אַרום יעדען קריגעל בעזונדער. דערנאָך האָט דער מאַלאַיעץ אַ טראַט געטהאָן אין פאַראויס און, פערייסענדיג הויך זיינע ברעמען און אויסשצירענדיג מורא'דיג ברייט זיינע אויגען, האָט ער אַ מאַך געטהאָן מיט'ן קאָפּ צו מוצי'ן... און די אויגען־ליעדער פון דעם בר

מינן האָבען אַ ציטער געטהאָן, האָבען זיך פונאַנדערגעקלעבט און פון הינטער זיי האָבען זיך בעוויזען די שוואַרץ־אפעלס, וואָס האָבען געהאַט דעם קאָליר פון בליי.

מיט שטאָלצען טריאומף און פרייד, מיט כמעט בייזער פרייד, האָט גענומען שטראַהלען דעם מאַלאיעץ'ס פּנים; ער האָט ברייט פונאַנדערגעעפענט זיינע ליפּען און פון דער טיעפעניש פון זיין האַלז האָט זיך מיט מיה ארויסגעריסען אַ לאַנגער, ווילדער, קלאַנג, עהנליך צו אַ וואויען...

מוצי'ס ליפּען האָבען זיך אויך געעפענט און אַ שוואַכער קרעכץ האָט אויף זיי גענומען ציטערען אַלס ענטפער יענעם ניט־מענשליכען קלאַנג...

און דאָן האָט פאַבי לענגער ניט אויסגעהאַלטען: עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז ער געפינט זיך ערגעץ צווישען שדים און רוחות; ער האָט אויך גענומען שרייען און זיך געלאָזט לויפען אַ פערציטער־טער אהיים, פּרעפּלענדיג תפילות און צלם'ענדיג זיך.

XIII.

אַן ערך אין אַ דריי שעה ארום איז צו איהם געקומען אַנטאָניא מיט דער בשורה, אַז אַלעס איז שוין פאַרטיג, די זאַכען אַלע איינגע־פּאַקט, און סיניאָר מוצי איז רייזע־פאַרטיג.

ניט ענטפערענדיג אַנטאָניאָ'ן קיין וואָרט, איז פאַבי ארויס אויף דער טעראַסע, פון וואַנען עס האָט זיך געזעהן דער פאַוויליאָן.

עטליכע אָנגעלאָדענע פערד זיינען דאָרט געשטאַנען; צום גאַ־ניק האָט מען צוגעפיהרט אַ מעכטיגען שוואַרצען זשערעבעץ מיט אַ ברייטען זאָטעל פאַר צוויי רייטער. דערביי זיינען אויך געשטאַנען עטליכע אָהן היטלען און בעוואָפּענטע בעגלייטער.

די טהיר פונ'ם פאַוויליאָן האָט זיך געעפענט, און מוצי, אָנגעשפּאַרט אָן דעם מאַלאיעץ, איז ערשיענען. ער איז געווען אָנגע־טאָן, ווי אַלע מאָל, אין די זעלבע קליידער. זיין פּנים איז געווען טויט און די הענד זיינען ביי איהם געהאַנגען, ווי ביי אַ בר מינן, ער האָט

זיך בעוועגט... יאָ ! האָט זיך בעוועגט אויף די פיס, און, ווען מען האָט איהם ארויפגעזעצט אויפ'ן פערד, האָט ער זיך געהאַלטען גלייך און אָנגעכאַפּט די לייצעס.

דער מאַלאַיעץ האָט איהם אריינגעטהאָן די פיס אין די רימענס פונ'ם זאָטעל, איז ארויפגעשפּרונגען אליין אויפ'ן זאָטעל, אהינטער איהם, האָט איהם אָנגענומען ביי דער טאַליע און אַלעס האָט זיך אַ ריהר געטהאָן.

די פערד זיינען געגאַנגען טראָט ביי טראָט, און בעת זיי זיינען פערבייגעגאַנגען דאָס הויז, האָט פּאבי'ן זיך אויסגעדאכט, אַז אויף מוצי'ס דונקעלען פּנים האָבען אַ מיניע געטהאָן צוויי ווייסינקע פינ־טעלאך... שוין־זשע האָט ער אַ גלאָץ געטהאָן אויף איהם מיט די ווייס־אַפּעלס ?...

בלויז דער מאַלאַיעץ אליין האָט זיך אַ נויג געטהאָן צו איהם... מיט שפּאָט, ווי געוועהנליך.

האָט דאָס אַלעס וואַלעריא אויך געזעהן ? די לאָדען פון איהרע פענסטער זיינען צוגעמאַכט געווען... נור אפשר איז זי דאָרט געשטאַ־נען פערבעהאַלטען הינטער זיי.

XIV.

צום מיטאָג איז זי געקומען אין עס־צימער און איז געווען זעהר רוהיג און צערטליך ; דאָך האָט זי זיך נאָך אַלץ געקלאָגט, אַז זי איז מיעד ; אָבער פון דער פריהערדיגער שטענדיגער אויפרעגונג, פון דער פריהערדיגער צומישטקייט און געהיימען שרעק איז דער לעצטער שפּור געווען פערשוואונדען, און אויף מאָרגען נאָך מוצי'ס אָפּפאָהר, בעת פּאבי האָט זיך ווידער גענומען פאַר איהר פּאָטרעט, האָט ער געפונען אין איהר פּנים יענעם ריינעם אויסדרוק, וואָס זיין פלעצליכע פער־שווינדען, האָט איהם אַזוי צומישט... און דאָס פּינזעל איז אַוועקגע־פלויגען איבער'ן לייווענד לייכט און זיכער.

מאַן און ווייב האָבען ווידער גענומען לעבען ווי פריהער. מוצי איז פאַר זיי פערשוואונדען, אַקוראַט ווי ער וואָלט קיינמאָל אויף דער

וועלט ניט געוועזן. און פאבי און וואַלעריא, ביידע האָבען אקוראט ווי אָפּגעמאַכט צווישען זיך, אַז זיי זאָלען איהם קיינמאָל ניט דערמאָנען ניט מיט אַ פּיפּס אפילו, ניט קימערען זיך, צו ער לעבט, צו ער איז טויט. אנב, האָט עס קיינער ניט געוואוסט: מוצי איז אַזוי ווי אין וואַסער אריין...

און אַמאָל, בעת פאבי'ן האָט זיך אויסגעדאכט, אַז עס איז זיין פפליכט צו דערצעהלען וואַלעריא'ן, וואָס איז אויף אַן אמת פאָרגעקומען" אין יענער נאַכט... האָט זי, הפנים, פערשטאַנען, וואָס ער וויל איהר דערצעהלען און זי האָט דעם אָטהעם פערהאַלטען און די אויגען פער־קנייטשט, אַקוראַט ווי זי וואָלט ערוואַרטעט אַ שווערען קלאַפּ..

און פאבי האָט זי פערשטאַנען: ער האָט זי געשאָנעוועט און ניט דערצעהלט.

און איינמאָל אין אַ שעהנעם יעסין־טאָג, בעת פאבי האָט געענ־דיגט דאָס בילד פון זיין צעציליע, איז וואַלעריא געזעסען פאר'ן אָרגאַן און איהרע פינגער האָבען געוואַנדערט איבער די קלאַווישען... פלו־צים, געגען איהר ווילען, האָט אונטער איהרע פינגער גענומען הילכען יענע ליעד פון דער טריאומפפירענדער ליעבע, וועלכע מוצי האָט אַמאָל געשפּיעלט, און אין דער אייגענער רגע האָט זי דערפיהלט אין זיך, דאָס ערשטע מאָל זינט זי איז פערהייראַטעט, אַ צאַפּעל פון אַ נייעם לעבען...

וואַלעריא האָט זיך אַ טרייסעל געטהאָן און שפּיעלען אויפגע־הערט...

וואָס זאָל דאָס בעדייטען? שוין־זשע...

* * *

אויף דעם דאָזיגען וואָרט האָט זיך געענדיגט דער אַלטער מאַ־נוסקריפּט.

צוויי פריינד

צוויי פריינד

אינ'ם פריהלינג פון יאָהר 18... איז באָריס אַנדרעאיטש וויזאָונין, אַ יונגער מאַן פון אַ יאָהר זעקס־און־צוואַנציג, געקומען צופאַהרען אין זיין גוט, וואָס איז געלעגען אין איינער פון די גובערניעס פון דער מיטעלסטער טהייל פון רוסלאַנד. ער איז נור וואָס ארוים אין דיסמיסיע צוליעב „די אומשטענדען אין דער היים” און האָט בדעה געהאַט זיך צו פערנעהמען מיט לאַנד ווירטהשאַפט. דער געדאַנק איז געוויס אַ גוטער! אָבער דעם דאָזיגען געדאַנק האָט באָריס אַנדרעאיטש געקראָגען, ווי עס פיהרט זיך געוועהנליך — געגען זיין ווילען. זיינע איינקונפטען זיינען מיט יעדען יאָהר קלענער געוואָרען, די שולדען האָבען זיך פערמעהרט. ער איז געקומען צו דער איבערציינגונג, אַז איהם איז אונמעגליך ווייטער אָבצוהאַלטען דעם דיענסט, וואָהנען אין דער הויפּט שטאָדט — מיט איין וואָרט, לעבען אַזוי ווי ער האָט ביז אַהער געלעבט, און ער האָט זיך געמאַכט האַרץ און בעשלאָסען אויפצואָפּפערען עטליכע יאָהר אויף צו פערבעסערען „די היימישע אומשטענדען” צוליעב וועלכע ער האָט זיך פלוצים געפונען אין דער דאָרפישער איינזאַמקייט.

וויזאָונין האָט געפונען זיין מאַיאָנטעק אַ צושטערטען, דעם הויף אַ פערלאָזענעם און דאָס הויז כמעט אַ חורבה; ער האָט אומגעביטען דעם סטאַראָסטאַ, פערקלענערט דעם געהאַלט פון די דיענער; האָט פאַר זיך אויסגערייניגט צוויי־דריי צימערען און געהייסען פערריכטען דעם דאַך, ער זאָל ניט רינען. אויסער דעם, האָט ער ניט געמאַכט קיין שום אויסבעסערונגען אוים דעם איינפאַכען גרונד, ווייל מען דאַרף אַפּריהער וויסען, וואָס אַזוינס מען געהט אויסבעסערען.... און ער האָט זיך גענומען בעקאַנט ווערען מיט דער ווירטשאַפט, זיך אין איהר, ווי מען זאָגט, אריינגעטהאָן. מען מוז צוגעבען, אריינגעטהאָן האָט ער זיך אין

דער דאָזיגער אַרבייט אָהן אַ בעזונדערען חשק און ניט איילענדיג זיך.

זייענדיג ניט געוועהנט, האָט ער זיך אין דאָרף שטאַרק געלאַנג־ווײלט, און האָט אָפט נישט געוואוסט אויף וואָס און וואו ער זאָל אהינ־טהאָן דעם גאַנצען לאַנגען טאָג. שכנים האָט ער אפילו געהאַט אַ סך, אָבער ער האָט זיך מיט זיי ניט געקענט — ניט ווייל ער האָט זיך פון זיי געהאַלטען פון דער ווייטענס, נור ווייל עס האָט זיך עפּעס אַלץ ניט געמאַכט זיך צוזאַמען צו טרעפען; צום סוף, דאָס איז שוין גע־ווען אין יעסען, איז איהם אויסגעקומען בעקאַנט צו ווערען מיט איי־נעם פון זיינע נאָהענטסטע שכנים. מען האָט איהם גערופען פּיאָטער וואַסיליעוויטש קרופּיצין. ער האָט אַמאָל געדיענט אין מיליטער און איז ארוים אין דיסמיסיע אַלס פּאָרוטשיק. צווישען זיינע און וויזאָוויניג'ס פּויערים איז פון קדמונים אָן אָנגעגאַנגען אַ מחלקה וועגען צוויי און אַ האַלב דעסיאַטין פעלד, פערזייהטען מיט הייה. די דאָזיגע מחלקה איז אָפט דערגאַנגען ביז קלעפּ; די קופּעס הייה האָבען אויף אַ געהיימ־ניספאָלען אופן אריבערגעוואַנדערט פון איין פּלאַץ אויפ'ן צווייטען; עס זיינען פאָרגעקומען פערשיעדענע אונאַנגענעהמליכקייטען און דער קריעג וואָלט, וואהרשיינליך, אָנגעהאַלטען נאָך אַ סך יאָהרען, ווען קרו־פּיצין וואָלט ניט געפּאָהרען צו באַרים אַנדרעאיטש'ען, וועגען וועלכען ער האָט פון דער זייט געהערט אַ סך גוטעס, פּערזענליך דורכריידען זיך. דאָס דאָזיגע דורכריידען האָט געבראַכט זעהר גוטע פאָלגען: ער־שטענס איז גלייך געוואָרען אַ סוף צו דער מחלקה און ביידע צדדים האָבען זיך אויסגעגלייכט; און צווייטענס, זיינען ביידע גוטסבעזי־צער געפעלען געוואָרען איינעם דעם אַנעדרן, האָבען גענומען אָפט זעהן זיך און צום ווינטער זיינען זיי געוואָרען אַזוי שטאַרק בעפריינדעט, אַז זיי האָבען זיך שוין כמעט גאָרניט צושיידעט.

און דאָך איז צווישען זיי ביידע געווען זעהר ווייניג געמיינשאַפט־ליכעס. וויזאָוויניג, ווי אַ מענש כאָטש אַליין ניט קיין רייכער, נור וועל־כער האָט געשטאַמט פון רייכע עלטערן, האָט געקראָגען אַ גוטע ער־ציהונג, געלערנט זיך אין אַן אוניווערזיטעט, געקאָנט פערשיעדענע שפּראַכען, האָט געליעבט צו לעזען ביכער און האָט זיך אין אַלגעמיין געקאָנט רעכענען פאַר אַ געבילדעטען מענשען. קרופּיצין ווידער, האָט קוים מיט צרות גערעדט פראַנצויזיש, האָט קיין בוך אין האַנד ניט

גענומען, סיידען ער האָט עפּעס זעהר נויטיג געדאַרפט אויסגעפינען און האָט גיכער געהערט צו דעם טהייל אונגעבילדעטע מענשען. מיט זייער אויסזעהן זיינען די פריינד אויך וועניג עהנליך געוועזן איינער צום צווייטען: וויאַזאָווניין איז געוועזן הויך גאַנץ געוואַקסען, מאָגער, בלאָנד און איז אַביסעל עהנליך געוועזן צו אַן ענגלענדער, האָט זיך געהאַלטען זעהר ריין, איבערהויפּט די הענד, האָט זיך אָנגעטאָן עלעגאַנט און געשטאָלצירט מיט זיינע שעהנע שניפּסען... הויפּטשטאָדטישע געוואוינהייטען! קרופּיציין איז, פּערקעהרט, געוועזן פון קליינעם וואוקס, איינגעהויקערט, דונקעל, מיט שוואַרצע האָאָר, און ווינטער און זומער איז ער געגאַנגען אין עפּעס אַ מין געוואַנטענער דעליע, מיט אָבגעשטאַנענע קעשענעס, פון בראָנזקאָליר.

„מיר געפעהלט די דאָזיגע פאַרב דערפאַר — פלעגט זאָגען פּיאַטער וואַסיליטש — ווייל עס שמוצט זיך ניט."

די פאַרב פון דעם געוואַנט האָט זיך טאַקע ניט געשמוצט, דערפאַר איז דאָס געוואַנט אַליין געוועזן אַזוי נישקשה'דיג איינגעשמירט.

וויאַזאָווניין האָט ליעב געהאַט גוט אריינצועסען און האָט גערן גערעדט וועגען דעם, אַז עס איז אַנגענעהם צו עסען גוט און וואָס עס הייסט צו האָבען אַ גוטען געשמאַק; קרופּיציין האָט געגעסען אַלץ, וואָס מען האָט איהם דערלאַנגט, אַבי עס זאָל נאָר זיין איבער וואָס אַן ארבייט צו טהאָן מיט'ן מויל. איז איהם אריינגעפאַלען ראָסעל מיט קאַשע — האָט ער מיט פערגעניגען געבליאָבעט דעם ראָסעל און פערביסען מיט די קאַשע; האָט מען איהם דערלאַנגט אַ שיטערען דייטשען סופּ — האָט ער מיט דער זעלבער ברייטקייט זיך גענומען צום סופּ, און טאָמער איז דערביי געוועזן קאַשע, האָט ער די קאַשע אויך אַהין געשטופּט אין טעלער אריין, און גאָרנישט. — קוואַס האָט ער געליעבט, נאָך זיינע אייגענע רייד נאָך, ווי אַ לייבליכען פאָטער, און די פּראָנצויזישע ווייגען, איבערהויפּט די רויטע, האָט ער ניט געקענט פערטראָגען און זיי גערופען זויערקייט. בכלל, איז קרופּיציין געוועזן זעהר ווייט פון זויבערקייט, ווערהענד וויאַזאָווניין האָט צוויי מאָל אין טאָג געביטען זיינע נאָזטיכלאָך. מיט איין וואָרט די פריינד, ווי מיר האָבען שוין פריהער געזאָגט, זיינען ניט עהנליך געוועזן איינער צום אַנדערן. איין זאַך נור איז אין זיי געוועזן געמיינזאַם: זיי ביידע זיינען געוועזן, וואָס מען רופט, וואַוילע יונגען, איינפאַכע מענשען, קרופּיציין איז אַזוי געבאָרען און וויאַזאָווניין איז אַזוי געוואָרען. אויסער דעם,

האבען זיי ביידע זיך אויסגעצייכענט נאך מיט דעם, וואס ניט דער ערשטער און ניט דער צווייטער האבען קיין זאך ניט בעזונדערס ליעב געהאט, דאס הייסט, זיי האבען צו קיין זאך ניט געפיהלט קיין בעזונדערע ליידענשאפט אדער צוגעבונדקייט. קרופיצין איז געווען מיט זעקס אדער אכט יאהר עלטער פון וויאזאווניק'ען.

די טעג האבען זיי פערבראכט גאנץ איינטעניג. געוועהנליך איז באריס אנדרעאיטש אין דער פריה, דאס הייסט ניט צו פריה, אזייגער ניין, נאך געזעסען אין א שעהנעם שלאפ־ראק, א פערקאמטער, א געוואשענער און אין א ווייסען, ווי שנעע, העמד מיט א ביכעל און א טעצעל טהעע — די טהיר האט זיך געעפענט און עס איז אריין פיאטער וואסיליטש מיט זיין געוועהנליכען אבגעלאזענעם אויסזעהן, זיין מאיאנטעק האט זיך געפונען אין גאנצען איין האלב וויארסט פון וויאזאוונא (אזוי האט זיך גערופען וויאזאווניג'ס גוט). דערצו האט פיאטער וואסיליטש גאנץ אפט גענעכטיגט ביי באריס אנדרעאיטש'ן.

— א, וואס מאכט איהר? — פלעגען ביידע אין איין צייט אויסרופען — ווי האט איהר פערבראכט די נאכט?

און גלייך האט פעדיושקא (א אינגעל, א יאהר פופצעהן אלט, אנגעטהאן ווי א קאזאקעל, ביי וועמען אפילו די האאר, וואס זיינען געשטאנען קאפויר, האבען אויך אויסגעזעהן פערשלאפען) געבראכט פיאטער וואסיליטש'ן זיין שלאף־ראק פון בוכארסקען שטאף, און פיאטער וואסיליטש איז אין איהם אריינגעקראכען, א הוקע טהאנדיג אפריהער, און זיך גענומען צו דעם טהעע און דער ליולקע.

דא ערשט זיינען אוועק געשפרעכען — ניט געאיילטע, לאנגזאמע געשפרעכען: מען האט גערעדט וועגען וועטער, וועגען נעכטיגען טאג, וועגען פעלד־ארבייט און פרייזען אויף ברויט; מען האט אויך געשמועסט וועגען די דערבייאיגע גוטסבעזיצער און גוטסבעזיצערינגען. אין די ערשטע טעג פון זיין בעקאנטשאפט מיט באריס אנדרעאיטשען, האט פיאטער וואסיליטש געהאלטען פאר זיין פפליכט און ער האט זיך זאגאר געפרעהט מיט'ן צופאל, וואס ער קאן נאכפרעגען זיך ביי זיין שכן אויף דעם לעבען אין דער הויפט שטאדט, וועגען וויסענשאפט און בילדונג בכלל, און איבערהויפט וועגען הויכע געגענשטאנדען; באריס אנדרעאיטש ענטפערס האבען איהם אמוזירט, אפט פערוואונדערט און זיין אויפמערקזאמקייט געוועקט, נור אין דער זעלבער

צייט איז ער פון זיי עטוואס מיעד געווארען און אין גיכען האבען די דאזיגע געלעהרענטע שמועסען גאר אויפגעהערט; און באריס אנדרעאיטש אליין האט אויך ניט ארויסגעוויזען קיין שטארקען פערלאנג די דאזיגע געשפרעכען צו בעגייען. שפעטער האט געטראפען—און דאס אויך זעהר זעלטען — אז פיאטער וואסיליטש זאל פלוצים פרעגען ביי זיין פריינד וועגען דעם, צום ביישפיעל, וואס פאר א מין זאך איז אזוינס דער עלעקטרישער טעלעגראף, און, אויסגעהערט ניט קיין גאנץ קלאהרע ערקלעהרונג פון באריס אנדרעאיטש'ן, זאל ער שווייגען א ווילע און זאגען: „יא, דאס איז מערקווירדיג", און א לאנגע צייט נאכדעם האט ער שוין וועגען קיין געלעהרענטען געגענשטאנד גאר ניט געוואלט ויסען און גאר ניט געפרעגט.

מעהרסטען טהייל זיינען די געשפרעכען צווישען זיי פארגעקומען אויף דעם פאלגענדען שטייגער. פיאטער וואסיליטש, צום ביישפיעל, פלעגט זיך פערציהען מיט דעם רויך פון דער פיפקע און, ארויסלאזענדיג עם דורך די נאזלעכער, פלעגט ער א פרעג טהאן:

— וואס איז דאס ביי אייך פאר א נייע מיידעל, באריס אנדרעאיטש? איך האב געזעהן אויף דעם הינטערשטען באלקאן.

באריס אנדרעאיטש פלעגט אויך צוטראגען דעם סיגאר צום מויל, פלעגט א פאף טהאן א מאל צוויי און, א זופ געטהאן אביסעל קאלטען טהעע מיט סמעטאנקע, פלעגט ער ארויסריידען:

— וואס פאר א נייע מיידעל?

פיאטער וואסיליטש פלעגט זיך אנבויגען אביסעל אויף א זייט און, א קוק געטהאן דורכ'ן פענסטער אין הויף, וואו דער הונד האט נור וואס א ביס געטהאן א בארוועסען אינגעל אין פוס, פלעגט ער ענטפערען:

— א בלאנדע... גאר ניט קיין מיאוסע!

— א! — פלעגט אויסרופען אין א ווילע ארום באריס אנדרעאיטש — דאס איז מיין נייע וועשערין.

— פון וואנען? — פרעגט פיאטער וואסיליטש, אזוי ווי ער וואלט זיך געוואונדערט.

— פון מאסקווע. זי האט זיך דארט געלערנט.

— און וויפיעל וועשערינען זיינען ביי אייך דא אין גאנצען, באריס אנדרעאיטש? — פלעגט ווידער פרעגען פיאטער וואסיליטש, קו־

קענדיג אויפמערקזאם אויף זיין פּיפּקע, וואו דער טאבאק אונטער די אָנגעברענטע אש האָט מיט א טרעסקען אויפגעפלאַקערט.

— דריי — ענטפערט באָריס אַלעקסעאיטש.

— דריי! און איך האָב נור איינע. און די איינע האָט אויך כמעט גאָרניט וואָס צו טהאָן. איהר ווייסט דאָך, וואָס ביי מיר איז פאר א וועש!

— — הם! ענטפערט באָריס אַנדרעאיטש.

דער געשפּרעך האָט זיך אויף א צייט איבערגעריסען אוןביידע האָבען געשוויגען.

אין אַזעלכע בעשעפטיגונגען פלעגט אַוועק דער פריהמאָרגען און עס פלעגט אָנקומען די צייט פון פריהשטיק. פּיאָטער וואסיליטש האָט בעזאָנדערס ליעב געהאַט דעם פריהשטיק און בעהויפּטעט, אז צוועלף א זייגער איז די סאַמע ריכטיגע צייט, ווען דעם מענשען ווילט זיך עסען; און ווירקליך: ער האָט אין דער דאָזיגער שטונדע געגעסען מיט אזא הנאה, מיט אזא געזונדען און אנגענעהמען אפּעטיט, אז, קוקענ־דיג אויף איהם וואָלט אפילו א דייטש אויך אָנגעקוואָלען.

באָריס אַנדרעאיטש האָט א סך וועניגער געגעסען: פאר איהם איז געווען געננוג א הינערשער קאָטלעט, אָדער א פיינקוכען פון צוויי אייער, און א וואָסערע עס איז ענגלישע פּאַטראָווע אין עפּעס א קונצי־גער פּאַטענטירטער כלי, פאר וועלכע ער האָט געצאָהלט גרויסע געלד און וועלכע ער האָט אין דער שטיל פיינד געהאַט, כאָטש ער האָט פער־זיכערט, אז אָהן איהר קען ער קיין זאַך אין מויל ניט נעהמען.

נאָך פריהשטיק, ווען דאָס וועטער איז געווען שעהן, זיינען ביידע פריינד געגאַנגען איבער זייער ווירטשאַפט, אָדער גלאַט אזוי שפּאַ־צירט, געקוקט, ווי מען געוועהנט יונגע פערד געהן אין שפּאַן און אזוי ווייטער. אמאָל פלעגען זיי דערגעהן ביז פּיאָטער וואסיליטש׳ס דערפעל און ווען ניט ווען פלעגען זיי אין זיין הייזעל אריינגעהן.

דאָס דאָזיגע הייזעל, א קליינס און א אלטס, איז מעהר עהנליך געווען צו א פויערשער כאַלופּקע, ווי צו א גוטסבעזיצערס וואָהנונג. אויף דעם שטרויענעם דאַך, וועלכער איז דורך און דורך צולעכבערט געווען פון פויגעלשע נעסטען, האָט געוואַקסען גרינער מאָך. מיט איין וואָרט פּיאָטער וואסיליטש׳עס הייזעל איז געווען שלעכט פון אויסענ־וועניג און שלעכט פון אינעווענינ. אָבער פּיאָטער וואסיליטש איז ביי

זיך ניט אַראָבגעפאַלען: זייענדיג אונפערהייראַטה און איבערהויפּט אַ מענש אָהן אַנשפּריכע, האָט ער זיך ווענינ געקימערט וועגען די בעקוועמליכקייטען און פערגעניגענס פונ'ם לעבען און האָט זיך צופרידען געשטעלט מיט דעם, וואָס ער האָט כאָטש אַ ווינקעל, וואו ער קאָן אין אַ נויטה זיך בעהאַלטען פון נעץ און קעלט.

אויף זיין ווירטהשאַפט האָט אַכטונג געגעבען די הויז־העלטערין מאַקעדאָניאַ, אַ פרוי, פון מיטעלע יאָהרען, זעהר אַ פלייסיגע און זאָגאר אַן עהרליכע, נור מיט אונגליקליכע הענד: קיין זאַך האָט ביי איהר קיין קיום ניט געהאַט, דאָס געפעס האָט זיך געבראָכען, די וועש געריסען, דאָס עסען האָט זיך ניט דערקאָכט אָדער גאָר צוברענט. פּיאָטער וואַסיליטש האָט זי גערופען קאַליגולאַ.

האָבענדיג איין איינגעבאָרענע נייגונג צו גאַסט־פריינדליכקייט, האָט פּיאָטער וואַסיליטש ליעב געהאַט צו זעהן ביי זיך געסט און זיי שעהן מכבד זיין ניט קוקענדיג אויף זיינע זעהר קליינע מיטלען. בעזאָנדערס האָט ער זיך געסטאַרעט און געקראָכען פון הויט, ווען איהם האָט בעזוכט באָרים אַלעקסעאיטש. נור אַ דאַנק מאַקעדאָניא'ן, וועלכע איז געפאַלען צו דער ערד פון האַוועניש, איז פּיאָטער וואַסיליטשעס כיבוד כמעט שטענדיג ארויסגעקומען ניט געראָטען און האָט זיך מעהרסטען טהייל בעשרענקט אויף אַ שטיק פערטריקענטען קוילעטש און אַ גלעזעל בראַנפען, וועגען וועלכער ער האָט זיך אויסגעדריקט, אַז עס איז אויסגעצייכענט פאַר'ן מאָגען.

נאָך דעם שפּאַציר־גאַנג האָבען ביידע זיך אומגעקעהרט אין באָרים אַנדרעאיטש'עס הויז און ניט געאיילט מיטאָג געגעסען. זיך אָנגעגעסען אַזוי, ווי קיין פריהשטיק וואָלט גאָר אויף דער וועלט ניט געווען, איז פּיאָטער וואַסיליטש אַוועק ערגעץ אין אַן איינזאַמען ווינקעל און געכאַפּט אַ דרעמעל אויף אַ צוויי־דריי שטונדען; באָרים אַנדרעאיטש האָט אין דיעזער צייט געלעזען אויסלענדישע זשורנאַלען.

אין אָבענד זיינען זיך די פריינד ווידער צוזאַמענגעקומען: אַזאַ פריינדשאַפט איז צווישען זיי געוואָרען! אַמאָל פלעגען זיי זיך זעצען שפּיעלען אין פרעפעראַנס זאַלבענאַנד, אַ'ן אַנדערש מאָל פלעגען זיי גלאַט שמועסען, ווי אין דער פריה; עס פלעגט טרעפען, אַז פּיאָטער וואַסיליטש פלעגט אַראָבנעהמען די גיטאַרע פון וואַנד און נעהמען זינגען מיט אַ גאַנץ אַנגענעהמען טענאָר־שטים פערשיעדענע ראָמאַנסען.

פיאָטער וואסיליטש האָט זעהר ליעב געהאַט מוזיק, א סך מעהר פון באָרים אַנדרעאיטש'ען, וועלכער האָט ניט געקענט דערמאָנען בעט־האָווענס נאָמען אָהן בעגייסטערונג און האָט זיך אַלץ געקליבען אויס־צושרייבען פון מאָסקווע א פיאַנאָ. אין א אומידיגער מינוט, אָדער ווען איהם איז עפּעס ניט גוט געווען אויפ'ן הארצען, האָט פיאָטער וואַסי־ליטש געהאַט א געוואָהנהייט צו זינגען א ראָמאַנס, וועלכען ער האָט נאָך געדענקט פון דער צייט, ווען ער האָט געדיענט ביים מיליטער... מיט א בעזונדערען געפיהל און אביסעל דורכ'ן נאָז, האָט ער ארויסגע־בראַכט דעם דאָזיגען ראָמאַנס.

באָרים אַנדרעאיטש האָט איהם צייטענווייז אונטערגעהאָלפען, אָבער א קול האָט ער געהאַט א פאַלשען און אַן אונאַנגענעהמען.

א זייגער צעהן, און אמאָל נאָך פריהער, האָבען זיך די חברים צושיידט... און אויפ'ן צווייטען טאָג האָט זיך אָנגעהויבען ווידער דאָס אייגענע.

און אזוי איינמאָל, זיצענדיג, ווי געוועהנליך, אביסעל אָן דער זייט אַנטקעגען באָרים אַנדרעאיטש'ן, האט פיאָטער וואַסיליטש איהם שארף אָנגעקוקט און ארויסגערעדט פערטראַכט:

— איין זאַך וואונדערט מיך, באָרים אַנדרעאיטש...

— וואָס אזוינס? — האָט יענער געפרעגט.

— אָט וואָס... איהר, א מענש א קלוגער, א יונגער, א געבילדע־טער, וואָס טויג אייך צו וואוינען אין דאָרף?..

באָרים אַנדרעאיטש האָט פערוואונדערט אָנגעקוקט זיין שכן.

— איהר ווייסט דאָך, פיאָטער וואַסיליטש — האָט ער צום סוף ארויסגערעדט — ווען ניט מיינע אומשטענדען... די אומשטענדען צווינגען מיך דערצו...

— די אומשטענדען? אייערע אומשטענדען זיינען דערווייל נאָך ניט אזוי שלעכט. פון אייער גוט קאָן מען נאָך לעבען. טרעט אריין אין דיענסט.

און געשוויגען א ווייל, האָט פיאָטער וואַסיליטש צוגעזעצט:

— איך אויף אייער פּלאַץ וואָלט אריינגעטראָטען אין אַן אולאַ־נער רעגימענט.

— אין א אולאַנער ריגעמענט? פאַרוואָס עפּעס דוקא אין אַן **אולאַנער?**

— אזוי. מיר דאכט זיך, אז פאר אייך פּאסט זיך בעסער זיין אַן אולאנער.

— ערלויבט נור: איהר אליין זייט דאכט זיך געוועזן א הוזאר?

— איך? געווים בין איך געוועזן א הוזאר — האָט פּיאָטער וואסיליטש גענומען ריידען מיט היטץ — און נאָך אין וואָס פאר א רעגימענט! נאָך אזא רעגימענט איז שוין אויף דער גאנצער וועלט נישטאָ! עס איז געוועזן א גאָלדענער רעגימענט! היינט די פאָרגע־זעצטע, די חברים — זיינען דאָס געוועזן מענשען! אָבער איהר... איך ווייס אליין ניט... נור מיר דאכט זיך, אז איהר דארפט זיין א אולאנער. איהר זיינט בלאָנד, א טאליע האָט איהר א דינינקע: דאָס אלעס פּאסט זיך אהין.

אָבער ערלויבט נור, פּיאָטער וואסיליטש: איהר פערגעסט, אז, נאָך די מיליטערישע געזעצען וועל איך מוזען אָנהויבען צו דיענען אלס יונקער. און אין מיינע יאָהרען איז דאָס אביסעל שווערלאָך. מיר דאכט זיך, אז דאָס איז פערוועהרט אויך.

— דאָס איז אויך אמת — האָט בעמערקט פּיאָטער וואסיליטש און האָט ארונטערגעלאָזט די אויגען: — נו, ווי באלד אזוי, טאָ האָט חתונה — האָט ער פּלוצים געזאָגט, אויפהויבענדיג דעם קאָפּ.

— וואָס פאר א מאָדנע געדאנקען אייך פאלען עפּעס היינט איין, פּיאָטער וואסיליטש! — האָט ארויסגערופען באָרים אנדרעאיטש.

— פאר וואָס עפּעס מאָדנע? וואָס טויג אזוי צו לעבען? אויף וואָס ווארט איהר? איהר וועט בלויז די צייט פערזאמען. איך וואָלט וועלען וויסען, וואָס פאר א נוצען אייך וועט ארויסקומען דערפון, וואָס איהר וועט ניט הייראטהען?

— דאָ איז ניט די פראגע וועגען נוצען — האָט געהאט אָנגעהוי־בען באָרים אנדרעאיטש.

— ניין, ערלויבט — האָט איהם אונטערבראָכען פּיאָטער וואסי־ליטש, ווערענדיג פּלוצים שטארק צוהיצט: — מיך וואונדערט שטארק, פאַרוואָס די יונגע האָבען היינטיגע צייטען אזוי מורא חתונה צו האָ־בען! איך קען דאָס פראָסט ניט באנעהמען. איהר, באָרים אנדרע־איטש, זאָלט ניט קוקען אויף מיר, וואָס איך בין ניט פערהייראט. איך האָב, קען זיין, אי געוואָלט, אי פאָרגעשלאָגען, אָבער מיר האָט מען, אָט וואָס געוויזען.

און דאָ האָט פּיאָטער וואַסיליטש אויפגעהויבען דעם צייגע־פינ־גער פון דער רעכטער האנד אין דער הויך, אויסשטעלענדיג איהם מיט דער אינעווענינסטער זייט צו באָרים אַנדרעאיטש'ן.

— שטייט, ניט וועלען הייראַטהען מיט אזא פערמעגען, ווי איהר האָט, שטייטש!

באָרים אַנדרעאיטש האָט אויפמערקזאַם געקוקט אויף פּיאָטער וואַסיליטש'ן.

— וואָס איז, עס איז עפּעס פרעהלאַך צו לעבען אַלס בחור? — האָט ווייטער גערעדט פּיאָטער וואַסיליטש — האָסט געזעהן אזוינס? אויך מיר אַ נחת!.. עהרען וואָרט, מיך וואונדערט אויף די היינטיגע יונגע לייט.

און פּיאָטער וואַסיליטש האָט מיט רוגזה אויסגעקלאַפּט די פּיפּקע אָן דער הענטעל פון פאָטעל און האָט שטאַרק אַ בלאָז געטהאָן אין ציבוק.

— אָבער ווער האָט אייך געזאָגט, פּיאָטער וואַסיליטש, אַז איך וויל ניט חתונה האָבען? — האָט לאַנגזאַם ארויסגערעדט באָרים אַנדרעאיטש.

פּיאָטער וואַסיליטש, אזוי ווי ער האָט אריינגערוקט זיינע פינ־גער אין זיין אויסגענייהטער און מיט פּאַטשערקער בעפּוצטער סאַמענ־טענער בייטעלע מיט טאַבאַק, איז אזוי געבליעבען זיצען אונבעוועג־ליך. באָרים אַנדרעאיטש'עס ווערטער האָבען איהם איבעראַשט.

— יאָ — האָט פאָרטגעזעצט באָרים אַנדרעאיטש — זוכט מיר אוים אַ כלה און איך בין בערייט צו הייראַטהען.

— אויף אַן אמת?

— אויף אַן אמת!

— וואָס פאַר אַ מאָדנער איהר זייט, פּיאָטער וואַסיליטש; ביי גאָט, איך שפּאַס ניט.

פּיאָטער וואַסיליטש האָט זיך אָנגעשטאָפּט די פּיפּקע.

— נו, טאָ געדענקט־זשע, באָרים אַנדרעאיטש אַ כלה וועט איהר שוין קריעגען.

— גוט — האָט געענטפערט באָרים אַנדרעאיטש — אָבער זאָגט מיר, איך בעט אייך פאַר וואָס אייגענטליך, ווילט איהר מיך חתונה מאַכען?

— דערפאַר, ווייל קוקענדיג אויף אייך, דאַכט זיך מיר, אַז איהר קענט זיצען אַזוי און גאָרניט טהאָן.

— און מיר האָט זיך ביז אַהער אויסגעוויזען, אַז איך בין אויף דעם אַ מייסטער.

— איהר האָט מיך ניט ריכטיג פערשטאַנען — האָט ארויסגע־רעדט פּיאָטער וואַסיליטש און איבערגעביטען דעם געשפּרעך.

אין צוויי טעג אַרום איז פּיאָטער וואסיליטש געקומען צו זיין שכן ניט אין זיין געוועהנליכער דעליע, נור אין אַ ראָק מיט אַ הויכער טאַליע, מיט קליינטשינקע קנעפּלאַך און לאַנגע אַרבעל. פּיאָטער וואַ־סיליטש'ס וואָנצעס האָבען אויסגעוויזען כמעט שוואַרץ פון שמירעכץ און די האָאר, פאַרקרייזעלטע פון הינטען אין דער פאָרמע פון צוויי לענגליכע וואורשטלאַך, האָבען געגלאַנצט פון פּאָמאַדע. אַ גרויסער סאַמעטענער האַלזטוך מיט אַ אַטלאַסנעם שלייף האָבען ענג אַרומגע־כאַפּט פּיאָטער וואַסיליטשעס האַלז און האָבען צוגעגעבען אַ פייער־ליכע אומבעקוועמליכקייט דעם גאַנצען אויבערשטען טהייל פון זיין קערפּער.

— וואָס האָט איהר זיך עפּעס אַזוי אויסגעפּוצט? וואָס בעדייַ־טעט אייער טואַלעט? — האָט געפרעגט באָריס אַנדרעאיטש.

— ער בעדייטעט—האָט געענטפערט פּיאָטער וואַסיליטש אָראָב־לאָזענדיג זיך אין אַ פאָטעל ניט מיט זיין געוועהנליכער אומגעצוואונ־גענקייט — איהר זאָלט הייסען איינשפּאַנען די פערד אין דער קאַרע־טע. מיר פאָהרען.

— וואוהין עפּעס?

— צו דער כלה.

— צו וועלכער כלה?

— איהר האָט שוין פערגעסען, וואָס מיר האָבען מיט דריי טעג צוריק גערעדט?

באָריס אַנדרעאיטש האָט זיך צולאַכט און אינ'ם הארצען האָט ער זיך פערשעהמט.

— וואָס פאַלט אייך איין, פּיאָטער וואַסיליטש, דאָס איז דאָך געוועזען ניט מעהר ווי אויף שפּאַס.

— אויף שפּאַס? ווי־זשע האָט איהר דאַן געשוואָרען, אַז איהר שפּאַסט ניט? ניין, האָט אויף מיר קיין פעראיבעל ניט, באָריס אַנדרע־

איטש, אָבער אייער וואָרט וועט איהר מוזען האַלטען. איך האָב שוין אָנגענומען די נויטיגע מיטלען.

באָרים אַנדרעאיטש האָט זיך נאָך מעהר פערשעהמט.

— וואָס זיינען דאָס פאַר אַ מיטלען? — האָט ער געפרעגט.

אָה, שרעקט זיך ניט... וואָס מיינט איהר עפּעס! איך האָב נור געלאָזט וויסען אונזערע אַ שכנה, זעהר אַן אנגענעהמע פּערזאָן, אַז איך מיט אייך האָבען היינט בדעה זי צו בעזוכען.

— ווער איז דאָס די שכנה?

— איהר וועט שוין וויסען — וואָרט, איילט זיך ניט. טהוט זיך אָפּריהער אָן און הייסט שפּאַנען די פערד.

באָרים אַנדרעאיטש האָט אונענטשלאָסען אַ קוק געטהאָן ארום זיך.

— ווירקליך, פּיאָטער וואַסיליטש, וואָס איז אייך איינגעפאַלען... זעהט, ס'ארא וועטער.

— נישקשה, דאָס וועטער איז אַלע מאָל אַזוי.

— און עס איז ווייט צו פאָהרען?

— אַ וויאָרסט פּופצעהן.

באָרים אַנדרעאיטש האָט געשוויגען.

— לאָמיר כאָטש אָפּריהער אָבעסען פריהשטיק!

— גוט — דאָס קאָן מען. ווייסט איהר וואָס, באָרים אַנדרעאיטש, געהט איהר אָנטהאָן זיך און איך וועל דאָ שוין אָהן אייך בעשטעלען אַ ביס צו טהאָן: אַ גלעזעלע בראַנפען, קאַוויאַר אַ שטיקעלע.... דאָס נעהמט ניט לאַנג, און ביי דער אַלמנה וועט מען אונז שוין אָנקאָרמענען — וועגען דעם דאַרף מען שוין ניט דאגה'ן.

— איז זי דען אַן אַלמנה? — האָט, אומקעהרענדיג זיך, געפרעגט באָרים אַנדרעאיטש, וועלכער איז שוין געוועזט צוגעגאַנגען צו דער טהיר פונ'ם קאַבינעט.

פּיאָטער וואַסיליטש האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ.

— אָט, איהר וועט שוין זעהן.

באָרים אַנדרעאיטש איז אַוועק און פערמאַכט די טהיר הינטער זיך און פּיאָטער וואַסיליטש, ווען ער איז געבליבען אליין, האָט בעשטעלט אַי דעם פריהשטיק, אַי אַ קאַרעטע.

באָרים אַנדרעאיטש האָט זיך אַ היבשע צייט אָנגעטאָן. פּיאָטער

וואַסיליטש, שוין אַביסעל אַן אָנגעכמורעטער, אַ אומעדיגער, האָט שוין אויסגעטרונקען די צווייטע גלעזעל בראַנפען, ווען באָרים אַנדרעאיטש איז ערשינענען אויפ'ן שוועל פון קאַבינעט. קענטיג, אַז ער האָט זיך לאַנג געפּוצט. ער האָט געטראָגען אַן עלעגאַנטען, לייזען, שוואַרצען ראָק, וועלכער האָט אַנגענעהם אָבגעשלאָגען מיט זיין מאַטער פאַרב פון די העל־גרויע הויזען, אַ שוואַרצען, קורצען האַלזטוך און אַ שעהנע דונקעל בלויע וועסט; אַ גאָלדענע קייטעלע, צוגעטשעפּעט צום לעצטען קנאָפּ־לאָך, האָט עניוות'דיג זיך געצויגען צום בוזים־קעשענע; שעהנע שטיוועל האָבען שטאָלץ געסקריפּעט און צוזאַמען מיט'ן אריינקומען פון באָרים אַנדרעאיטש'ן האָט זיך אין דער לופט צוגאָסען דער גערוך פון בלומען און פון פרישע וועש.

פּיאָטער וואַסיליטש האָט בלויז געקאָנט ארויסברענגען דאָס וואָרט: „אה!" און גלייך גענומען זיין הוט.

באָרים אַנדרעאיטש האָט ארויפגעצויגען אַ גרויען זעמשענעם האַנדשוה אויף דער לינקער האַנד; דערנאָך האָט ער מיט דער זעלבער האַנד, זיך נערוועז אָנגעגאָסען אַביסעל בראַנפען און אויסגעטרונקען; אויפ'ן סוף, האָט ער גענומען די הוט און איז צוזאַמען מיט פּיאָטער וואַסילימש'ן ארויס אין פּיהר־הויז.

— איך טהו דאָס נור פאַר אייך — האָט געזאָגט באָרים אַנדרע־איטש, זיך זעצענדיג אין קאַרעטע.

— זאָל זיין פאַר מיר — האָט געענטפערט פּיאָטער וואַסיליטש, אויף וועלכען דער עלעגאַנטער אויסזעהן פון באָרים אַנדרעאיטש'ן, האָט קענטיג, שטאַרק געווירקט: — און אפשר, וועט איהר מיך נאָך אַליין דאַנקען.

און ער האָט דעם קוטשער געזאָגט ווי און וואו צו פאָהרען.

די קאַרעטע האָט זיך אַוועקגעטראָגען.

— מיר פאָהרען צו סאָפיע קירילאָוונאַ זאַדנעפּראָווסקי — האָט נאָך אַ לאַנגער פּויזע ארויסגערעדט פּיאָטער וואַסיליטש — איהר האָט וועגען איהר געהערט?

— געהערט, דאַכט זיך — האָט געענטפערט באָרים אַנדרעאיטש — וואָס־זשע, זי ווילט איהר דאָס מיר געבען פאַר אַ כלה?

— און פאַרוואָס דען ניט? זי איז זעהר אַ קלוגע פרוי, מיט אַ פערמעגען, מיט מאַנערען, מען קען זאָגען, פון אַ גרויס־שטאָדטישער

דאַמע. אָט, איהר וועט דאָך זעהן... און ווייטער, דאָס פּערפּליכטעט אייך דאָך צו קיין זאַך ניט.

— איך זאָל עס מיר דיינקען ! — האָט ערווידערט באָרים אַנדרעאיטש — און ווי אַלט איז זי ?

— אַ יאָהר פינף־זיעבען און צוואַנציג — ניט מעהר. אין רעכטען בליהען, ווי מען זאָגט !

ביז דעם גוט פון דער פרוי זאַדנעפּראָווסקי איז געווען ניט פופצעהן, נור אַ גוטע פינף און צוואַנציג וויאָרסט, אַזוי אַז באָרים אַנדרעאיטש איז צום סוף אַזוי נישקשה'דיג דורכגעפאָרען און האָט אַלץ בעהאַלטען זיין פערדויטיגטע נאָז אין דעם פוטערנעם קראַגען פון שינעל. פּיאָטער וואַסיליטש האָט בכלל ניט מורא געהאַט פאַר קעלט און בעזונדערס נאָך, ווען ער איז געווען אָנגעטהאָן יום טוב'דיג. דאן האָט ער אזש געשוויצט.

דער פרוי זאַדניעפּראָווסקי'ס גוט איז בעשטאַנען פון אַ נייאינקען ווייסען הייזעל, מיט אַ גרינעם דאַך, ווי אַ זומער־וואָהנונג נאָך דעם שטאָדטישען געשמאַק, מיט אַ קליין גערטעל און אַ הויף. אונטער מאָסקווע טרעפט מען אָפט אַזעלכע דאַטשעס ; אין דער פּראָווינץ זעהט מען זיי זעלטענער. עס איז קענטיג געווען, אַז די פרוי זאַדנעפּראָווסקי האָט זיך דאָ ניט לאַנג בעזעצט.

די פריינד זיינען ארוים פון קאַרעטע. אויפ'ן באַלקאָן האָט זיי באַגעגענט אַ לאַקעי אין געלע הויזען און אַ גרויען, רונדען פראַק, מיט בליאַסקענדיגע, מעשענע קנעפּ ; אין פיהר־הויז, וועלכע איז געהאַלטען געוואָרען גאַנץ ריין, האָבען זיי געטראָפען אַ צווייטען לאַקעי אויך אַזוי אָנגעטהאָן. פּיאָטער וואַסיליטש האָט געהייסען מעלדען דער פּריצטע וועגען זיך און באָרים אַנדרעאיטש'ן. דער לאַקעי, איז ניט געגאַנגען צו דער פּריצטע, ער האָט געענטפערט, אַז מען האָט איהם בעפעהלען צו צונעהמען די געסט.

זיי האָבען גענומען געהן, און דורכ'ן עס־צימער, וואו עס האָט צום פּערטויבט ווערען געטראַעיקעט אַ קאַנאַריקעל, זיינען זיי אריין אין גאַסט־צימער מיט מאָדערנע מעבעל פון אַ רוסישען מאַגאַזין. די דאָזיגע מעבעל איז געווען עפּעס זעהר קונציג און אויסגעדרעהט, עס זאָל כלומרשט זיין בעקוועם אויף זיי צו זיצען, אין דער אמת'ן אָבער, זיינען זיי געווען זעהר אונבעקוועם.

עס זיינען ניט אוועק קיין צוויי מינוט, ווי פון צווייטען צימער האָט זיך דערהערט דאָס שאַרשקען פון אַ זיידען קלייד; די פּאָרטיערען האָבען זיך אויפגעהויבען און מיט שנעלע טריט איז אין גאַסט־צימער אריין די בעל הבית׳טע. פּיאָטער וואַסיליטש האָט זיך העפליך פערנייגט און צוגעפיהרט צו איהר באָריס אַנדרעאיטש׳ען.

— עס פרעהט מיך זעהר מיט אייך בעקאַנט צו ווערען, איך האָב עס שוין לאַנג געוואונשען — האָט אונגעצוואונגען ארויסגערעדט די בעל׳הבית׳טע, ווארפענדיג אויף איהם אַ שנעלען בליק — איך בין זעהר דאַנקבאַר פּיאָטער וואַסיליטש׳ן, וואָס ער האָט מיר פערשאַפט אַזאַ אַנגענעהמע בעקאַנטשאַפט. ביטע, זיצט.

און רוישענדיג מיט׳ן קלייד, האָט זיך די ווירטהין אַוועקגעזעצט אויף אַ נידעריגער זאַפּקעלע, האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן ווענטעל, אויסגעצויגען די פיס, אויף וועלכע זי האָט געטראָגען זעהר שעהנע שיכעלאַך, און האָט פערלייגט אַ האַנד אויף אַ האַנד. אַ קלייד האָט זי געטראָגען אַ גרינס מיט ווייסליכע פּאַסקעלאַך און עטליכע קרייזלאַך.

באָריס אַנדרעאיטש האָט זיך געזעצט אין אַ פאַטעל. אנטקעגען איהר פּיאָטער וואַסיליטש — אַביסעל פון ווייטען. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ געשפּרעך. באָריס אַנדרעאיטש האָט אויפמערקזאַם בעטראַכט סאָפיאַ קירילאָווגאַ׳ן. זי איז געוועזען אַ הויכע שלאַנקע פרוי, מיט אַ דינער טאַליע, אַ דונקעלע און אַ גאַנץ שעהנע. דער אויסדרוק פון איהר פּנים און בעזונדערס פון איהרע גרויסע, בליסטשענדיגע אויגען, מיט די עטוואָס פערריסענע ווינקלען, ווי ביי כינעזער, איז געווען עפּעס אַ מין געמישעכץ אי פון דרייסטקייט אי פון אונענטשלאָסענהייט און האָבען געמאַכט דעם איינדרוק פון אונגאַטירליכקייט. זי האָט דאָ געזשמורעט איהרע אויגען און דאָ האָט זי זיי פּלוצים ברייט געעפענט; און אויף די ליפּען האָט ביי איהר שטענדיג געשפּיעלט אַ געמאַכטער גלייכגילטיגער שמייכעל. אַלע בעוועגונגען פון סאָפיע קירילאָווגע זיינען געווען זעהר פרייע, כמעט שאַרף. באָריס אַנדרעאיטש׳ן איז זי געפעלען געוואָרען; מעהר ניט דער קרומער שרונד אויף איהרע האָאַר, וועלכער האָט איהם פּנים אַ כוואַטסקען און אינגעלישען אויסדרוק צוגעגעבען, האָט אויף איהם אַ שלעכטען איינדרוק געמאַכט; אויסער דעם האָט זי, נאָך זיין מיינונג נאָך, צו ריין און גוט גערעדט רוסיש... באָריס אַנדרעאיטש האָט איינגעשטימט מיט פּושקינס מיי־

נונג, אז — „ווי רויטע ליפּען אָהן א שמייכעל, אזוי אָהן א גראַמאַטי־קאַלישען פעהלער, קען מען ניט ליעבען די רוסישע שפּראַך". — מיט איין וואָרט, סאָפיא קירילאָוונא האָט געהערט צו דעם סאָרט פרויען, וועלכע די שמייכלער רופען אָן כוואַטסקע ווייבלאך, די מענער — ארורות, און אַלטע בחורים — פּסולע סחורה.

פריהער האָט מען גענומען ריידען דערפון, אז עס איז זעהר אור־מעדיג צו וואָהנען אין דאָרף.

— דאָ איז נישטאָ קיין איין לעבעדיגער מענש, עס איז איינפאך נישטאָ מיט וועמען א וואָרט אויסצוריידען — האָט גערעדט סאָפיא קירילאָוונא — איך פערשטעה גאָר ניט, וואָס פאר א מענשען דאָ וואָה־נען. און די — האָט זי צוגעזעצט מיט א חן'דעלע — מיט וועלכע עס וואָלט אנגענעהם געווען בעקאַנט צו ווערען, די זעהט מען גאָר ניט אָן. זיי פערלאָזען אונז, אָרעמע, אין אונזער ניט פרעהליכער איינזאַמקייט.

באָרים אַנדרעאיטש האָט זיך עטוואָס אויסגעבויגט אין פאָראויס און ארויסגעשטאַמעלט עפּעס אַן ענטשולדיגונג, און פּיאָטער וואַסי־ליטש האָט אויף איהם א קוק געטהאָן, ווי ער וואָלט וועלען זאָגען: „נו, וואָס האָב איך אייך געזאָגט? דאכט זיך, איהר פעהלט ניט קיין לשון"....

— איהר רויכערט? — האָט געפרעגט סאָפיא קירילאָוונא.

— איך רויכער... אָבער...

— אך זשענירט זיך ניט... איך רויכער אַליין אויך.

און געזאָגט עס, האָט די אַלמנה גענומען פון טיש א גאַנץ גרוי־סען, זילבערנעם סיגאַרען־טאַש, האָט פון איהם ארויסגענומען א פּאַפּי־ראָס פאַר זיך און דערנאָך דערלאַנגט די געסט. ביידע געסט האָבען גע־נומען צו פּאַפּיראָסען. סאָפיא קירילאָוו האָט אָנגעקלונגען און גע־הייסען דערלאַנגען פייער. א אינגעל מיט א רויטער וועסט איבער דער גאַנצער ברוסט האָט געבראַכט א וועקסענע ליכט אויף א קריסטאַלע־נעם טאַץ. זיי האָבען פעררויכערט די פּאַפּיראָסען.

— אָט איהר, צום ביישפּיעל, וועט דאָך ניט גלויבען — האָט די אַלמנה גערעדט ווייטער, פעררייסענדיג אַביסעל דעם קאָפּ און לאָ־זענדיג דעם רויך אין א דינעם שטראָמעלע ארויף צו: — אז דאָ זיי־נען פאַראַן מענשען, וועלכע דענקען, אז דאַמען דאַרפען ניט רויכערען. און פאַהרען רייטענדיג... זאָל גאָט אויסהיטען! מען וועט איינפאך מיט

שטיינער פערוואָרפען. יאָ — האָט זי צוגעזעצט נאָך אַ קליינעם שטיל־שווייגען — אַלעס וואָס איז נור ניט געוועהנליך, אַלעס, וואָס צושטערט די געזעצען פון עפּעס אַן אויסגעטראַכטער אַנשטענדיגקייט, ווערט דאָ שטרענג פעראורטהיילט.

— בעזונדערס זיינען די דאַמען שטאַרק אין כעס דערפאַר — האָט בעמערקט פּיאָטער וואַסיליטש.

— יאָ — האָט געענטפערט די אלמנה — עס איז אַ ביטערער עסק אַריינצופאַלען צו זיי אויף די צייהן! איך האָב אייגענטליך מיט זיי גאָרניט וואָס צו טהאָן: זייערע רכילות דרינגען ניט אַריין אין מיין איינזאַמער בעהעלטעניש.

— און איך איז ניט אומעדיג? — האָט געפרעגט באָריס אַנד־רעאיטש.

— אומעדיג? ניין. איך לעז... און ווען די ביכער דערעסען מיר, דאַן טרוים איך; איך לייג קאָרטען אויף מיין צוקונפט, שטעל פראַגען מיין שיקזאַל.

— איהר לייגט קאָרטען? עט! — האָט געזאָגט פּיאָטער וואַסי־ליטש.

— פאַרוואָס ניט? בין איך דען ניט גענוג אַלט דערצו?

— אַך, וואָס רעדט איהר? — האָט ערווידערט פּיאָטער וואַסי־ליטש.

די אלמנה האָט אַ שמייכעל געטהאָן.

אָבער לאָמיר מעהר דערפון ניט ריידען — האָט זי אַרויסגע־רעדט און זיך מיט לעבעדיגקייט געווענדעט צו באָריס אַנדרעאיטש'ן — הערט אויס, מוסיאָ וויזאָווניך, איך בין זיכער, אַז איהר אינטערע־סירט זיך מיט דער רוסישער ליטעראַטור?...

— יאָ... געוויס.... איך...

וויאָזאָווניך האָט ליעב געהאַט צו לעזען, אָבער רוסישע ביכער האָט ער געלעזען ווענינ און ניט גערן. די נייע ליטעראַטור איז איהם געווען כמעט אין גאַנצען אונבעקאַנט. ער האָט זיך אָבגעשטעלט אויף דעם פּאָעט פּושקין און מעהר גאָר ניט געלעזען.

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, פאַר וואָס איז דאָס מאַרלינסקי די לעצטע צייט אַזוי געפאַלען? דאָס איז, נאָך מיין מיינונג נאָך, זעהר אונגערעכט. וואָס דענקט איהר וועגען איהם?

—מארלינסקי איז א שרייבער מיט געוויסע מעלות, געווים—האט ערווידערט באריס אנדרעאיטש.

— ער איז א פאעט; ער טראגט אוועג די פאנטאזיע אין א וועלט... אין עפעס א פערצויבערטע, וואונדערבארע וועלט; און היינטיגע צייטען האבען זיך די שרייבער גענומען בעשרייבען דאס אלטעגליכע. אבער זאגט מיר, איך בעט אייך, וואס איז דא פאר א גוטעס אין דעם אלטעגליכען לעבען, דא, אויף דער ערד...

און סאפיא קירילאוונא האט א פיהר געטהאן מיט דער האנד ארום זיך.

באריס אנדרעאיטש האט פיעל דייטיג א קוק געטהאן אויף סאפיא קירילאוונא.

— איך בין מיט אייך ניט איינפערשטאנדען. איך געפין דא אויך פיעל גוטעס — האט ער געזאגט און שטארק בעטאנט דאסווארט „דא".

סאפיא קירילאוונא האט זיך פלוצים צולאכט מיט עפעס א שטילען געלעכטער, און פיאטער וואסיליטש האט אויך אזוי פלוצים אויפגעהויבען דעם קאפ, האט א טראכט געטהאן און ווידער גענומען רויבערען.

אויף אזא אופן האט דער געשפרעך אנגעהאלטען ביז צום מיטאג, איבערשפרינגענדיג פון איין געגענשטאנד צום אנדערן, וואס עס פאסירט ניט, ווען דער געשפרעך ווערט אויף אן אמת אינטערעסאנט. צווישען אנדערעס איז אויך געקומען צו רייד וועגען דער הייראטה, איהרע נוצען און איהר שאדען, און וועגען דער פרוי'ס לאגע אין אלגעמיין. סאפיא קירילאוונא איז געווען שטארק געגען דער הייראטה, געגען דעם פאמיליען-לעבען הייסט עס, און זיך אביסעל צוהיצט, האט זי גערעדט זעהר שעהן; ניט אומזיסט האט זי ליעב געהאט מארלינסקין. זי האט אויך פערשטאנען, ווי צו בענוצען זיך אין צייט מיט א שעהן ווערטעל, א קלינגענדע פראזע און די ווערטער: ארטיסטיש, מאלעריש, בעטאנונג, האבען זיך געהאלטען אין איין שיטען פון איהרע ליפען.

— וואס קען פאר דער פרוי זיין טהייערער פון דער פרייהייט... דער פרייהייט פונ'ם געדאנק, פון די געפיהלען, פון די האנדלונגען! האט זי אויפ'ן סוף אויסגעשריען.

— ערלויבט נור — האָט זי אונטערבראָכען פּיאָטער וואַסיליטש, וועמעס פּנים עס האָט ביסלאַכווייז אָנגעהויבען אָנצונעהמען אַ פער־דריסליכען אויסזעהן — צו־וואָס טויג דער פרוי די פרייהייט? וואָס וועט זי מיט איהר מאַכען?

— וואָס הייסט, וואָס? דער מאַן דאַרף זי, נאָך אייער, מיינונג גוויטיג? אָט דאָס איז טאַקע די צרה: איהר מענער...

— דער מאַן דאַרף זי אויך ניט — האָט זי ווידער אונטערבראָ־כען פּיאָטער וואַסיליטש.

— וואָס הייסט, ער דאַרף זי ניט?

— אָט אַזוי, גאַר פּשוט, ער דאַרף ניט. אויף וואָס טויג דעם מענ־שען די דאָזיגע בעריהמטע פרייהייט? עס איז שוין אַ בעשטימטע זאַך, אַז דער פרייער מענש — אָדער ער לאַנגווייַלט זיך, אָדער ער מאַכט זיך נאַריש.

— אויף אַזאַ אופן — האָט בעמערקט סאָפיאַ קירילאָוונאַ מיט אַ איראָנישען געלעכטערל — מוזט איהר זיך לאַנגווייליגען, ווייל קענענדיג אייך פאַר אַ קלוגען מענשען, קען איך ניט פאָראויסזעטצען, אַז איהר זאָלט זיך נאַריש מאַכען, ווי איהר זאָגט.

— עס טרעפט אי דאָס ערשטע, אי דאָס צווייטע — האָט רוהיג ארויסגערעדט פּיאָטער וואַסיליטש.

— אָט דאָס איז שעהן!... אייגענטליך דאַרף איך זיין דאַנק־באַר אייער לאַנגווייליגקייט, פאַר וואָס איך האָב דאָס פערגעניגען אייך היינט צו זעהן ביי זיך...

— און אַ צופריעדענע, וואָס זי האָט אַזוי קונציג איבערגעדרעהט די רייד, האָט די ווירטהין זיך אַביסעל אָבגעבויגען צוריק און שטיל ארויסגערעדט:

— אייער פריינד, ווי איך זעה, האָט ליעב פּאַראַדאָקסען, מוסיאָ וויאָזאָווניו.

— איך האָב דאָס ניט בעמערקט — האָט געענטפערט באָריס אַנדרעאיטש.

— וואָס האָב איך ליעב? — האָט געפרעגט פּיאָטער וואַסי־ליטש.

— פּאַראַדאָקסען.

פּיאָטער וואַסיליטש האָט אַ קוק געטהאָן סאָפיע קירילאָוונאַ׳ן

גלייך אין די אויגען און האט איהר גאר ניט געענטפערט, נור פאר זיך האט ער א טראכט געטהאן. „אט איך וויים גראד, וואס דו האסט ליעב"...

דער אינגעל מיט דער רויטער וועסט איז אריין און געמעלדעט, אז מיטאג איז פערטיג.

— ביטע — האט געזאגט די ווירטהין, אויפהויבענדיג זיך פון זאפע.

און אלע זיינען אריבער אין עס־צימער.

די געסט איז דער מיטאג ניט געפעלען. פיאטער וואסיליטש האט זיך אויפגעהויבען פון טיש א הונגעריגער, כאטש עס זיינען געווען א סך געריכטען; און באריס אנדרעאיטש אלס א קענער פון שפייזען, איז געבליבען אונצופריעדען, כאטש די שפייזען זיינען דערלאנגט געווארען אונטער ציגען־דעקלאך און די טעלער זיינען געווען אנגעוואַרעמטע. די ווייגען האבען אויך געטויגט אויף כפרות, ניט קוקענדיג אויף די גרויסארטיגע מיט גאלד און זילבער בעצירטע פלעטלאך אויף די פלאשען.

סאפיא קירילאָוונא האט די גאנצע צייט ניט אויפגעהערט צו רייד דען — נור צייטענווייז האט זי געווארפען אן אויג אויף די דיענער, וועלכע האבען דערלאנגט צום טיש, און ווייל האט זי אויך אזוי ניש־קשה'דיג געטרונקען, דערביי האט זי בעמערקט, אז אין ענגלאנד גע־ברויכען אלע דאמען וויין, און דא בעטראכט מען אפילו דאס אייך פאר ניט אנשטענדיג.

נאך מיטאג האט די ווירטהין איינגעלאדעןביידע געסט צוריק אין גאסט צימער און ביי זיי געפרעגט, וואס זיי ליעבען בעסער — קאפע אדער טהעע. באריס אנדרעאיטש האט פערלאנגט טהע און, אויסגעטרונקען זיין קריגעל, האט ער אין דער שטיל חרטה געהאט, וואס ער האט ניט געבעטען קיין קאפע; און פיאטער וואסיליטש האט פערלאנגט קאפע און, אויסגעטרונקען זיין קריענעל, האט ער געבעטען טהעע, האט עס פערזוכט און אוועקגעשטעלט צוריק אויפ'ן טאץ.

די ווירטהין האט זיך בעקוועם אוועקגעזעצט, פעררויכערט א פאפיראס און, קענטיג, זיך געקליעבען גאר אויף דאס ניי פערפיהרען עפעס א לעבעדיגען געשפרעך: די אויגען האבען זיך ביי איהר צו־ברענט און די דונקעלע באקען פעררויטיגט. אבער אויף אלע איהרע

לעבעדיגע רייד האָבען די געסט געענטפערט פויל, ניט גערן, האָבען זיך פערנומען מיט דעם רויבערען, און עפּעס מאָדנע געקוקט אויף די ווינקלען פון צימער, עס איז קענטיג געווען, אז זיי האָבען געטראַכט וועגען אוועקפאָהרען. באָריס אַנדרעאיטש וואָלט וואהרשיינליך, נאָך מרוצה געוואָרען צו פערבלייבען ביז נאַכט: ער האָט שוין געוועזט פאַרפיהרט מיט סאָפיא קירילאָוונא אַ שמועס וועגען דעם וואָס זי לעבט אליין, אָהן אַ געזעלשאַפטערין. אָבער פּיאָטער וואַסיליטש האָט זיך אָפּען געאיילט אהיים. ער איז אויפגעשטאַנען, ארויס אין פיהר־הויז און געהייסען שפּאַנען די פערד.

ווען די געסט האָבען זיך צום סוף גענומען זעגענען, האָט די ווירטהין זיי אָבגעהאַלטען און העפליך פאַרגעוואָרפען, וואָס זיי האָבען אזוי ווייניג פערבראַכט ביי איהר. נאָך דער אונזיכערער האַלטונג און דעם אויסדרוק פון באָריס אַנדרעאיטש'ס פּנים האָט מען געקענט זעהן, אז איהרע פאָרווירפע ווירקען אויף איהם; אָבער פּיאָטער וואַסיליטש האָט געהאַלטען אין איין מורמלען: אונמעגליך, צייט צו פאָהרען אהיים, געשעפטען, זעהר וויכטיג". און האָט זיך פער'עקשנ'ט גערוקט צוריק צו דער טהיר.

סאָפיא קירילאָוונא האָט ביי זיי פון דעסטוועגען גענומען אַ וואָרט, אַז זיי וועלען זי די טעג ווידער בעזוכען, און זי האָט אליין צו זיי אויסגעשטרעקט די האַנד צום אבשיעד. באָריס אַנדרעאיטש האָט שטאַרק אַ דריק געטהאָן איהרע פינגער. זי האָט זיך פערזשמורעט און אַ שמייכעל געטהאָן. פּיאָטער וואַסיליטש איז אין דעם אויגענבליק געווען אין פיהר־הויז און האָט שוין געהאַט אָנגעטהאָן זיין שינעל.

די קאַרעטע האָט נאָך ניט צייט געהאַט ארויסצופאָהרען פון דאָרף, ווי ער האָט דער ערשטער געבראָכען זייער געוועהנליכען שטיל־שווייגען, אויסרופענדיג:

— ניט דאָס, ניט דאָס, ניין, עס טויג ניט, ניט דאָס!

— וואָס ווילט איהר זאָגען? — האָט איהם געפרעגט באָריס אַנ־דרעאיטש.

— ניט דאָס, ניט דאָס — האָט איבערגערעדט פּיאָטער וואַסי־ליטש — קוקענדיג אָן אַ זייט און זיך עטוואָס אָבקעהרענדיג.

— אויב איהר מיינט עס סאָפיא קירילאָוונא, דאן בין איך מיט אייך ניט איינפערשטאַנדען: זי איז זעהר אַ ליעבע דאַמע, — זי

האָט נור אביסעל צופיעל פּרעטענזיעס, אָבער דאָך איז זי זעהר ליעב.

— נאָך ווי! אויב נור, אום מיט איהר... אָבער מיט וואָס פאַר א צוועק האָב איך אייך מיט איהר געוואָלט בעקאַנט מאַכען?

באָרים אַנדרעאיטש האָט ניט געענטפערט.

— איך זאָג אייך, אַז עס איז ניט דאָס! איך זעה אליין. דאָס געפעהלט מיר גראָד: — אליין רעדט זי וועגען זיך, אַז זי איז אַן אַפּיקורס'טע, אָבער ערלויבט דאָך: אָט דאָ, ביי מיר אויף דער רעכטער זייט פעהלען צוויי ציינער — וועל איך דען וועגען דעם אלעמען דערצעהלען? אָהן מיינע רייד וועלען דאָס אַלע שוין אויך דערזעהן. און דערצו, וואָס פאַר א בעל'הבית'טע איז זי? האָט אונז שיער ניט פאַרמאָרעט פון הונגער. ניין, מיין מיינונג איז: זיי זיך אַ פרייע, זיי א בעלעזענע, זיי וואָס דו ווילסט, אָבער פריהער פאַר אַלץ זיי א בעל הבית'טע. ניין ניט דאָס, ניט דאָס, ניט אַזוינס דאַרפט איהר האָבען דאָס איז ניט פיר אייך. מיט די רויטע וועסטען און די דעקלאַך אויף די געריכטען קען מען ניט לעבען.

— אָבער וואָס אַזוינס, דענקט איהר, איז יאָ פאַר מיר? — האָט געפרעגט באָרים אַנדרעאיטש.

— איך ווייס שוין וואָס... איצט ווייס איך.

— איך פערזיכער אייך, אַז איך בין אייך דאַנקבאַר פאַר דער בעקאַנטשאַפט מיט סאָפיא קירילאָוונא.

— איז דאָס אודאי גוט; אָבער זי, איך זאָג אייך נאָך אמאָל, איז ניט דאָס.

שפּעט ביינאַכט האָבען די פריינד זיך אומגעקעהרט צוריק אהיים.

אוועקגעהענדיג פון באָרים אַנדרעאיטש'ן, האָט פּיאָטער וואסיליטש איהם אָנגענומען פאַר א האַנד און געזאָגט:

— און איך וועל פון דעסטוועגען זיך פון אייך ניט אָבטשעפּען, און אייער וואָרט גיעב איך אייך אויך ניט צוריק.

— צופריעדען, איך בין בערייט אייך צו דיענען — האָט געענטפערט באָרים אַנדרעאיטש.

— נו, איז גוט!

און פּיאָטער וואסיליטש איז אוועק.

א גאַנצע וואָך איז אוועק אויף דעם געוועהנליכען שטייגער, מיט

דעם איינציגען אונטערשיעד, וואָס פּיאָטער וואַסיליטש איז עפּעס איין מאָל ערגעץ וואו אַוועק אויף אַ גאַנצען טאָג. ביז איין מאָל, אין אַ געוויסען אין דער פריה איז ער ווידער געקומען אַ אויסגעפּוצטער און האָט ווידער פאָרגעשלאָגען באָרים אַנדרעאיטשען צו פאָהרען מיט איהם אין געסט. באָרים אַנדרעאיטש, וועלכער האָט, ווי עס איז קענטיג געווען, מיט אונגעדולד געוואַרט אויף דער דאָזיגער איינלאַדונג, איז גלייך, אָהן שום טענות מיט איהם אַוועק.

— וואוהין פיהרט איהר מיך אַצינד? — האָט ער געפרעגט ביי פּיאָטער וואַסיליטש'ן, — זיצענדיג נעבען איהם שוין אין אַ שליטען.

פון דער צייט אָן, ווען זיי זיינען געפאָהרען צו סאָפיא קירילאָווּנאַ, איז געוואָרען ווינטער.

— איצט, באָרים אַנדרעאיטש, — האָט לאַנגזאַם געענטפערט פּיאָטער וואַסיליטש, — פיהר איך אייך אין אַ זעהר שעהנע הויז — צו די טיכאָדרועוו'ס. דאָס איז אַ זעהר געאַכטעטע פאַמיליע. דער פאָטער האָט געדיענט אַלס קאָלאָנעל און איז אַן אויסגעצייכענטער מענש. זיין פרוי איז — אַן אויסגעצייכענטע דאַמע. זיי האָבען צוויי טעכטער, זעהר וואוילע מיידלאַך, גוט ערצויגענע און מיט אַ פערמעגען. איך ווייס ניט, וועלכע עס וועט אייך בעסער געפעלען: איינע איז אַביסעל לעבעדיגער, און די צווייטע — שטילער. די צווייטע, איז דעם אמת געזאָגט, שוין אַביסעל צו שטיל. אָבערביידע קענען זיך זייערע שטעטעל בעשטעהן. אָט, איהר וועט שוין זעהן.

— גוט, איך'ל זעהן — האָט ערווידערט באָרים אַנדרעאיטש און אַ טראַכט געטהאָן פאַר זיך: „ עפּעס גאָר די פאַמיליע לאַרין פון „יעווגעני אָניעגין".

און צו ווילע ער האָט זיך אָן דעם דערמאָנט, אָדער צוליעב עפּעס אַן אַנדער אורזאַך, אָבער זיין פּנים האָט אויף אַ ווילע אָנגענומען אַן ענטווישטען און לאַנגווייליגען אויסזעהן.

— ווי רופט מען דעם פאָטער? — האָט ער געפרעגט גלייכגילטיג.

— מען רופט איהם קאַלימאָן איוואַניטש — האָט געענטפערט פּיאָטער וואַסיליטש.

— קאַלימאָן! וואָס פאַר אַ מאָדנער נאָמען!... און די מוטער?

— די מוטער רופט מען פעלאַגעא איוואַנאָווּנאַ.

— און ווי רופט מען די טעכטער?

— איינע רופט מען אויך פעלאגעיא און די צווייטע — עמערענ־ציא.

— עמערענציא? איך האב נאך אין מיין לעבען אזא נאמען ניט געהערט...

— יא, דער נאמען איז טאקע אביסעלע מאדנע... דערפאר אבער וואס פאר א גאלדענע מיידעל דאס איז! זי איז אין גאנצען, קען מען זאגען, צוזאמענגעשטעלט פון טוגענדען.

— ווי פאטעטיש איהר דריקט זיך דאס היינט אויס, פיאטער וואסיליטש! און וועלכע פון זיי איז עמערענציא? — די, וואס איז צו שטיל?

— ניין, די צווייטע... אט, איהר וועט שוין זעהן. ווארט אויס.

— איך ווארט.

צו די טיכאדרויעוו'ס איז אויך געוועזן א ווערסט פינף און צוואנציג, ווי צו סאפיא קירילאוונא; אבער זייער אלטער גוטס־בעזיץ איז גארניט עהנליך געוועזן צום אויסגעפוצטען הייזעל פון דער פרעהליכער אלמנה. דאס איז געוועזן א אומגעלומפערטע געביידע. א גרויסע און א לופטיגע, עפעס א מין גרויסע מאסע פון דונקעלע ברעטער מיט דונקעלע שויבען אין די פענסטער. פון די זייטען זיינען געשטאנען צו צוויי רייהען הויכע בירקען־בוימער: פון יענער זייט דאך האבען זיך ארויסגעזעהן די שפיצען פון די ריעזען גרויסע לינדען — דאס גאנצע הויז איז געוועזן ארום און ארום בעוואקסען. זומער־צייט האבען די אלע געוויקסען וואהרשיינליך בעלעבט דאס אלטע הויז, ווינטער אבער האבען זיי אויף איהר ארויפגעווארפען נאך מעהר אומעט. פון אינעווייניג האט דאס הויז אויך ניט געמאכט קיין פרעהליכען איינדרוק; אלעס אין איהר איז געוועזן חשך, דונקעל און האט אויסגעזעהן עלטער, ווי עס איז געוועזן.

די פריינד האבען געהייסען מעלדען וועגען זייער קומען. מען האט זיי אריינגעפיהרט אין גאסט צימער.

די בעל הבית'ים זיינען אויפגעשטאנען זיי אנטקעגען, אבער א לאנגע צייט האבען זיי זיי געקענט בעגריסען נור מיט צייכענס און געוויסע בעוועגונגען אויף וואס די געסט האבען פון זייער זייט געענטפערט מיט גרוסען און שמייכלען: אזוי שטארק האבען זיך צובילט פיער

ווייסע הינד, וועלכע, דערזעהענדיג די געסט, זיינען אַראָבגעשפּרונגען פון די אויסגענעהנטע קישעלאַך, אויף וועלכע זיי זיינען געלעגען. קלאַפּענדיג אין דער לופטען מיט נאָז טיכלאַך און מיט פערשיעדענע אַנדערע מיטלען, האָט זיך זיי ווי עס איז איינגעגעבען איינצושטי־לען די צווישעטע הינטלאַך, און איינעם פון זיי, דעם עלטסטען און בייזסטען, האָט אַ דיענסט געמוזט ארויסשלעפּען פון אונטער'ןביינקעל און אַוועקגעטראָגען אין שלאָף־צימער, דערביי האָט זי אָבער ניט גוט אָבגעשניטען, דער צוקאָכטער הינטעל האָט איהר אַ ביס געטהאָן אין דער רעכטער האַנד.

פּיאָטער וואַסיליטש האָט זיך בענוצט מיט דעם, וואָס עס איז שטיל געוואָרען. און האָט פאָרגעשטעלט באָרים אַנדרעאיטש'ן. די בעל הבתים האָבען איין קול ערקלעהרט, אַז זיי פרעהט זעהר די נייע בעקאַנטשאַפט, דערנאָך האָט קאַלימאַן איוואַניטש פאָרגעשטעלט פאַר באָרים אַנדרעאיטש'ן זיינע טעכטער, אָנרופענדיג זיי פאָלינקא און עמינקאַ. אין גאַסט־צימער האָבען זיך געפונען נאָך צוויי פרויען, שוין ניט קיין יונגע: איינע אין אַ טשעפּיק, די צווייטע מיט אַ דונקעלען טיכעל אויפ'ן קאָפּ, אָבער קאַלימאַן איוואַניטש האָט ניט געפונען פאַר נויטיג זיי פאָרצושטעלען פאַר באָרים אַנדרעאיטש'ן.

קאַלימאַן איוואַניטש איז געווען אַ מענש אַ יאָהר פינף און פופציג אַלט, אַ הויכער, אַ דיקער, אַ גרויער; זיין פּנים האָט גאָר ניט אויסגעדריקט: די שטריכען זיינען געווען שווערע, פּראָסטע מיט אַ שטעמפּעל פון גלייכגילטיגקייט, פוילקייט און גוטסקייט. זיין ווייב, אַ קליינע, אַ מאָגערע, מיט אַ אָבגעבליאַקירטען פּנים'ל, מיט פאַלשע רויטע האָאָר אונטער'ן הויכען טשעפּיק, האָט אויסגעזעהן, ווי זי וואָלט זיך שטענדיג וועגען עפּעס גע'דאגה'ט. אין איהר זיינען פערבליעבען סמנים פון אַמאָליגער קאָקעטעריי. פון די טעכטער, האָט איינע מיט'ן נאָמען פּעלאַגעא, אַ דונקעלע מיט שוואַרצע האָאָר, געקוקט פון דער זייט און עפּעס ווי מורא געהאַט פאַר מענשען. דערפאַר האָט די צווייטע, עמערענציא, אַ בלאָנדע, אַ פולע, מיט רונדע, רויטע באַקען, מיט אַ קליינעם, צוזאַמענגעדריקטען מיילכעל, אַ פערריסען נעזעל און זיסע אויגלאַך, זיך אַליין געשטופּט אין פאָראויס; עס איז קענטיג געווען, אַז אויף איהר איז געלעגען די פליכט צו פערנעהמען די געסט און, אַז זי האָט עס גערן געטהאָן.

ביידע שוועסטער האָבען געטראָגען ווייסע קליידער מיט בלויע סטיינגעס, וועלכע האָבען זיך געהויבען אין לופטען פון יעדער קלענס־טער בעוועגונג. די בלויע פארב האָט געקליידעט עמערענציע'ן, האָט זיך אָבער ניט געפּאסט צו פּאָלינקאַ'ן... צו איהר וואָלט קיין זאך דאכט זיך ניט געפּאסט, כאָטש זי איז ניט געוועזען קיין מיאוסע.

די געסט האָבען זיך צוזעצט; די בעל הבתים האָבען גענומען שטעלען די געוועהנליכע פראַגען, וואָס מען טהוט אימער ביי דער ערשטער בעקאַנטשאַפט מיט נייע מענשען; די געסט האָבען געענט־פערט אויף דעם איינענעם שטייגער.

קאַלימאַן איוואַניטש, וועלכער איז פון דער נאַטור אויס געוועזען ניט שטאַרק איבערגעשפּיצט, האָט געפרעגט באַרים אַנדרעאיטש'ן „צו ער האָט זיך שוין לאַנג באַזעצט אין דעם געגענד"; און באַרים אַנ־דרעאיטש האָט ערשט געהאַט געענטפערט פּעלאַגעא איוואַנאַוונאַ'ן אויף דער אייגענער פראַגע.

פּעלאַגעא איוואַנאַוונאַ האָט מיט זעהר אַ צאַרטער שטימע — מיט אַ שטימע, וואָס ווערט שטענדיג געברויכט פאַר געסט אין דעם טאָג פון זייער ערשטען בעזוך — פאַרגעוואָרפען איהר מאַן פאַר זיין צוטראָגענקייט; קאַלימאַן איוואַניטש איז אַביסעל צומישט געוואָרען און האָט זיך אין דער הויך אויסגעסמאַרקעט אין זיין נאָזטיכעל. דיזער קלאַנג האָט אויפגערעגט איינעם פון די הינטלעך און ער האָט גענומען בילען; אָבער עמערענציא האָט זיך גלייך געכאַפּט, האָט איהם אַ לאַטשע געטהאָן און בערוהיגט. דאָס אייגענע מיידעל האָט איהרע שוין אַביסעל צומישטע עלטערן געטהאָן נאָך אַ טובה. זי האָט בעשיי־דען אָבער מיט זיכערקייט זיך צוגעזעצט צו באָרים אַנדרעאיטש'ן און גענומען שטעלען גאַנץ אונוויכטיגע אָבער אַנגענעהמע פראַגען, וועלכע מוזען ארויסרופען פרעהליכע ענטפערס. דער געשפּרעך איז גלייך אָבגעלעבט געוואָרען, אַלע האָבען אין איהם אַן אַנטהייל גענומען, אַלע אויסער פּאָלינקאַ. זי האָט מיט אַ מין איינגעשפּאַרטקייט געקוקט אויף דער פּאָדלאָגע, וועהרענד עמערענציא האָט געלאַכט גראַציעז און זיך אין אַלגעמיין געהאַלטען אַזוי ווי זי וואָלט וועלען זאָגען: „זעהט, זעהט ווי גוט ערצויגען איך בין, ווי ליעבליך און וויפיעל פריינדליכ־קייט און גוטסקייט עס איז ביי מיר פאַראַן פאַר אַלע מענשען!" עס האָט זיך געדאַכט, אַז ריידען, רעדט זי אויך נור דערפאַר, וואָס זי

איז אַזוי גוט. זי האָט געלאַכט מיט אַ זיסליכען אויסגעצויגענעם גע־לעכטער, כאָטש באַרים אַנדרעאיטש האָט פון אָנהויב ניט געזאָגט קיין זאַך, וואָס זאָל זיין קאָמיש ; זי האָט שפּעטער געלאַכט נאָך מעהר, ווען באַרים אַנדרעאיטש, ערמונטערט פון דעם ערפאָלג פון זיינע רייד, האָט גענומען טאַקע אויף אַן אמת וויצלען זיך און בעריידען...

פּיאָטער וואַסיליטש האָט אויך געלאַכט. וויאַזאָווני האָט צווי־שען אַנדערעם בעמערקט, אַז ער האָט שטאַרק ליעב מוזיק.

— און איך האָב ליעב מוזיק, אַ שרעק ! — האָט אויסגערופען עמערענציאַ.

— איהר האָט זי ניט נור ליעב, איהר זייט אַליין אַן אויסגע־צייכענטע מוזיקערין — האָט בעמערקט פּיאָטער וואַסיליטש.

— ווירקליך ? — האָט געפרעגט באַרים אַנדרעאיטש.

— יאָ, — האָט פּיאָטער וואַסיליטש גערעדט ווייטער : — אי עמערענציאַ, אי פּעלאַגעאַ קאַלימאַנאָוונאַ, ביידע זינגען און שפּיעלען אויסגעצייכענט אויף דער פּיאַנאָ, בעזונדערס אָבער עמערענציאַ קאַלי־מאָנאָוונאַ.

דערהערט איהר נאָמען, האָט פאָלינקאַ זיך אָנגעצונדען און שיער ניט אויפגעשפּרונגען פונ׳ם אָרט, און עמערענציאַ האָט נור בעשיידען אַראָבגעלאָזען די אויגען.

— אַך, פרייליינס — האָט גענומען בעטען באַרים אַנדרעאיטש

— שוין־זשע וועט איהר ניט זיין אַזוי גוט... וועט מיר ניט פערשאַפען דאָס פערגעניגען...

— איך וויים ווירקליך ניט... — האָט אויסגעמורמעלט עמערענ־ציאַ און וואָרפענדיג פער׳גנב׳עט אַ בליק אויף פּיאָטער וואַסיליטש׳ן, האָט זי צוגעזעצט מיט אַ פאָרוואורף : — אַך, וואָס פאַר אַ מאָדנער איהר זייט !

אָבער פּיאָטער וואַסיליטש, אַלס אַ געזעצטער מענש, האָט זיך גלייך געווענדעט צו דער בעל הבית׳טע.

— פּעלאַגעאַ איוואַנאָוונאַ — האָט ער געזאָגט — הייסט אייערע טעכטער, זיי זאָלען אונז עפּעס שפּיעלען אָדער זינגען.

— איך וויים ניט צו זיי זיינען היינט ביי שטימע — האָט ערוויי־דערט פּעלאַגעאַ איוואַנאָוונאַ — נור מען קען פּרובען.

— יאָ, פּרובט, פּרובט — האָט געזאָגט דער פאָטער.

— אך, מאמא, ווי אזוי קען מען...

— עמערענס טהו, וואס מען הייסט דיר... — האט שטיל אבער שטרענג ארויסגערעדט פעלאגעא איוואנאוונא אויף פראנצויזיש.

זי האט געהאט א טבע, וועלכע עס האבען פיעלע מוטערס, צו מאכען איהרע קינדער בעמערקונגען פאר פרעמדע מענשען אויף פראנ־צויזיש, הגם יענע מענשען האבען גוט געקאנט די פראנצויזישע שפראך. דאס איז געווען נאך קאמישער דערפאר, ווייל זי אליין האט זעהר ווייניג פערשטאנען פון דער דאזיגער שפראך און האט זי גערעדט שלעכט.

עמערענציא איז אויפגעשטאנען.

— וואס־זשע זאלען מיר זינגען, מאמא? — האט זי געהארכ־זאם געפרעגט.

— אייער דועט; ער איז זעהר אן אנגענעהמער. מיינע טעכ־טער — האט זי ווייטער גערעדט, זיך ווענדענדיג צו בארים אנדרע־איטש'ן: — האבען פערשיעדענע שטימען: עמערענציא האט א דיס־קאנט...

— א סאפראנא, ווילט איהר זאגען?

— יא, יא א סאפראנא. און פאלינקא האט א קאנטר־אלטא.

— אה! א קאנטר־אלטא! זעהר אנגענעהם.

— איך קען היינט ניט זינגען — האט מיט אנשטרענגונג ארויסגערעדט פאלינקא — איך בין הייזעריג.

— אויב אזוי, דאן זינג דו אונז, עמערענס, דיין אריע, די אי־טאליענישע, דו ווייסט דאך וועלכע איך מיין; און פאלינקא וועט דיר אקקאמפאנירען.

— די אריע, וואו דו צוגיסט זיך, צושיטסט זיך, ווי ארבעסלאך, ווי ארבעסלאך — האט צוגעזעצט דער פאטער.

— א פרעהליכע, א לעבעדיגע — האט ערקלעהרט די מוטער.

ביידע מיידלאך זיינען צוגעגאנגען צו דער פיאנא. פאלינקא האט געעפענט דעם דעקעל, האט אוועקגעלייגט די נאטען פון אויבען און זיך געזעצט. און עמערענציא האט זיך געשטעלט נעבען איהר, חן'עווריג קאקעטירענדיג פאר בארים אנדרעאיטש'ען און פיאטער וואסיליטש'ען, וועלכע האבען פון איהר די אויגען ניט אראבגענומען. צום סוף, האט

זי גענומען זינגען, ווי עס זינגען מעהרסטענטהיילס די פריילײנס — מיט א קוויטש...

די ווערטער האָט זי ארויסגעבראַכט ניט קלאָהר, און בלויז נאָך מאַנכע קלאַנגען האָט מען זיך געקאָנט אָנשטויסען, אז זי זינגט אויף איטאַליעניש. צום סוף, האָט זי זיך ווירקליך צושאָטען ווי מיט ארבעס־לאָך, פון וואָס קאַלימאַן איוואַניטש האָט שטאַרק הנאה געהאַט — ער האָט זיך עטוואָס אויפגעהויבען און זיין פּאַטעל און אויסגעשריען: „גוט, גוט!" נור דעם לעצטען טריל האָט זי ארויסגעלאָזט פריהער, ווי עס איז נויטיג געווען, אזוי, אז עטליכע טאַקטען האָט די שוועסטער שוין געזומט שפּיעלען אליין. דאָס האָט פון דעסטוועגען ניט געשטערט באָרים אַנדרעאיטש'ן אויסצודריקען זיין פערגעניגען און מאַכען עמפּע־רענציא'ן א קאָמפּלימענט; און פּיאָטער וואַסיליטש זאָגענדיג צוויי מאָל: „זעהר, זעהר גוט", האָט צוגעזעצט: אצינד וואָלט ניט געשאַ־דעט, איהר זאָלט אונז זינגען עטוואָס רוסישעס, „די נאַכטיגאַל", צום ביישפּיעל, אָדער דעם „סאַראַפאַן", אָדער גאָר עפּעס א ציגיינערשע ליעדעל? ווייל אָט די אַלע אויסלענדישע זאַכען זיינען ניט פאַר אונ־זערע ברידער געשריעבען.

— איך בין מיט אייך פאָלשטענדיג איינפערשטאַנדען — האָט געזאָגט קאַלימאַן איוואַניטש.

— זינג דעם „סאַראַפאַן" — האָט שטיל, אָבער מיט דער פריי־הערדיגער שטרענגקייט געזאָגט די מוטער.

— ניין, ניט דעם „סאַראַפאַן" — האָט אונטערגעכאַפּט קאַלימאַן איוואַניטש: — זינג בעסער „מיר צוויי ציגיינערקעס"... „אָדער די היטעל אראָב און פערנויג זיך טיעף"... ווייסט?

— פּאַפּאַ איהר זייט אַלע מאָל אזא! — האָט זיך אָנגערופען עמפּע־רענציא, און גענומען זינגען „די היטעל אראָב" און געזונגען האָט זי דאָס גאָרניט שלעכט. קאַלימאַן איוואַניטש האָט איהר אונטערגעהאָל־פען און צוגעטופּעט מיט א פוס און פּיאָטער וואַסיליטש איז שטאַרק בעגייסטערט געוואָרען.

— אָט דאָס איז גאָר אַן אַנדער זאַך!.. דאָס איז פאַר אונז ווי געוואונשען! — האָט ער אַלץ גערעדט — איהר האָט מיך פּשוט מחיה געווען, עמערענציא קאַלימאַנאָוונא! אצינד ערשט זעה איך, אז איהר האָט געהאַט א רעכט זיך אָנצורופען א קינסטלערין! איך בין פאָל־

שטענדיג איינפערשטאנדען: איהר זייט טאקע אן אמת'ע קינסטלערין!

— אך, וואס פאר א שמייכלער איהר זייט! — האט בעמערקט עמערענציא, און געוואלט זיך אומקעהרען אויף איהר ארט.

— זינג דעם „סאראפאן" — האט געזאגט די מוטער.

עמערענציא האט געזונגען „דעם סאראפאן", שוין ניט מיט אזא ערפאלג, ווי דאס ערשטע ליעד, אבער דאך מיט ערפאלג.

— איצט האט איהר נאך געדארפט שפיעלען אייער סאנאטע אין פיער הענד — האט בעמערקט פעלאגעא איוואנאוונא — נור דאס וועלען מיר שוין אבלייגען אויף אן אנדער מאל, אז ניט האב איך מורא, אז מיר וועלען נאך דערעסען דעם הערר וויאזאווניז.

— וואס רעדט איהר... — האט געהאט אנגעהויבען באריס אנ־דרעאיטש.

אבער פאלינקא האט גלייך פערקלאפט די פיאנא, און עמערענציא האט ערקלעהרט, אז זי איז מיעד. באריס אנדרעאיטש האט געפ:נען פאר נויטיג איבערצו'חזר'ן זיין קאמפלימענט.

— אך, מוסיא וויאזאווניז — האט זי אנגעהויבען:—איהר האט אודאי, געהערט גרויסע זינגערינס, און איך שטעל מיר פאר וואס פאר א פנים עס האט מיין זינגען נאך זיי... כאטש באמריוס, ווען ער איז דא פערבייגעפאהרען, האט מיר געזאגט; איהר האט וואהרשיינליך דאך געהערט וועגען באמריוס'ן.

ניין, וואס איז דאס פאר א באמריוס?

— אך, וואס רעדט איהר! דאס איז א אויסגעצייכענטער פידעל־שפיעלער, ער האט זיך ערצויגען אין דער פאריזער קאנסערוואטאריע, א מערקווירדיגער מוזיקער... ער האט מיר געזאגט „מאדעמאזעל, מיט אייער שטימע, אז מען זאל נאך האבען א גוטען לעהרער, וואלט פון אייך ארויס א וואונדערבארע כלי". ער האט מיר אלע פינגערלאך פשוט אויסגעקושט... אבער געה זוך דא א לעהרער?

און עמערענציא האט א זיפץ געטהאן.

— יא, געוויס... — האט העפליך בעמערקט באריס אנדרעאיטש — מיט אייער טאלאנט... — ער האט ניט געוואוסט, וואס נאך צו זא־גען, איז אביסעלע צומישט געווארען און האט נאך העפליכער גענומען קוקען אן דער זייט.

עמערענציאַ האָט זיך פערנויגט און איז ארוים. און באָריס אַנדרע־איטש איז אַוועק צו פּאָלינקאַ'ן.

— „אויב דאָס איז די פאַמיליע לארין פון פושקינ'ס פּאָעמאַ „יעווגעני אָניעגין" — האָט ער אַ טראַכט געטהאָן — דאַן איז זי אפשר די טאַטיאַנאַ?"

און ער איז צוגעקומען צו פּאָלינקאַ'ן, וועלכע האָט מיט שרעק געקוקט אויף זיין אָנקומען.

— איהר האָט אויסגעצייכענט אַקאָמפּאַנירט אייער שוועסטער — האָט ער אָנגעהויבען — אויסגעצייכענט.

פּאָלינקאַ האָט ניט געענטפערט, זי איז נור רויט געוואָרען ביז איבער די אויערען.

— מיר טהוט זעהר לייד, וואָס איך האָב ניט געקענט הערען איי־ער דועט... פון וועלכער אָפּערא איז ער?

פּאָלינקאַ'ס אויגען האָבען אונרוהיג גענומען לויפען.

וויאַזאָווניו האָט אַ ווײַלע געוואַרט אויף איהר ענטפער; אָבער זי האָט גאָר ניט געזאָגט.

— וועלכע מוזיק האָט איהר בעסער ליעב? — האָט ער געפרעגט אין אַ ווײַלע אַרום — די איטאַליענישע אָדער די דייטשע?

פּאָלינקאַ איז צומישט געוואָרען.

— ענטפער עפּעס — האָט זיך דערהערט דער אויפגערעגטער בליסטערען פון פעלאַגעאַ איוואַנאָווּנאַ.

— יעדע — האָט אויף גיך ארויסגערעדט פּאָלינקאַ.

— דאָך, ווי הייסט עס, יעדע? — האָט ערווידערט באָריס אַנ־דרעאיטש — דאָס איז שווער צו פערשטעהן. בעטהאָווען, צום ביי־שפּיעל איז אַ גרויסער זשעני און דאָך פערשטעהען ניט אַלע איהם צו שעצען.

— ניין — האָט געענטפערט פּאָלינקאַ.

— די קונסט איז זעהר פיעל זייטיג — האָט גערעדט ווייטער דער אונערמיעדליכער באָריס אַנדרעאיטש.

— יאָ. — האָט געענטפערט פּאָלינקאַ.

דער געשפּרעך צווישען זיי ביידען האָט אָנגעהאַלטען ניט לאַנג.

— „ניין, — האָט געטראַכט באָרים אַנדרעאיטש, אוועקגעהענדיג פון איהר: — דאָס איז ניט קיין טאַטיאַנאַ! דאָס איז עפּעס אַ מין פּערקערפּערטער שרעק".

און אין דעם זעלבען טאָג, זיך לייגענדיג שלאָפען האָט די אָרימע פּאַלינקאַ, מיט טרעהרען אין די אויגען זיך געקלאָגט פאַר איהר קאַמער־מיידעל, אז אַ גאַסט האָט זיך היינט צו איהר צוגעטשעפּעט מיט פראַגען וועגען מוזיק, און ווי זי האָט ניט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן, און ווי אונגליקליך זי איז יעדעס מאָל, ווען עס קומען געסט. דערנאָך כאַפּט זיך נאָך צרות פון דער מאַמען, וועלכע זידעלט זיך שטאַרק — דאָס איז איהר גאַנצעס פערגעניגען...

צו מיטאָג איז באָרים אַנדרעאיטש געזעסען צווישען קאַלימאָן איוואַניטש'ן און עמעראַנציאַ'ן. דער מיטאָג איז געווען אַ רוסישער, אָהן קונצען, אָבער אַ זאַטער, און פּיאָטער וואַסיליטש'ן איז ער אַ סך מעהר געפעהלען, ווי די קינסטליכע מאכלים פון דער אלמנה. נעבען איהם איז געזעסען פּאַלינקאַ און, דערשטיקט אין זיך די צושראָקענ־הייט, האָט זי איהם כאָטש געענטפערט אויף זיינע פראַגען. דערפאַר האָט עמערענציאַ אַזוי פלייסיג אונטערהאַלטען איהר שכן, אז ער איז אין גיכען געבליבען גאָר אָהן קרעפטען. זי האָט געהאַט אַ געוואוינ־הייט איינצובויגען דעם קאָפּ רעכטס, צוטראָגענדיג צום מויל דאָס עסען פון לינקס — עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט זיך דערמיט געשפּיעלט; די דאָזיגע געוואוינטהייט איז שטאַרק ניט געפעלען געווען באָרים אַנדרעאיטש'ן. עס איז איהם אויך ניט געפעלען געווען, וואָס זי רעדט אַזוי פיעל וועגען זיך אליין, פערטרויענדיג איהם די קלענסטע איינצעלהייטען פון איהר לעבען; — אָבער אַלס אַ העפליכער מענש, האָט ער זיינע עמפּפינדונגען ניט ארויסגעוויזען, אַזוי אז פּיאָטער וואַסיליטש, וועלכער האָט איהם בעאָבאַכטעט פון איבער'ן טיש, האָט בשום אופן ניט געקענט בעגרייפען, וואָס פאַר אַן איינדרוק עמערענציאַ האָט אויף איהם געמאַכט.

נאָך מיטאָג איז קאַלימאָן איוואַניטש פּלוצים שטאַרק פערטראַכט געוואָרען, אָדער פּשוט גערעדט, ער האָט געכאַפּט אַ דרימעל; ער איז געוואוינט געווען צו שלאָפען אין דיזער צייט, און בעמערקט, אז די געסט קלייבען זיך אוועקצופאָהרען, האָט ער אפילו פערשלאָפען ארויס־געריעדט: „אָבער וואָס איילט איהר, מיינע הערען? אפשר וואָלט מען

געמאַכט אַ קערטעל?"... פון דעסטוועגען האָט ער זיך אין האַרצען דערפרעהט, ווען ער האָט דערזעהן, אַז זיי האַלטען שוין די היטלען אין די הענד.

פעלאַגעא איוואַנאָוונאַ איז גראַד איצט לעבעדיג געוואָרען און האָט מיט אַ בעזונדער איינגעשפּאַרטקייט געזוכט צו פערהאַלטען די געסט. עמערענציא האָט איהר פלייסיג צוגעהאָלפען און האָט זיך אויך גע־סטאַרעט זיי איינצורעדען, אַז זיי זאָלען בלייבען; אפילו פּאָלינקאַ האָט געזאָגט: פערבלייבט נאָך, מיינע הערען....

פּיאָטער וואַסיליטש האָט ניט געענטפערט ניט ניין און ניט יאָ, און האָט אַלץ געקוקט אויף זיין פריינד; דער פאַר האָט באָריס אַנדרע־איטש העפליך, אָבער פעסט, ענטשלאָסען ערקלעהרט, אַז זיי מוזען פאָהרען אהיים. מיט איין וואָרט, דאָס איז ארויסגעקומען פונקט פאַר־קעהרט, ווי ביי דער צושיידונג מיט סאָפיא קירילאָוונא. צום סוף, זיינען די געסט אוועק, געבענדיג אַ וואָרט זיי אין גיכען ווידער צו בעזוכען; עמערענציע׳ס פריינדליכע בליקען האָבען זיי בעגלייט ביז צום עס צימער, און קאַלימאַן איוואַניטש איז זאָגאַר ארויס אין פּיהר־הויז און געזעהען, ווי באָריס אַנדרעאיטש׳ס פלינקער דיענער וויקעלט איין די הערען אין זייערע פוטערס, פערבינדעט זיי די העלזער און ציהט אויף זיי ארויף די וואַרימע שטיוועל, דאַן האָט ער זיך אומגע־קעהרט אין קאַבינעט און איז גלייך איינגעשלאָפען.

אין דער זעלבער צייט איז פּאָלינקאַ, וועמען די מוטער האָט אויסגעזידעלט און פערשעהמט, אוועק צו זיך אויבען, און די צוויי שוויינענדיגע פאַרשוינען, איינע אין אַ טשעפּיק און די צווייטע אין אַ דונקעלע טוך, האָבען גראַטולירט עמערענציא׳ן מיט איהר נייעם זיעג.

די פריינד זיינען געפאָהרען שווייגענדיג. באָריס אַנדרעאיטש האָט געשמייכעלט פאַר זיך, פאַרשטעלט פון פּיאָטער וואַסיליטש׳ן מיט דעם אויפגעהויבענעם קראַגען פון זיין פוטער, און געוואַרט, וואָס אזוינס וועט ער זאָגען.

— ווידער ניט דאָס! — האָט אויסגערופען פּיאָטער וואַסיליטש.

אָבער הייניגס מאָל האָט זיך אין זיין קול געהערט אַ געוויסע אונזיכערקייט, און סטאַרענדיג זיך אַ קוק צו טהאָן אויף באָריס אַנ־

דרעאיטש'ן איבער דעם קראגען פון זיין פוטער, האט ער צוגעזעצט מיט א פרעגענדיגען קול:

— ניט אמת, אז עס איז ניט דאס?

— ניט דאס — האט מיט א געלעכטער געענטפערט בארים אנ־דרעאיטש.

— איך האב עס פערשטאנען — האט געזאגט פיאטער וואסי־ליטש און, שווייגענדיג א ווייל, האט ער צוגעזעצט: — פון דעסטווע־גען, פאר וואס אייגענטליך איז עס ניט דאס? וואס פעהלט דער מיידעל?

— איהר פעהלט גארניט. פערקעהרט, זי האט פון אלעמען נאך צופיעל...

— דאס הייסט, וואס עפעס צופיעל?

— אט אזוי!

— ערלויבט נור, בארים אנדרעאיטש, איך פערשטעה אייך ניט. אויב איהר רעדט וועגען בילדונג, דאן איז עס דען שלעכט? און וואס אנבעלאנגט צום כאראקטער, צו דעם האלטען זיך...

— עך, פיאטער וואסיליטש — האט געזאגט בארים אנדרעאיטש

— עס וואונדערט מיך, ווי אזוי איהר, מיט אייער קלאהרען פער־שטאנד, זאלט ניט זעהן דורך און דורך אזא מיידעל, ווי עמערענציא! די געמאכטע ליעבליכקייט, דאס שטענדיגע זעלבסט פערגעטערונג, די בעשיעדענע איבערצייגונג אין די אייגענע גוטע מעלות, די לייט־זעליגקייט פון א מלאך, וועלכער קוקט אויף אייך פון די הויכע הימ־לען... וואס איז דא פאראן וואס צו ריידען! אויב שוין יא אזוי, אויב איך מוז שוין חתונה האבען, וואלט איך צוואנציג מאל שנעלער גע־הייראט מיט איהר שוועסטער, ווי מיט איהר: יענע קען כאטש אם ווענינגסטען שווייגען!

— איהר זייט גערעכט — האט שטיל געענטפערט דער ארימער פיאטער וואסיליטש.

די אונערווארטעטע בעמערקונג פון בארים אנדרעאיטש'ן האט איהם פערוואונדערט.

— „ניין — האט ער געזאגט צו זיך אליין, און געזאגט האט ער עס צום ערשטען מאל נאך זיין בעקאנטשאפט מיט וויאזאווני'ען — ער איז מיר ניט קיין פאאר... צופיעל געלערענט איז ער פאר מיר".

און וויאַזאָווניןֹ פון זיין זייט, האָט געטראַכט, קוקענדיג אויף דער לבנה, וועלכע איז געשטאַנען נידעריג איבער'ן הימעל: „און דאָס איז אויך פונקט, ווי פון אָניעגין'ען...

*) „רונד און רויט איז איהר פּנים...

אָבער גוט איז מיין לענסקי, און אַ שעהנער העלד בין איך, אָניעגין!"

— אַלזאָ עס איז ניט דאָס? — האָט ער, לאַכענדיג, געפרעגט ביי פּיאָטער וואַסיליטש'ן, ארויסקריכענדיג מיט דער הילף פון לאַקעי פון שליטען און ארויפגעהענדיג אויפ'ן באַלקאָן פון זיין הויז: — אה, וואָס זאָגט איהר, פּיאָטער וואַסיליטש?

אָבער פּיאָטער וואַסיליטש האָט גאָרניט געענטפערט און איז אַוועק צו זיך אַהיים שלאָפען.

און עמערענציא האָט אויפ'ן צווייטען טאָג געשריעבען צו איהר פריינדין (זי האָט געפיהרט אַ גרויסע קאָררעספּאָנדענץ): „נעכטען איז ביי אונז געוועזען אַ נייער גאַסט, דער שכן וויאַזאָוונין. ער איז זעהר אַ ליעבער און פריינדליכער מענש, מען זעהט גלייך, אַז ער איז זעהר אַ געבילדעטער און — זאָגען דיר אויפ'ן אויער? — מיר דוכט זיך, אַז איך האָב אויף איהם געמאַכט אַ גאַנץ שטאַרקען איינדרוק. אָבער זיי רוהיג, מיין טהייערע: מיין הארץ איז געבליעבען רוהיג און וואַלענטין האָט ניט, וואָס מורא צו האָבען".

דער דאָזיגער וואַלענטין איז געוועזען אַ לעהרער אין אַ שטאָדטי־שער גימנאַזיאום. אין שטאָדט האָט ער געאַרבייט שווער און ביטער, און אין דאָרף האָט ער געזיפצט און איז אויסגעגאַנגען נאָך עמערענ־ציא'ן. ער האָט זי געליעבט פּלאַטאָניש און האָפנונגסלאָז.

און די פריינד זיינען אויף מאָרגען אין דער פריה זיך ווידער, ווי געוועהנליך, צוזאַמענגעקומען, און זייער לעבען איז אַוועק מיט דעם פריהערדיגען שטייגער.

עס זיינען אַוועק צוויי וואָכען. באָריס אַנדרעאַיטש האָט אַלע טאָג ערוואַרט אַ נייע איינלאַדונג; אָבער פּיאָטער וואַסיליטש, האָט, קאָנטיג, זיך אין גאַנצען אָבגעזאָגט פון זיין ראָלע אַלס שכן. באָריס אַנדרע־איטש האָט אליין גענומען ריידען וועגען דער אלמנה, וועגען די טי־

*) פון פּושקינ'ס בעריהמטער פּאָעמע „יעווגעני אָניעגין".
(איבערז.)

כּאָדויעווס, האָט געגעבען אָנצוהערעניש, אַז יעדער זאַך דאַרף מען פּרובירען ביז דריי מאָל; אָבער פּיאָטער וואַסיליטש האָט זיך געמאַכט, ווי ער פערשטעהט גאָרניט זיינע אָנצוהערענישען. צום סוף, אין אַ גע־ וויסען טאָג, האָט באַרים אַנדרעאיטש מעהר ניט געקענט איינהאַלטען זיך און האָט אָנגעהויבען אַזוי:

— וואָס־זשע, פּיאָטער וואַסיליטש? עס שיינט, אַז איצט מוז איך, פון מיין זייט, אייך דערמאָנען אָן אייער פערשפּרעכען?

— וואָס פאַר אַ פערשפּרעכען?

— געדענקט איהר, אַז איהר האָט מיך געוואָלט חתונה מאַכען? איך ווארט.

פּיאָטער וואַסיליטש האָט זיך אומגעדרעהט אויף זיין שטול.

— אַז איהר זייט אָבער אַזאַ אויסקלייבער! גאָט ווייסט וואָס איך קען געפעהלען! נאָך אייער געשמאַק נאָך, איז דאַכט זיך, דאָ גאָר קיין כּלות ניטאָ.

— דאָס איז ניט גוט, פּיאָטער וואַסיליטש. איהר דאַרפט אַזוי גיך ניט פערצווייפלען. די ערשטע צוויי מאָל האָט זיך ניט איינגע־ געגעבען... נו, דאָס איז נאָך ניט אַזאַ אונגליק. און אויסערדעם, די אַלמנה איז מיר געפעלען געוואָרען. אויב איהר וועט זיך פון מיר אָפּ־ זאָגען, דאַן פאָהר איך צו איהר אַליין.

— פאָהרט זיך געזונדערהייד, זאָל אייך גאָט העלפען.

— איך פערזיכער אייך, פּיאָטער וואַסיליטש, אָהן שפּאַס, איך וויל הייראַטהען. פאָהרט מיט מיר נאָך וואוהין עס איז.

— אָבער ווירקליך, דאָ אין דער גאַנצער געגענד איז שוין מעהר קיינער נישטאָ.

— דאָס קען ניט זיין פּיאָטער וואַסיליטש. וואָס הייסט, דאָ אין דער נאַכבאַרשאַפט איז נישטאָ קיין איין שעהנע מיידעל?

— פאַרוואָס זאָל ניט זיין? אודאי איז דאָ, אָבער ניט פאַר אייך.

— אַזוי? רופט מיר אָן כאָטש איינע.

פּיאָטער וואַסיליטש האָט אַ ביס געטהאָן מיט די צייהן די ברוס־ טין פון זיין טשוביק.

— נו, לאָמיר זאָגען, וויעראָטשקאַ באַרסוקאָווא — האָט ער, צום

סוף, ארויסגערעדט — וואָס דארף מען בעסער? אָבער פאַר אייך איז זי ניט.

— פארוואָס?

— זי איז צו איינפאַך.

— דאָס איז נאָך בעסער, פיאָטער וואסיליטש, דאָס איז נאָך בעסער!

— און איהר פאָטער איז אזא מאָדנער מענש.

— דאָס איז אויך ניט קיין אונגליק... פיאָטער וואסיליטש, פריינד מיינער, מאכט מיך בעקאַנט מיט דער... ווי האָט איהר זי אָנגערו־פען? . . .

— באָרסוקאָווא.

— יאָ, מיט בארסוקאָווא׳ן... איך בעט אייך.

און באָרים אנדרעאיטש האָט ניט געלאָזט רוהען פיאָטער וואַ־סיליטש׳ן, ביז יענער האָט איהם ניט צוגעזאָגט, אַז ער וועט איהם נעהמען צו די בארסוקאָוו׳ס.

די פאמיליע בארסוקאָוו איז בעשטאַנען פון צוויי פארשוינען: דעם פאָטער, אַ יאָהר פופציג, און דער טאָכטער אַ יאָהר נײַנצעהן אַלט. פיאָטער וואסיליטש האָט ניט אומזיסט אָנגערופען דעם פאָטער אַ מאָדנער מענש; ער איז אויף אַן אמת געווען זעהר אַ זאָנדערבארער אַלטער. געענדיגט אויף גלענצענדסטען אופן אַ קורס אין אַ רעגיערונגס־שוהל, איז ער אריינגעטראָטען אין דיענסט און אין גיכען צוגעצויגען צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון זיינע פאָרגעזעצטע, נור פּלוצים האָט ער זיך אָנגעגעבען אין דיסמיסיע, האָט געהייראַטה, זיך בעזעצט אין דאָרף און בישלאַכוויין זיך אזוי אָבגעלאָזען, אזוי פויל געוואָרען, אַז צום סוף איז ער ניט נור אין ערגעץ ניט ארויסגעפאָהרען... נור אפילו פון זיין צימער איז ער ניט ארויסגעגאַנגען. אין אַ קורצען האָזענעם פעלצעל און אין פאַנטאָפעל, די הענד אין הויזען־קעשענעס פארלייגט, איז ער גאַנצענע טעג ארומגעגאַנגען פון איין ווינקעל אין צווייטען, דאָ אונטערזינגענדיג, און דאָ אונטערפייפענדיג, און וואָס מען זאָל צו איהם ניט ריידען, האָט ער אויף אַלץ מיט אַ שמייכעל געענטפערט: „בראַו, בראַו!” דאָס הייסט: בראַווא, בראַוואָ!

— ווייסט איהר וואָס, סטעפאַן פעטראָוויטש — האָט צום ביי־שפיעל, איהם דערצעהלט אַ שכן, וועלכער איז צו איהם פערפאָהרען,

און געפּאָהרען זיינען די שכנים צו איהם זעהר גערן, ווייל גאסט פריינדליכער פון איהם איז ניט געווען קיין מענש אויף דער גאנצער וועלט: — ווייסט איהר, מען זאָגט, אז אין ביעלעוו איז דער פּרייז אויף קאָרן געשטיגען ביז דרייצעהן רובעל.

— בראו, בראו! — האָט רוהיג געענטפערט בארסוקאָוו, וועלכער האָט נור וואָס געהאט פערקויפט זיין קאָרן פאר זיעבען און א האלב.

— און, האָט איהר געהערט, אייער שכן פּאוועל פּאָמיטש האָט פערשפּיעלט צוואַנציג טויזענד רובעל אין קאָרטען?

— בראו, בראו! — האָט פּונקט אזוי רוהיג געענטפערט בארסו־קאָוו.

— אין שליקאָווא צופאלען די בהמות — האָט באמערקט אן אנדער שכן.

— בראו, בראו!

— לאפּינס פריילין איז אנטלאָפען מיט'ן אויפזעהער.

— בראו, בראו, בראו!...

און אזוי אָהן א סוף.

האָט מען איהם געמעלדעט, אז זיין פערד האָט גענומען הינקען, אז עס איז געקומען דער איד מיט די סחורה, אז דער וואנד־זייגער איז פערפאלען געוואָרען, אז דאָס אינגעל האָט ערגעץ־וואו פערוואָרפען זיי־נע שטיוועל — פון איהם האָט מען אימער בלויז געהערט דעם אייגע־נעם: „בראו, בראו!"

פונדעסטוועגען האָט זיך אין זיין הויז קיין בעזונדער אונאָרדנונג ניט בעמערקט: זיינע פּויערים האָבען געלעבט גליקלאך, און ער אליין האָט קיין חובות ניט געמאכט. מיט זיין אויסזעהן האָט בארסוקאָוו צו־געצויגען צו זיך. זיין רונדער פּנים מיט די גרויסע קאָרע אויגען, די דינע, רעגעלמעסיגע נאָז און די רויטע ליפּען האָבען אייך פּערוואונ־דערט מיט זייער פרישקייט. די דאָזיגע פרישקייט האָט נאָך שטארקער אָבגעשלאָגען צוליעב די שנעע־ווייסקייט פון זיינע האָאר; א לייכטער שמייכעל האָט כמעט שטענדיג געשפּיעלט אויף זיינע ליפּען; און ניט אזוי פיעל אויף זיינע ליפּען, ווי אויף די חן־גריבעלאך פון זיינע באַ־קען; ער האָט זעהר זעלטען געלאכט, אָבער מאנכעס מאָל פלעגט ער זיך צולאכען מיט א היסטערישען געלעכטער און דערנאָך האָט ער זיך

יעדעס מאָל געפּיהלט ניט געזונד. גערעדט האָט ער אויסער זיין „בראו, בראו" זעהר ווענינ און אויך בלויז דאָס סאַמע נויטיגסטע, אין פּערקירצטע פראזען.

זיין טאָכטער, וויעראָטשקא, איז זעהר עהנליך געווען צו איהם אי מיט'ן פּנים, אי מיט דעם אויסדרוק פון די דונקעלע אויגען, וועלכע האָבען אויסגעזעהן נאָך דונקעלער צוליעב די צאַרטע, העל־בלאָנדע האָאר, אי מיט דעם שמייכעל. זי איז געווען ניט גרויס געוואַקסען, אָבער שעהן געבויט: אין איהר איז ניט געווען קיין שום זאַך, וואָס זאָל בעזונדערס צוציהען, אָבער עס איז גענוג געווען איין מאָל אויף איהר א קוק צו טהאָן אָדער הערען איהר קול'כעלע, אום צו זאָגען צו זיך אליין: „אָט איז א גוטע נשמה". דער פאָטער און די טאָכטער האָבען ליעב געהאַט איינער דעם אַנדערען. דאָס גאַנצע הויז־ווירטה־שאַפט איז געווען אויף איהרע הענד און זי האָט זיך גערן מיט דעם פערנומען... פון קיין אַנדערע בעשעפטיגונגען האָט זי ניט געוואוסט. פיאָטער וואַסיליטש האָט ניט אומזיסט געזאָגט, אז זי איז אַן איינפאַכע מיידעל.

ווען פּיאָטער וואַסיליטש מיט באַריס אַנדרעאיטש'ן זיינען גע־קומען צופאָהרען צו באַרסוקאָוו'ן, איז ער, ווי זיין שטייגער איז גע־ווען, ארומגעגאַנגען הין און צוריק איבער'ן קאַבינעט.

דער דאָזיגער קאַבינעט, וועלכען מען האָט געקאָנט אָנרופען אי א גאַסט־צימער, אי א עס־צימער, ווייל דאָרט האָט מען צוגענומען די געסט און נעגרייט צום טיש, האָט פערנומען א גוטע העלפט פון סטעפּאַן פּעטראָוויטש'עס גאַנצען הייזעל. דאָס מעבעל איז דאָרט גע־ווען ניט קיין שעהנע, אָבער בעקוועמע: איבער דער גאַנצער ליינג פון איינער פון די ווענט, איז געשטאַנען א זאָפע, זעהר א ברייטע, א ווייכע און מיט א גאַנצער מאַסע קישעלאך — די דאָזיגע זאָפע איז גוט בעקאַנט געווען אַלע אַרומיגע גוטס־בעזיצער. דעם אמת געזאָגט, איז געווען א מחיה צו ליעגען אויף דער דאָזיגער זאָפע.

אין די איבעריגע צימערען זיינען געשטאַנען בלויז שטולען, און עפּעס אזעלכע טישלאך, און שאַפעס; די דאָזיגע אַלע צימערען האָבען געדיענט נור אלס א דורכגאַנג, קיינער האָט אין זיי ניט געוואוינט.

וויעראָטשקא'ס קליינינקער שלאָף־צימער איז ארויסגעקומען אין גאָרטען און אויסער א ריין ווייס בעטעל, א וואַש־טישעל מיט א שפּי־

געלע און איין פּאַטעל, איז אין איהם אויך קיין מעבעל ניט געווען. דערפאר זיינען איבעראל, אין אלע ווינקעלאך, געשטאַנען פלאַשען מיט נאַליוועקעס און סלאַיעס מיט איינגעמאַכטס, אַנגעצייכענטע מיט וויערזשבאַקאַ'ס אייגענער האַנד.

אריינגעקומען אין פּיהרהויז, האָט פּיאָטער וואסיליטש שוין געוואָלט לאָזען מעלדען וועגען זיך און באָרים אַנדרעאיטש'ן, אָבער אַ אינגעל אין אַ רעקעל מיט לאַנגע פּאָלעס, וועלכער איז גראָד געווען דערבייי, האָט אויף איהם בלויז אַ קוק געטהאָן און גענומען אראָבשלעפען פון איהם דעם פוטער, ארויסריידענדיג: „ביטע".

די פריינד זיינען אריין צו סטעפּאַן פּעטראָוויטש'ן אין קאַבינעט.

פּיאָטער וואסיליטש האָט איהם פאָרגעשטעלט באָרים אַנדרעאיטש'ן.

סטעפּאַן פּעטראָוויטש האָט איהם געדריקט די האַנד און געזאָגט:

— מיך פרעהט... זעהר דורכגעפראָרען? ... אביסעלע בראַנפען? — און אָנגעוויזען מיט'ן קאָפּ אויף דעם צובייסען, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ קליין טישעל, האָט ער זיך ווידערגענומען געהן איבער'ן צימער.

באָרים אַנדרעאיטש האָט אויסגעטרונקען אַ גלעזעל בראַנפען, פּיאָטער וואסיליטש נאָך איהם, אוןביידע האָבען זיך געזעצט אויף דער ברייטער זאָפע מיט די סך קישעלאך!

און גלייך אויף דעם, האָט זיך באָרים אַנדרעאיטש'ן אויסגעוויזען, אַז זיין גאַנץ לעבען איז ער געזעסען אויף דער דאָזיגער זאָפע און אַז ער איז שוין לאַנג, לאַנג בעקאַנט מיט דעם בעל הבית פונ'ם הויז. פונקט דעם זעלבען געפיהל האָבען געפיהלט אלע, וועלכע פלעגען קומען צו באַרסוקאָוו'ן.

אין יענעם טאָג איז ער געווען ניט אליין; אייגענטליך האָט מען איהם זעהר זעלטען געקאָנט טרעפען אליין. ביי איהם איז געזעסען עפּעס אַ פּאַרשוין מיט אַן אַלטען, צוקנייטשטען פּנים, מיט אַ נאָז, ווי ביי אַ יאַסטרעב, און מיט אונרוהיגע אויגען, אַ גאַנץ אָבגעבליאַקירטער פּאַרשוין, וועלכער האָט ניט לאַנג צוריק געדיענט אויף אַ פּלאַץ, וואו עס האָט זיך געלאָזט מאַכען געלד, און איצט האָט ער זיך געפונען אונטער אַן אַנקלאַגע. האַלטענדיג זיך מיט איין האַנד פאַר דעם האַלזטוך און מיט דער צווייטער פאַר דעם פאָדערשטען טהייל

פון זיין פראַק, האָט דער דאָזיגער פּאַרשוין נאָכגעפאָלגט מיט די אויגען נאָך סטעפּאַן פּעטראָוויטש'ן און, אָבגעוואַרט ביזוואַנען די געסט האָבען זיך צוזעצט, האָט ער אַרויסגערעדט מיט אַ טיעפען זיפץ:

— עך, סטעפּאַן פּעטראָוויטש, סטעפּאַן פּעטראָוויטש! בעשולדיגען אַ מענשען איז לייכט; אָבער ווייסט איהר דעם שפּריך־ווערטעל: „זינדיג איז דער עהרליכער, זינדיג איז דער לומפּ, אַלע לעבען פון זינד, הייגט ווי־זשע זאָלען מיר ניט זינדיגען?

— בראַוו... — האָט געהאַט אַרויסגערעדט סטעפּאַן פּעטראָוויטש, האָט זיך אָבער אָבגעשטעלט און געזאָגט: — אַ פּאַסקודנער שפּריך־וואָרט.

— ווער לייקענט עס? אודאי אַ פּאַסקודנער — האָט ערווידערט דער אָבגעבליאַקירטער הערר — אָבער וואָס זאָל מען טהאָן? די נויטה איז ניט קיין גוטער ברודער: זי וועט אויסזויגען פון דיר די עהרליכקייט דיינע. אָט, איך בין בערייט זיך צו פּערלאָזען אויף די העררן אדעליגע, אויב זיי וועלען זיין אַזוי גוט און אויסהערען די אומשטענדען, אונטער וועלכע איך בין בעגאַנגען...

— קען מען רויכערען? — האָט באָריס אַנדרעאַיטש געפרעגט ביים בעל הבית.

דער בעל הבית האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ.

— געוויס — האָט גערעדט ווייטער דער הערר — איך אַליין, קאָן זיין, בין ניט איין מאָל אין כעס געוועזען אי אויף זיך, אי אויף דער גאַנצער וועלט, האָב געפיהלט, אַזוי צו זאָגען, אַ עדעלע ענטריסטונג...

— דאָס האָבען שופּטען אויסגעטראַכט — האָט איהם אונטערבראָכען סטעפּאַן פּעטראָוויטש.

דער הערר האָט זיך אַ טרייסעל געטהאָן.

— דאָס הייסט, וואָס מיינט איהר, סטעפּאַן פּעטראָוויטש? איהר ווילט זאָגען, אַז די עדעלע ענטריסטונג האָבען אויסגעטראַכט שופּטען?

סטעפּאַן פּעטראָוויטש האָט ווידער אַ מאַך געטהאָן מיט'ן קאָפּ.

דער הערר האָט אַ ווײַלע געשוויגען און פּלוצים האָט ער זיך צולאַכט מיט אַ געבראָכענעם געלעכטער, דערביי האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ער האָט ניט קיין איין צאָהן אין מויל, כאָטש גערעדט האָט ער גאַנץ דייטליך.

— כע, כע, סטעפאן פעטראָוויטש, איהר זאָגט תמיד עפּעס אַזוינס. ניט אומזיסט זאָגט אונזער אַדוואָקאַט װעגען אייך, אַז איהר זייט אַן אמת'ער וויצלינג.

— בראַו, בראַו! — האָט געענטפערט באַרסוקאָוו.

אין דעם מאָמענט האָט זיך די טהיר געעפענט, און וויעראָטשקאַ איז אריינגעקומען. טרעטענדיג פעסט און לייכט, האָט זי אויף אַ רונ־דער גרינער טאַץ, געטראָגען צוויי קריגעלאך קאַפּע און אַ כלי מיט סמע־טאַנקע. אַ דונקעל גרויע קליידעל האָט גראַציעז אַרומגעכאַפּט איהר דינע פיגור. באָריס אַנדרעאיטש און פּיאָטער וואַסיליטש, ביידע, האָ־בען זיך אויפגעהויבען פון זאַפע; זי האָט זיך פּאַר זיי אַ נויג געטהאָן, מיט דעם טאַץ אין די הענד און, צוגעהענדיג צום טיש, האָט זי די טאַץ אויף איהם אַרויפגעשטעלט, זאָגענדיג:

— אָט האָט איהר קאַפּע.

— בראַוו — האָט אויסגערעדט איהר פאָטער — נאָך צוויי — האָט ער צוגעזעצט, אָנווייזענדיג אויף די געסט: — באָריס אַנדרע־איטש, מיין טאָכטער...

באָריס אַנדרעאיטש האָט זי נאָך אַמאָל בעגריסט.

— ווילט איהר קאַפּע? — האָט זי געפרעגט, קוקענדיג איהם רו־היג און גלייך אין די אויגען: — ביז מיטאָג איז נאָך אַ שעה אַנדער־האַלבען.

— מיט'ן גרעסטען פערגעניגען — האָט געענטפערט באָריס אַנ־דרעאיטש.

וויעראָטשקאַ האָט זיך אַ קעהר געטהאָן צו זיין פריינד.

— און איהר, פּיאָטער וואַסיליטש?

— איך וועל אויך אויסטרינקען.

— גלייך. אייך האָב איך שוין לאַנג ניט געזעהן, פּיאָטער וואַ־סיליטש.

— געזאָגט עס, איז וויעראָטשקאַ אַרויס.

באָריס אַנדרעאיטש האָט איהר נאָכגעקוקט און, איינבויגענדיג זיך צו זיין פריינד, האָט ער איהם אַ שעפּטשע געטהאָן אויף אַן אוי־ער:

— זי איז זעהר ליעב... און ווי פריי זי האַלט זיך דאָס...

— דאָס איז אַ געוואוינהייט — האָט געענטפערט פּיאָטער וואַ־

סילימש — ביי זיי איין שטוב איז פונקט, ווי אין אַ טראַקטיר. פון איין טהיר אריין אין דער צווייטער ארויס.

און אַזוי ווי צו בעשטעטיגען פיאָטער וואַסיליטשעס ווערטער, איז אין צימער אריין אַ נייער גאַסט, דאָס איז געווען אַ גאַנץ היבש בעלייבטער פאַרשוין מיט אַ גרויסען פּנים מיט גרויסע אויגען אין ליפּען, און מיט גרויסע צופּאַלטערטע האָאָר. אין זיינע געזיכטס־ציגע האָט זיך געזעהן אַן אויסדרוק פון שטענדיגער אונצופריעדענהייט — אַ זויערער אויסדרוק. אָנגעטהאָן איז ער געווען אין זעהר לייזע קליידער און אין גאַנג האָט ער זיך געשאָקעלט מיט'ן גאַנצען קערפּער. ער האָט זיך שווער אַראָבגעלאָזט אויף דער זאָפע און ערשט דעמאָלט געזאָגט: „ווי געהט עס" זיך ניט ווענדענדיג צו קיינעם פון די אַנוועזענדע.

— בראַנפען? — האָט איהם געפרעגט סטעפּאַן פּעטראָוויטש.

— ניין! וואָס פאַר אַ בראַנפען — האָט געענטפערט דער נייער גאַסט: מיר איז איצט ניט אין קאָפּ קיין בראַנפען. ווי געהט'ס, פּיאָטער וואַסיליטש — האָט ער צוגעזעצט, זיך ארומקוקענדיג.

— וואָס מאַכט איהר מיכעי מיכעאיטש — האָט געענטפערט פּיאָטער וואַסיליטש: — פון וואַנען קומט אַ מענש?

— פון וואַנען? געוויס, פון שטאָדט. דאָס זייט איהר דאָך בלויז אַזעלכע גליקליכע, וואָס איהר דאַרפט ניט פאָהרען אין שטאָדט. אָבער איך, אַ דאַנק דער השגחה און אָט די דאָזיגע פאַרשוינען— האָט ער צוגעזעצט, אויסציהענדיג אַ פינגער אין דער ריכטונג פון דעם הערן, וועלכער האָט זיך געפונען אונטער אַן אָנקלאָגע: — איך האָב שוין פון אַלע מיינע פערד די נשמה ארויסגעטריבען, שלעפּענדיג זיך אין שטאָדט אַז אויסגעדאַרט זאָל ער ווערען!

— מיכעי מיכעאיטש, איך לאָז אייך גריסען — האָט געזאָגט דער הערר, וועלכען דער נייער גאַסט האָט אַזוי אָהן צערעמאָניעס אָנגערופען דער דאָזיגער פאַרשוין.

מיכעי מיכעאיטש האָט אויף איהם אַ קוק געטהאָן.

— זאָג מיר, איך בעט דיך, נור איין זאַך — האָט ער אָנגעהויבען פערלייגענדיג די הענד אויף דער ברוסט: — ווען וועט מען דיך שוין אַמאָל אויפהענגען?

יענער האָט זיך בעליידיגט.

— און מען האָט עס נויטיג געדארפט טהאָן! אויף מיין וואָרט, מען האָט עס געדארפט! די רעגיערונג איז צו גוט צו אייער'ן א ברו־דער — אָט וואָס! ווייל וואָס הארט עס דיר, וואָס דו געפינסט זיך אונטער א אנקלאגע? דיין באָבעס דאגה! איין זאך בלויז פערדריסט דיך, מסתמא: וואָס מען קען איצט שוין ניט מעהר — און מיכעי מיכעיאיטש האָט פאַרגעשטעלט מיט'ן האנד, ווי ער וואָלט עפּעס גע־כאפט אין דער לופטען, און עס ארייגעשטופּט אין זיין זייטיגער קע־שענע — איצט וועט דאָס שוין ניט געהן!

— איהר ליעבט אַלץ צו טרייבען שפּאַס — האָט זיך אָנגערופען דער ענטזאגטער בעאמטער: און איהר ווילט בשום אופן ניט פער־שטעהן, אז דער געבער האָט א רעכט צו געבען, און דער נעהמער צו־נעהמען. און דערצו האָב איך דאָ געהאנדעלט ניט מיט מיין אייגענעם קאָפּ, איך האָב עס דאך שוין ערקלעהרט... דאָ האָט געווירקט א געוויסע פּערזאָן.

— געוויס — האָט איראָניש בעמערקט מיכעי מיכעיאיטש — דו ביזט א קלוגער פּיקסעל, ווילסט זיך בעהאַלטען אונטער א פרעמדער פּאָלע, מיר קאָנען שוין אייערע חברה. אָבער זיי זיך מודה, אונזער איספראַווניק האָט עפּעס דיר גוט פאַרגעבען? אה? אריינגעהאַקט דיר, ווי עס געהער צו זיין?

יענעם איז איינגעפאלען אין הארצען.

— ער איז א בייזער מענש, — האָט ער, צום סוף ארויסגעשטאַ־מעלט.

— אָט דאָס איז טאַקע די מעשה!

— און דאך האָט מען וועגען איהם אויך געקענט עפּעס דערצעה־לען...

— ער איז א גאָלדענער מענש, א אמת'ער געווינס — האָט איהם אונטערבראָכען מיכעי מיכעיאיטש, ווענדענדיג זיך צו סטעפּאַן פּעט־ראָוויטש'ן: — אויף אַזעלכע חברה־לייט און אויף שיכורים איז ער אַן אמת'ער מאַדים!

— בראוו, בראוו! — האָט געזאָגט סטעפּאַן פּעטראָוויטש.

וויעראָטשקאָ איז ארײן מיט נאָך צוויי קריגלאך קאַפּע אויף א טאַץ.

מיכעי מיכעאיטש האָט זיך פאַר איהר פערנויגט.

נאָך איין קריגעל — האָט געזאָגט דער פּאָטער.

— פאַרוואָס בעמיהט איהר זיך עפּעס אליין? — האָט געפרעגט באַרים אַנדרעאיטש, צוגעהעמענדיג ביי איהר די קאַפע.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ מיה? — האָט געענטפערט וויעראָטש־קאַ — דעם דיענער געטרוי איך דאָס ניט: מיר דאַכט זיך, אַז אַזוי וועט זיין געשמאַקער.

— געוויס, פון אייערע הענד איז אודאי בעסער.

אָבער וויעראָטשקאַ האָט שוין ניט דערהערט זיין קאָמפּלימענט, איז אַוועק און באַלד זיך צוריקגעקעהרט מיט קאַפע פאַר מיכעי מיכע־איטש'ען.

— האָט איהר געהערט? — האָט ווידער געזאָגט מיכעי מיכע־איטש, אויסטרינקענדיג זיין קריגעל קאַפע: — מאַוורא איליניישנא ליעגט דאָך אָהן לשון?

סטעפּאַן פּעטראָוויטש האָט זיך אָבגעשטעלט און אויפגעהויבען דעם קאָפּ.

— וואָס דען, וואָס דען — האָט ווייטער גערעדט מיכעי מי־כעאיטש — זי האָט געכאַפּט אַ פּאַראַליטש. איהר ווייסט דאָך, זי האָט ליעב געהאַט אריינצועסען. זיצט זי זיך אַזוי אייערנעכטען ביים טיש, און ארום איהר זיינען געסט... מען דערלאַנגט באַטשווינקע, און זי האָט שוין צוויי טעלער געהאַט אויפגעגעסען, און בעט אַ דריטען... און דאָ פּלוצים קוקט זי זיך אַרום און זאָגט אַזוי געלאַסען, ניט איילענדיג זיך: „נעהמט צו די באַטשווינקע, אַלע מענשען זיינען גרין געוואָרען"... און טראַסק פונ'ם שטול אַראָב... מען האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן אויפ־הויבען זי, מען פרעגט, וואָס מיט איהר איז... ערקלעהרט זי מיט די הענד, און דער לשון אַרבייט שוין ניט מעהר... מען דערצעהלט נאָך, ווי אונזער דאָרפישער דאָקטאָר האָט זיך אין דיזען פאַל אויסגעציי־כענט... ער האָט זיך אַזוי דערשראָקען, אַז ער איז אויפגעשפּרונגען און גענומען שרייען: „אַ דאָקטאָר! לויפט נאָך אַ דאָקטאָר!" ער איז גאָר צומישט געוואָרען. נו, יאָ, אומשטיינס געזאָגט, וואָס פאַר אַ פּראַקטיקע ער האָט! ער לעבט נור פון די טויטע קערפּערס.

— בראַוו, בראַוו! — האָט פערטראַכט אויסגערופען באַרסו־קאָוו.

— ביי אונז וועט היינט אויך זיין באַטשווינקע — האָט בעמערקט

וויעראַטשקאַ, צוזעצענדיג זיך אין אַ ווינקעל אויף אַ ברעג פון אַ שטוהל.

— מיט וואָס? מיט שטער־פיש? — האָט שנעל געפרעגט מיכעי מיכעיאיטש.

— יאָ, מיט שטער־פיש און מיט געטריקענטע פיש.

— דאָס איז אַ גוטע זאַך. מען זאָגט אָבער, אַז באָטשווינקע טויג ניט צו עסען אין ווינטער, ווייל עס איז אַ קאַלטע געריכט. דאָס זיינען נאַרישקייטען... ניט אמת, פיאָטער וואַסיליטש?

— פוסטע נאַרישקייטען — האָט געענטפערט פיאָטער וואַסי־ליטש — דאָ, אין צימער איז דאָך וואַרעם?

— זעהר וואַרעם.

— היינט פאַרוואָס־זשע זאָל מען אין אַ וואַרעמען צימער ניט טאָרען עסען קיין קאַלטע שפּייזען? איך פערשטעה ניט.

— און איך פערשטעה אויך ניט.

אויף דיזען אופן האָט דער געשפּרעך אָנגעהאַלטען אַ גאַנץ לאַנ־גע צייט. דער בעל הבית האָט אין איהם כמעט גאָר קיין אָנטהייל ניט גענומען און איז זיך אַלץ ארומגעגאַנגען איבער'ן צימער.

צום מיטאָג האָבען זיך אַלע אָנגעגעסען, אויף וואָס די וועלט שטעהט: אַזוי איז אַלעם געווען געשמאַק, כאָטש איינפאַך צוגע־גרייט.

וויעראַטשקאַ איז געזעסען אויבען אָן אויף דעם ערשטען פּלאַץ, האָט אָנגעגאָסען די באָטשווינקע, דערלאַנגט די געריכטען, נאָכגעפאָלגט מיט איהרע אויגען, ווי די געסט עסען, און זיך געסטאַרעט פאַראויס צו טרעפען און ערפיעלען זייערע פערלאַנגען. וויאַזאָווניִן איז געזעסען נעבען איהר און זי אויפמערקזאַם בעטראַכט. וויעראַטשקאַ האָט ניט געקענט רעדען אָהן אַ שמייכעל, גראַדע ווי איהר פאָטער, און דאָס האָט איהר זעהר געקליידעט. באָריס אַנדרעאיטש האָט זיך צייטענ־ווייז געווענדעט צו איהר מיט פראַגען, ניט אום צו הערען פון איהר אַן ענטפער, נור אומיסטנע, אום צו זעהן דעם דאָזיגען שמייכעל.

נאָך מיטאָג האָט מיכעי מיכעיאיטש, פיאָטער וואַסיליטש און דער מאַן, וואָס האָט זיך געפונען אונטער אַ קלאַגע, און וועמעס אמת'ער נאָמען איז געווען אָנופרי איליטש, געזעצט זיך שפּיעלען אין קאָרטען. איצט האָט שוין מיכעי מיכעיאיטש ניט אַזוי שלעכט גערעדט וועגען

איהם; עס קאָן זיין, אַז דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס מיכעי מיכעי־איטש האָט צו מיטאָג אויסגעטרונקען אַן איבריג גלעזעלע. אמת, ער האָט נאָך איצט אויך צו יעדען קאָן, אַפריהער ערקלעהרט, אַז אַלע טייז און אַלע קאָזירען וועלען אודאי זיין ביי אָנופרי'ן, אַז יעגער הינטישער ביין טאַשעט זיך אונטער די קאָרטען, אַז די הענד זיינע זיינען שוין אַזעלכע רויבערשע; נור דערפאַר, געוויינענדיג ביי איהם איין קאָן, האָט מיכעי מיכעיאיטש איהם פלוצים גאַנץ אונערוואַרטעט גענומען לויבען.

— און דאָך, וואָס דו זאָלסט ניט זאָגען, געוויס, אַ לומפּ ביזטו טאַקע — האָט ער צו איהם געזאָגט — אָבער איך האָב דיך ליעב, ביי גאָט איך האָב דיך ליעב; ווייל, ערשטענס, איז שוין ביי מיר אַזאַ נאַטור, און צווייטענס, אַז מען זאָל זיך גוט בערעכענען, זיינען פאַראַן נאָך ערגערע פון דיר, און אויסער דעם, קאָן מען זאָגען, אַז דו אין דיין פאַך, ביזט אַן אַנשטענדיגער מענש.

— איהר האָט געזאָגט דעם אמת, מיכעי מיכעיאיטש — האָט געענטפערט אָנופרי אילימש, שטאַרק געשמייכעלט פון די דאָזיגע ווערטער: — דעם ריינעם אמת; נור, געוויס, די פערפאַלגונגען....

— נו, גיעב די קאָרטען, גיעב — האָט איהם איבערגעשלאָגען מיכעי מיכעאיטש — וואָס פערפאַלגונגען? וועלכע פערפאַלגונגען? דאַנק גאָט, וואָס דו זיצסט ניט אין דער פּוגאַטשעווער פעסטונג אין קייטען... גיעב קאָרטען.

און אָנופרי אילימש האָט זיך גענומען טאַשען די קאָרטען, פינטלענדיג פלינק מיט די אויגען און נאָך פלינקער נעצענדיג דעם גרויסען פינגער פון דער רעכטער האַנד אָן זיין לאַנגער, דינער צונג.

אין דיזער צייט איז סטעפּאַן פּעטראָוויטש ארומגעגאַנגען איבער'ן צימער און באָריס אַנדרעאיטש האָט זיך אַלץ געהאַלטען ארום וויערָאַטשקאַ'ן. אַ געשפּרעך האָבען זיי געפיהרט נור צייטענווייז (זי איז אַלע ווייל ארויסגעגאַנגען) און דערצו האָבען זיי גערעדט וועגען אַזעלכע אונוויכטיגע זאַכען, אַז עס איז שווער איבערצוגעבען. ער האָט ביי איהר געפרעגט וועגען דעם, ווער עס וואוינט ביי זיי אין דער נאַכבאַרשאַפט, צו זי פאָהרט אָפט ארויס, צו זי ליעבט די ווירטהשאַפט. אויף דער פראַגע, וואָס זי לעזט, האָט זי געענטפערט: „איך וואָלט געלעזען, אָבער עס איז קיין צייט נישטאָ".

און דאָך, ווען עס איז נאכט געוואָרען און דער אינגעל איז אריין מעלדען, אז די פערד זיינען גרייט, איז איהם געווען א שאָד אוועקצופאָהרען, א שאָד אויפצוהערען זעהן די דאָזיגע גוטע אויגען, דעם דאָזינגען ליכטיגען שמייכעל. ווען סטעפאַן פעטראָוויטש וואָלט איהם פערהאַלטען, וואָלט ער געוויס געבליעבען; אָבער סטעפאַן פעטראָוויטש האָט עס ניט געטהאָן — ניט דערפאר, וואָס ער איז ניט געווען צופריעדען מיט דעם גאַסט, נור ווייל ביי איהם איז געווען א מנהג: ווער עס האָט געוואָלט נעכטיגען, האָט אליין געהייסען דעם דיענער, ער זאָל איהם צוגרייטען א בעט. אזוי האָבען געטהאָן מיכעי מיכעיאיטש און אָנופרי איליטש; זיי האָבען זיך זאָגאר געלעגט אין איין צימער און האָבען געשמועסט ביז שפעט נאָך האַלבע נאכט; זייערע שטימען האָט זיך דומפּף געהערט פונ'ם קאַבינעט; גערעדט האָט מעהרסטענס אָנופרי איליטש, ער האָט עפּעס דערצעהלט, אָדער געוואָלט אין עפּעס איבערצייגען זיין צוהערער, און יענער האָט נור צייטענווייז, דאָ פערוואונדערט, און דאָ צושטימענדיג ארויסגעבראַכט: „הם!"

אויף מאָרגען אין־דער־פריה זיינען זיי צוזאַמען אוועקגעפאָהרען צו מיכעי מיכעיאיטשען אין דאָרף און פון דאָרט אין שטאָדט אריין, אויך צוזאַמען.

פאָהרענדיג צוריק אהיים, האָבען אי פּיאָטער וואסיליטש, אי באָריס אנדרעאיטש א לאַנגע צייט געשוויגען. פּיאָטער וואסיליטש איז זאָגאר איינגעשלאָפען, פערוויגט פון דעם קלינגען פון די גלעקלאָך און דעם רעגעלמעסיגען בעוועגען זיך פונ'ם שליטען.

— פּיאָטער וואסיליטש! — האָט צום סוף געזאָגט באָריס אנדרעאיטש.

— וואָס? האָט ארויסגערעדט פּיאָטער וואסיליטש פערשלאָפען.

— וואָס־זשע פערגט איהר ביי מיר גאָרניט?

— וואָס זאָל איך אייך פרעגען?

— ווי, אָט, יעמאָלט...

— וועגען וויעראָטשקאַ'ן, מיינט איהר?

—יאָ!

— נאַ דיר אַן עסק! האָב איך איך דען גערעדט אַ שידוך מיט איהר? זי טויג ניט פאַר איך.

— איהר האָט אַ טעות. זי געפעלט מיר אַ סך בעסער ווי אַלע אייערע עמערענציע'ס און סאָפיא קירילאָוונאַ'ס.

— וואָס רעדט איהר?

— איך זאָג איך.

— גאָט איז מיט אייך! זי איז דאָך גאָר אַ פּראָסט מיידעל. זי קען טאַקע זיין אַ גאַנץ גוטע בעל הבית'טע, דאָס איז אמת; אָבער איז דען דאָס, וואָס איהר דאַרפט האָבען?

— און פאַרוואָס דען ניט? אפשר איז דאָס גראָד, וואָס איך זוך.

— וואָס רעדט איהר, באָריס אַנדרעאיטש! גאָט איז מיט אייך! זי קען גאָר קיין פראַנצויזיש ניט רעדען!

— נו, איז וואָס? מען קען זיך דען גאָרניט בעגעהן אָהן דער פראַנצויזישער שפּראַך?

פּיאָטער וואַסיליטש האָט געשוויגען.

— אויף דעם האָב איך זיך גאָר ניט געריכט... דאָס הייסט פון אייך האָב איך עס ניט ערוואַרטעט... מיר דאַכט זיך, איהר מאַכט שפּאַס.

— ניין, איך שפּאַס ניט.

— איין גאָט קאָן אייך פערשטעהן נאָך דעם אַלעמען! און איך האָב געמיינט, אַז זי פּאַסט זיך נור פאַר אונזער'ן אַ ברודער. אייגענט־ליך איז זי ווירקליך אַ מיידעל, אַן אַנטיק.

און פּיאָטער וואַסיליטש האָט פערריכט אויף זיך דאָס היטעל, האָט זיך איינגעגנורעט מיט'ן קאָפּ אין קישען און איז אַנשלאָפען גע־וואָרען.

באָריס אַנדרעאיטש האָט ניט אויפגעהערט צו טראַכטען פון וויעראָטשקאַ'ן. איהם האָט זיך אַלץ פאָרגעשטעלט איהר שמייכעל, איהרע פרעהליכע, גוטע אויגען. די נאַכט איז געווען אַ ליכטיגע און אַ קאַלטע, דער שנעע האָט געפינקעלט מיט בלאַהליכע פייערלאַך, ווי מיט ברילִיאַנטען; דער הימעל איז געווען אויסגעשטערנט, דער פראָסט האָט געקרעכצט און געסקריפּעט אונטער'ן שליטען; די צווייגען פון די ביימער מיט פערפראָהרענעם אייז־טהוי בעדעקט, האָבען שוואַך גע־

הילכט, בליסטשענדיג געגען דער לבנה, ווי גלעזערנע. אין אַזאַ צייט צושפּיעלט זיך אימער די פאַנטאַזיע. וויאַזאָווניז האָט עס געפיהלט אויף זיך אַליין. וואָס־וואָס האָט ער ניט איבערגעטראַכט, ביז וואַנען דער שליטען האָט זיך ענדליך אָבגעשטעלט ביים באַלקאָן; אָבער וויעראָטש־קאָ'ס געשטאַלט איז איהם פון קאָפּ ניט ארויס און האָט אין געהיים אַלע זיינע טרוימען בעגלייט.

פּיאָטער וואַסיליטש האָט זיך שטאַרק געוואונדערט איבער דעם איינדרוק, וואָס וויעראָטשקאַ האָט געמאַכט אויף באָרים אַנדרעאיטש'ן און נאָך מעהר האָט ער זיך פערוואונדערט אין צוויי טעג אַרום, ווען דער אייגענער באָרים אַנדרעאיטש האָט איהם ערקלעהרט, אַז ער וויל אונבעדינגט פאַהרען צו בארסוקאָוו'ן, און אַז ער וועט פאָהרען אַליין, אויב ער, פּיאָטער וואַסיליטש, איז ניט אויפגעלעגט איהם צו בעגלייטען. פּיאָטער וואַסיליטש האָט, זעלבסטפערשטענדליך געענט־פערט, אַז איהם פרעהט און ער איז גרייט, און די פריינד זיינען ווידער אָוועקגעפאָהרען צו בארסוקאָוו'ן, ווידער פערבראַכט ביי איהם אַ גאַנצען טאָג.

אַזוי ווי דאָס ערשטע מאָל, האָבען זיי ביי איהם געטראָפען עטליכע געסט, ווערמען וויעראָטשקאַ האָט מכבד געווען מיט קאַפּע, און נאָך מיטאָג מיט איינגעמאַכטס; אָבער וויאַזאָווניז האָט מיט איהר גערעדט מעהר, ווי דעם ערשטען מאָל, דאָס הייסט, ער האָט איהר דערצעהלט וועגען זיין פערגאַנגענעם לעבען, וועגען פּעטערסבורג, וועגען זיינע רייזען, — מיט איין וואָרט, וועגען אַלץ, וואָס איז איהם אין קאָפּ אריין.

זי האָט איהם אויסגעהערט מיט אַ רוהיגער נייגעריגקייט, שמייכ־לענדיג אַלע ווייל און בעטראַכטענדיג איהם, אָבער אויף איין אוי־גענבליק האָט זי ניט פערגעסען איהרע פפליכטען אלס ווירטהין: איז גלייך אויפגעשטאַנען, ווי נור זי האָט בעמערקט, אַז די געסט פעהלט עפּעס און איז אַליין גלייך געלאָפען עס ברענגען. ווען זי איז ארויס־געגאַנגען, האָט וויאַזאָווניז ניט פערלאָזען זיין פּלאַץ, איז געזעסען און רוהיג געקוקט אַרום זיך; זי האָט זיך צוריקגעקעהרט, געזעצט זיך נעבען איהם, גענומען איהר אַרבייט און ער האָט ווידער גענומען מיט איהר שמועסען.

סטעפּאַן פּעטראָוויטש, שפּאַצירענדיג איבער'ן צימער, פּלעגט

צוגעהען צו זיי, צוהערען זיך אַ ווײַלע צו וויאַזאָווניג'ס רייד און מור־מלען: „בראַוו, בראַוו!" און די צייט איז אונבעמערקט געלאָפען, גע־לאָפען...

דיעזען מאָל זיינען פּיאָטער וואַסיליטש מיט וויאַזאָווניג'ען גע־בליבען נעכטיגען און זיינען אַוועקגעפאָהרען ערשט אויפ'ן צווייטען טאָג שפעט ביינאַכט... זעגענענדיג זיך, האָט וויאַזאָווניג אַ דריק געטהאָן וויעראָטשקאַ'ס האַנד. זי איז עטוואָס רויט געוואָרען. קיין איין מאָן האָט נאָך ביז דעם היינטיגען טאָג ניט געדריקט איהר האַנד, אָבער זי האָט אַ טראַכט געטהאָן, אַז אין פּעטערבורג איז הפנים אַזוי איינ־געפיהרט.

ביידע פריינד האָבען גענומען אָפט פאָהרען צו סטעפּאַן מעט־ראָוויטש'ן, בעזונדערס איז באָריס אַנדרעאיטש געוואָרען אַן אייגע־נער מענש ביי איהם אין הויז. אַזוי האָט איהם געצויגען און גע־שלעפּט אַהין. איינציגע מאָל איז ער זאָגאָר אַליין געפאָהרען אַהין. וויעראָטשקאַ איז איהם אַלץ מעהר און מעהר געפעלען געוואָרען, עס האָט זיך שוין צווישען זיי פערקניפּט אַ פריינדשאַפט און ער האָט שוין אָנגעהויבען זי צו בעשולדיגען, אַז זי איז אַ צו קאַלטער און בארע־בענטער פריינד... פּיאָטער וואַסיליטש האָט אויפגעהערט צו רעדען מיט איהם וועגען וויעראָטשקאַ'ן... נור פּלוצים, איין מאָל, אַ אין־דער־פריה, האָט ער איהם, ווי געוועהנליך, אָנגעקוקט אַ ווײַלע שווייגענדיג און דערנאָך וויכטיג אַרויסגערעדט:

— באָריס אַנדרעאיטש!

—וואָס?—האָט זיך אָבגערופען באָריס אַנדרעאיטש און איז עט־וואָס רויט געוואָרען, אַליין ניט וויסענדיג פאַרוואָס.

וואָס איך האָב אייך געוואָלט זאָגען, באָריס אַנדרעאיטש... איהר גיט אַכטונג... אַט וואָס... עס וועט זיין ניט שעהן, אויב, למשל, עס וועט פּאַסירען... איהר פערשטעהט דאָך...

— וואָס ווילט איהר זאָגען? — האָט געפרעגט באָריס אַנדרע־איטש — איך פערשטעה אייך ניט.

— אַט וועגען וויעראָטשקאַ'ן...

און באָריס אַנדרעאיטש איז נאָך מעהר רויט געוואָרען.

— יאָ. אַנמאַכען צרות נעהמט ניט לאַנג... דאָס הייסט, בעליי־דיגען, אַראָבפיהרען פונ'ם וועג... ענטשולדיגט מיר פאַר מיין אָפּענ־

הערציגקייט; נור איך דענק, אז מיין פפליכט אלס פריינד...

— אבער וואס פאלט אייך איין, פיאטער וואסיליטש? — האט איהם אונטערבראכען באריס אנדרעאיטש — וויעראטשקא איז א מיידעל מיט זעהר שטרענגע זיטען, און אויסער דעם איז צווישען אונז גארנישטא א חוץ א גאנץ געוועהנליכער פריינדשאפט.

— עך, הערט אויף, באריס אנדרעאיטש — האט גענומען רע־דען פיאטער וואסיליטש — וואס ווילט איהר מיר איינריידען, אז איהר, א געבילדעטער מענש, וועט ווערען גוט פריינד מיט א דארפי־שער מיידעל. וועלכע וויים גאר נישט אויסער איהרע פיער ווענד...

— איהר טענה'ט אליין אייערס! — האט איהם ווידער איבער־געשלאגען באריס אנדרעאיטש—וואס האט דאס צו טהאן מיט בילדונג, וואס שלעפט איהם אהער אריין די בילדונג, איך פערשטעה ניט?...

באריס אנדרעאיטש איז אביסעל אין כעס געווארען.

— נו, הערט אויס, באריס אנדרעאיטש — האט אונגעדולדיג ארויסגערעדט פיאטער וואסיליטש — אז עס איז שוין יא אזוי, דאן מוז איך אייך אט וואס זאגען, איהר האט א רעכט זיך פון מיר צו בעהאלטען, וויפיעל איהר ווילט, אבער אבנארען מיך, ניין, דאס, האט מיר קיין פעראבעל ניט, וועט איהר ניט קענען. איך האב אויך אויגען. דער נעכטיגער בעזוך (זיי זיינען ביידע נעכטען געוועזען ביי סטעפאן פעטראוויטש'ן) האט מיר פיעלעס ענטדעקט...

— וואס אזוינס האט ער אייך ענטדעקט? — האט געפרעגט באריס אנדרעאיטש.

— ער האט מיר ענטדעקט, אז איהר ליעבט זי און אז איהר זייט אפילו אייפערזיכטיג צו איהר, אט וואס.

וויאזאוונין האט א קוק געטהאן אויף פיאטער וואסיליטש'ען.

— נו, און זי ליעבט מיך?

— דאס קען איך אויף זיכער ניט זאגען, אבער עס וואלט געוועזען א וואונדער, אז זי זאל זיך ניט פערליעבען אין אייך.

— דערפאר וואס איך בין געבילדעט, ווילט איהר זאגען?

— אי דערפאר, אי וויייל איהר האט א גרויסען פערמעגען. נו, און אייער אויסערליכקייט קאן אויך געפעלען. אבער הויפטזעכליך — דאס פערמעגען.

באַרים אַנדרעאיטש איז אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען צום פענסטער.

— ווי אַזוי האָט איהר געקאָנט בעמערקען, אַז איך בין אייפער־זיכטיג? — האָט ער געפרעגט, זיך פּלוצים אומקעהרענדיג צו פּיאָ־טער וואַסיליטש'ען.

— דערפאַר, ווייל איהר זייט נעכטען געווען אוים מענש כל זמן דער לומפּ קאַראַנטיעוו אַז ניט אוועקגעפאָהרען.

באַרים אַנדרעאיטש האָט גאָרניט געענטפערט, אָבער ביי זיך אין הארצען, האָט ער דערפיהלט, אַז זיין פריינד זאָגט דעם אמת. קאַראַנטיעוו איז געווען אַ ניט געענדיגטער סטודענט, אַ פרעהליכער און ניט קיין נאַרישער יונג, וועלכער איז אָבער אין גאַנצען אַראָב פונ'ם וועג און איז צוגרונד געגאַנגען. די ליידענשאַפטען האָבען יונ־גערהייד ביי איהם די כוחות צוגענומען; ער איז צו פריה פערבליבען אָהן אַ השגחה. ער האָט געהאַט אַ ציגיינערשען, מוטהיגען פּנים און איז אין גאַנצען עהנליך געווען צו אַ ציגיינער, געטאַנצט און געזונ־גען האָט ער אויך ווי אַ ציגיינער. ער האָט זיך איינגעליעבט אין אַלע פרויען. וויעראָטשקאַ איז איהם זעהר געפעלען. באַרים אַנדרע־איטש איז מיט איהם בעקאַנט געוואָרען ביי באַרסוקאָוו'ן און האָט אין אָנהויב זיך צו איהם גאַנץ גוט פערהאַלטען, אָבער בעמערקענדיג איין מאָל אַ בעזונדערן אויסדרוק אויף וויעראָטשקאַ'ס פּנים, בעת זי האָט איהם געהערט זינגען זיינע ליעדלאַך, האָט ער גענומען וועגען איהם גאָר אַנדערש טראַכטען.

— פּיאָטער וואַסיליטש — האָט געזאָגט באַרים אַנדרעאיטש, צוגעהענדיג צו זיין פריינד און אָבשטעלענדיג זיך פאַר איהם: — איך מוז מודה זיין... מיר דוכט זיך, איהר זייט גערעכט. איך האָב דאָס שוין אליין לאַנג געפיהלט, אָבער איהר האָט מיר אין גאַנצען די אויגען געעפענט. איך בין טאַקע ניט גלייכגילטיג צו וויעראָטש־קאַ'ן; אָבער הערט אוים, פּיאָטער וואַסיליטש, וואָס מאַכט עס אוים? אי זי, אי איך, מירביידע ווילען חס ושלום קיין שום שלעכטס ניט. און דערצו האָב איך אייך שוין, דאַכט זיך, געזאָגט, איך זעה פון איהר זייט קיין שום צייכען פון ליעבע אָדער צונייגונג.

— דאָס איז טאַקע אַלץ, ווי איהר זאָגט — האָט געענטפערט פּיאָטער וואַסיליטש: — אָבער די קליפּה איז שטאַרק.

באָרים אַנדרעאיטש האָט אַ ווײַלע געשוויגען.

— וואָס־זשע זאָל איך טהאָן, פּיאָטער וואַסיליטש?

— וואָס? — אויפהערען פאָהרען אהין.

— אַזוי דענקט איהר?

— געוויס... איהר וועט דאָך מיט איהר ניט חתונה האָבען?

באָרים אַנדרעאיטש האָט ווידער געשוויגען.

— און פאַר וואָס זאָל איך טאַקע ניט חתונה האָבען? — האָט ער צום סוף אויסגערופען.

— דערפאַר, באָרים אַנדרעאיטש, ווײַל איך האָב אייך שוין געזאָגט: זי איז פאַר אייך ניט קיין פּאָאָר.

— איך זעה דאָס ניט איין.

— איהר זעהט ניט, טאָ טהוט זיך, ווי איהר ווילט. איך בין ניט אייערער קיין אַפּעקון.

און פּיאָטער וואַסיליטש האָט גענומען אָנשטאָפּען זיין פּיפּקע.

באָרים אַנדרעאיטש האָט זיך געזעצט ביים פענסטער און זיך שטאַרק פערטראַכט.

פּיאָטער וואַסיליטש האָט איהם ניט געשטערט און גאַנץ רוהיג ארויסגעלאָזט קליינינקע וואָלקענדלאַך רויך פון'ם מויל.

צום סוף, איז באָרים אַנדרעאיטש אויפגעשטאַנען און מיט קענטיגער אויפרעגונג געהייסען שפּאַנען די פערד.

— וואוהין עפּעס? — האָט קורץ געפרעגט פּיאָטער וואַסיליטש.

— צו די באַרסוקאָוו'ס — האָט קורץ געענטפערט באָרים אַנדרעאיטש.

— זאָל איך פאָהרען מיט אייך, וואָס?

— ניין, פּיאָטער וואַסיליטש; היינט וואָלט איך װעלען פאָהרען אַליין. מיר ווילט זיך האָבען מיט וויעראָטשקאַ'ן אַליין אַן ערקלעהרונג.

— ווי איהר ווילט.

— „אָט — האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין בעגלייטענדיג באָרים אַנדרעאיטש'ן — ווי דאָס רעדעל האָט זיך אַ דרעה געטהאָן, פון דעם שפּאַס איז געוואָרען אַן ערנסט... און דאָס איז אַלץ בלויז פאַר וואוילטאָג" — האָט ער צוגעזעצט, לייגענדיג זיך אויף דער זאָפע.

דעם אייגענעם טאָג ביינאַכט, ווען פּיאָטער וואַסיליטש, ניט

קענענדיג זיך דערוואַרטען אויף זיין פריינד׳ס צוריק קומען, האָט זיך געהאַט געקליבען צו לייגען אין בעט ביי זיך אין דער היים, האָט זיך פּלוצים צו איהם אַן צימער אריינגעריסען באָרים אנדרעאיטש, אין גאַנצען אַ פערשאָטענער פון אַ שנעע, און זיך גלייך אַ וואָרף געטהאָן צו איהם אויפ׳ן האַלז.

— פריינד מיינער, פּיאָטער וואַסיליטש, גראַטולירט מיך! — האָט ער אויסגערופען, זאָגענדיג איהם צום ערשטען מאָל דו: — זי האָט איינגעוויליגט, און דער אַלטער האָט אויך איינגעוויליגט... אַלעס איז שוין אָבגעמאַכט!

— ווי... וואָס? — האָט ארויסגעמורמעלט דער איבערראשטער פּיאָטער וואַסיליטש.

— איך האָב חתונה!

— מיט וויעראָטשקאַ׳ן?

— מיט איהר... אַלעס איז שוין אָבגעמאַכט און בעשלאָסען.

— עס קען ניט זיין!

— וואָס ביזטו, פאַר אַ מענש! מען זאָגט דיר אַלץ איז אָבגע־מאַכט.

פּיאָטער וואַסיליטש האָט אויף גיך אָנגעטהאָן פאַנטאָפעל אויף די באָרפוסע פיס, ארויפגעוואָרפען דעם שלאָפ־ראָק און אַ געשריי גע־טהאָן:

— מאַקעדאָניא, טהעע! — און האָט צוגעזעצט: — נו, אויב אַלעס איז געענדיגט איז נישטאָ, הייסט עס, וואָס צו טענה׳ן; זאָל זיין מיט מזל און ברכה! אָבער דערצעהל מיר, איך בעט דיך, ווי אַזוי האָט דאָס פּאַסירט?

און די פריינד האָבען גענומען זאָגען איינער צום צווייטען דו, אַזוי ווי זיי וואָלטען קיינמאָל גאָר אַנדערש ניט גערעדט.

— מיט פערגעניגען — האָט געענטפערט באָרים אנדרעאיטש, און גענומען דערצעהלען.

אָט ווי עס האָט ווירקליך פּאַסירט:

ווען באָרים אַנדרעאיטש איז געקומען צו פאָהרען צו סטעפּאַן פּעטראָוויטש׳ן, האָט ער ביי איהם צופעליגערהייט ניט געטראָפען קיין איין גאַסט, און ער אַליין סטעפּאַן פּעטראָוויטש האָט ניט ארומ־געשפּאַצירט איבער׳ן צימער, נור איז געזעסען אין אַ ווייכען פאַ־

טעל. ער איז געוועזן עפּעס ניט געזונד. אין אזא צייט פלעגט ער גאָר אין גאַנצען אויפהערען צו ריידען און דערפאר, ווען באָרים אַנדרע־איטש איז געקומען, האָט ער בלויז פריינדליך א מאך געטהאָן צו איהם מיט'ן קאָפּ, אַנגעוויזען איהם אפריהער אויפ'ן טיש מיט צוביי־סען, דערנאָך אויף וויעראָטשקא'ן און האָט צוגעמאכט די אויגען. באָרים אנדרעאיטש האָט מעהר ניט געדארפט; ער האָט זיך צוגעזעצט צו וויעראָטשקא'ן און גענומען מיט איהר רעדען אין דער שטיל. עס איז געקומען צו רייד וועגען סטעפאַן פּעטראָוויטש'ס געזונד.

— מיר איז אַלע מאָל מורא'דיג — האָט געזאָגט וויעראָטשקא, שעפּצענדיג — ווען ער פיהלט זיך ניט גוט. ער איז דאָך אזא מאָד־נער: וועט זיך ניט בעקלאָגען, וועט קיין זאך ניט בעטען; מען קען פון אהם דאן קיין וואָרט ניט ארויסברייגען. ער קען זיין קראַנק און וועט גאָרנישט זאָגען.

— און איהר האָט איהם זעהר ליעב? — האָט איהר געפרעגט באָרים אַנדרעאיטש.

— ווענען? דעם פּאַפּעלע? מעהר ווי אַלעמען אויף דער וועלט. זאָל גאָט אויסהיטען, אז מיט איהם זאָל עפּעס פּאַסירען! איך וועל, דאכט זיך, שטארבען.

— ווי באַלד אזוי וועט אייך זיין אונמעגליך מיט איהם זיך צושיידען.

— צושיידען? פּארוואָס עפּעס צושיידען?

באָרים אַנדרעאיטש האָט איהר אריינגעקוקט אין פּנים.

א מיידעל קען ניט פערבלייבען איהר גאַנץ לעבען ביי די עלטערן אין הויז.

— אָך, דאָס מיינט איהר... נו, אין דיעזער הינזיכט בין איך רוהיג... ווער וועט מיך נעהמען?

— „איך!" האָט שיעור ניט געזאָגט באָרים אַנדרעאיטש, האָט זיך אָבער איינגעהאַלטען.

— וואָס האָט איהר זיך פערטראַכט? — האָט זי געפרעגט א קוק טהאָנדיג אויף איהם מיט איהר געוועהנליכען שמייכעל.

— איך טראַכט — האָט ער געענטפערט: — איך טראַכט... אַז... — און פּלוצים, איבערגעביטען דעם טאָן, האָט ער זי געפרעגט, צו זי איז שוין לאַנג בעקאַנט מיט קאַראַנטיעוו'ן.

— איך געדענק ווירקליך ניט... עס פאַהרען דאָך זייערע אַזוי־פיעל צום פּאַפּאַ. ער איז, דאַכט זיך, פאַר־אַ־יאָהרען געקומען צו אונז דעם ערשטען מאָל.

— זאָגט מיר: ער געפעהלט אייך?

— ניין — האָט געענטפערט וויעראָטשקאַ, אַ טראַכט טהאָנדיג.

— פאַרוואָס?

— ער איז אַזאַ אונריינליכער — האָט זי איינמאָל געענטפערט — איבריגענס, דאַרף ער זיין אַ גוטער מענש און זינגען זינגט ער... דאָס האַרץ צוגעהט, ווען ער זינגט.

— אַה! — האָט אויסגערעדט באָרים אַנדרעאיטש און, געוואַרט אַ ווייל, האָט ער צוגעזעצט: — היינט ווער־זשע געפעהלט אייך?

— פיעלע געפעהלען מיר, איהר, למשל, געפעהלט מיר.

— נו, מיר זיינען דאָך גוטע פריינד. אָבער שוין־זשע געפעהלט אייך קיינער ניט מעהר פון אַלע אַנדערע?

— ווי, נייגעריג איהר זייט!

— און איהר זייט זעהר קאַלט!

— וואָס הייסט? — האָט נאַאיוו געפרעגט וויעראָטשקאַ.

— הערט אויס... — האָט געהאַט אָנגעהויבען באָרים אַנדרע־איטש.

נור אין דיעזען מאָמענט האָט סטעפּאַן פּעטראָוויטש זיך אומגע־דרעהט אויף זיין פּאַטעל.

— הערט — האָט ער פאָרטגעזעצט גאַנץ שטיל, ווערענד דאָס בלוט האָט איהם גענומען קלאַפּען אין האַלז: — איך האָב אייך עפּעס צו זאָגען, עפּעס זעהר וויכטיגעס... אָבער ניט דאָ.

— וואו־זשע דען?

— זאָל זיין כאָטש אין צווייטען צימער.

— וואָס אַזוינס? — האָט געפרעגט וויעראָטשקאַ, אופהויבענ־דיג זיך: — מסתמא אַ געהיימניס?

— יאָ, אַ געהיימניס.

— אַ געהיימניס — האָט איבערגע'חזר'ט וויעראָטשקאַ מיט פערוואונדערונג און איז אַרוים אין צווייטען צימער.

באָרים אַנדרעאיטש האָט איהר נאָכגעפאָלגט ווי אין פיבער.

— נו, וואס ווילט איהר מיר זאגען? — האט זי איהם געפרעגט מיט נייגעריגקייט.

באריס אנדרעאיטש האט געוואלט נעהמען רעדען פון דער זייט; נור א קוק טהאנדיג אויף דעם יונגען פנים, בעלעבט מיט יענעם לייכ־טען שמייכעל, וועלכען ער האט אזוי ליעב געהאט, און יענע ליכטיגע אויגע, וועלכע האבען געקוקט מיט אזא זאנפטען בליק, האט ער זיך פערלארען און גאנץ אונערווארטעט פאר זיך אליין, אהן אלע פארבע־רייטונגען, איינפאך געפרעגט וויעראטשקא׳ן:

— וויערא סטעפאנאוונא, ווילט איהר זיין מיין ווייב?

— וואס? — האט געפרעגט וויעראטשקא, ווערענדיג א אנגע־צונדענע און איז רויט געווארען איבער די אויערען.

— ווילט איהר זיין מיין ווייב? — האט מעכאניש ווידערהאלט באריס אנדרעאיטש.

— איך... איך וויים ווירקליך ניט, איך האב ניט ערווארט... דאס זיז אזוי... — האט ארויסגעשעפצעט וויערא, אויסשטרעקענדיג די הענד צום פענסטער געזימס, אום ניט צו פאלען, — און פלוצים האט זי זיך א ווארף געטהאן ארוים פון צימער, צו זיך אין שלאף־קאמער.

באריס אנדרעאיטש איז געשטאנען א ווייעלע אויף איין ארט און דערנאך אין גאנצען א צומישטער, זיך אומגעקעהרט אין קאבי־נעט.

אויפ׳ן טיש איז געלעגען א נומער פון א מאסקווער צייטונג. ער האט גענומען דעם דאזיגען נומער, זיך געזעצט און געקוקט אויף די שורות, נישט נור ניט פערשטעהענדיג, וואס דארט איז געדרוקט, נור אפילו, בכלל, ניט האבענדיג קיין בעגריף, וואס מיט איהם קומט פאר. ביי א פערטעל שעה איז ער אזוי געזעסען; נור אט האט זיך הינטער איהם דערהערט א לייכטער גערויש, און, ניט אומקוקענדיג זיך, האט ער דערפיהלט, אז דאס איז וויערא.

עם זיינען אוועק נאך איניגע מינוטען. ער האט ניט דרייסט אויף איהר א קוק געטהאן פון אונטער דעם נומען פון דער צייטונג. זי איז געזעסען ביים פענסטער אבגעקעהרט און האט אויסגעזעהן בלאס. צום סוף האט ער געפאסט מוטה איז אויפגעשטאנען, צו איהר צוגעגאנגען און זיך אראבגעלאזען אויף א שטול, נעבען איהר...

סטעפּאַן פּעטראָוויטש האָט זיך ניט גערירט, ער איז אַלץ גע־זעסען אַבגעוואָרפען דעם קאָפּ אויף דעם פּאטעל.

— ענטשולדיגט מיר, וויערא סטעפּאַנאָוונא — האָט אָנגעהויבען באַרים אַנדרעאיטש מיט אַ געוויסער אָנשטרענגונג — איך בין שול־דיג, איך האָב ניט געדאַרפט אַזוי פּלוצים... און דערצו...

וויעראָטשקא האָט גאָרנישט געענטפערט.

אָבער ווייבאַלד עס האָט שוין יאָ אַזוי פּאַסירט — האָט פאָרט־געזעצט באַרים אַנדרעאיטש — וואָלט איך וועלען וויסען, וואָס איז אייער ענטפער?

וויעראָטשקא האָט שטיל אַרונטערגעלאָזען די אויגען; איהרע באַקען האָבען זיך ווידער אָנגעצונדען.

— וויערא סטעפּאַנאָוונא, זאָגט מיר איין וואָרט.

— איך ווייס ווירקליך ניט — האָט זי אָנגעהויבען — באַרים אַנדרעאיטש... דאָס ווענדט זיך אַלץ אָן דעם פּאַפּאַ'ן...

— ביזט ניט געזונד? — האָט זיך פּלוצים דערהערט סטעפּאַן פּעטראָוויטש'עס קול.

וויעראָטשקא האָט זיך אַ טרייסעל געטהאָן און שנעל אויפגעהוי־בען דעם קאָפּ. סטעפּאַן פּעטראָוויטש'עס אויגען, וועלכע זיינען געווען געריכטעט אויף איהר, האָבען אויסגעדריקט אונרוהיגקייט. זי איז גלייך צוגעגאַנגען צו איהם.

— איהר פרעגט מיך, פּאַפּאַ'לע?

— ביזט ניט געזונד? — האָט ער איבערגעפרעגט.

— ווער? איך? ניין... פאַר וואָס דענקט איהר?

ער האָט אויף איהר אויפמערקזאַם אַ קוק געטהאָן.

— אויף אַן אמת געזונד? — האָט ער זי געפרעגט נאָך אַמאָל.

— געוויס. אָבער ווי פיהלט איהר זיך?

— בראַו, בראַו — האָט ער שטיל אַרויסגערעדט און ווידער פערמאַכט די אויגען.

וויעראָטשקא האָט גענומען געהן צו דער טהיר, באַרים אַנדרע־איטש האָט זי אָבגעשטעלט.

— זאָגט מיר, אַם ווייניגסטענס, צו וועט איהר מיר ערלויבען אי־בערצורעדען מיט אייער פאָטער?

— ווי איהר ווילט — האָט זי ארויסגעשעפּצעט — אָבער, באָ־ריס אַנדרעאיטש, מיר דאכט זיך, אז איך בין אייך ניט קיין פּאָאר.

באָרים אַנדרעאיטש האָט איהר געהאט געוואָלט נעהמען פאר א האנד; זי האָט זיך אָבער אויסגעדרעהט און איז ארוים.

„א מאָדנע זאַך! — האָט ער אַ טראכט געטהאָן — זי זאָגט אויך דאָס זעלבע, וואָס פּיאָטער וואסיליטש".

געבליעבען אליין מיט סטעפּאַן פּעטראָוויטש'ן, האָט באָרים אַנ־דרעאיטש זיך געגעבען אַ וואָרט, דורכצוריידען זיך מיט איהם ווי גע־העריג איז, אפריהער איהם, ווי ווייט מעגליך פאָרבערייטען פאר אזא אונערוואַרטעטען און וויכטיגען פּאָרשלאַג; אָבער אין דערווירק־ליכקייט איז עם געוועזען נאָך שווערער צו טהאָן, ווי מיט וויעראָטשקאַ'ן. סטעפּאַן פּעטראָוויטש האָט געהאט אביסעל הייץ און האָט אַלע ווייל־דאָ פּערטראכט זיך, און דאָ איינגעדרעמעלט; אונגערן און ניט גלייך האָט ער געענטפערט אויף די פערשיעדענע פראגען און בעמערקונ־גען, דורך וועלכע באָרים אַנדרעאיטש האָט געהאָפּט אריבערצוגעהן ביסלאכוויז צום הויפּט פּונקט... זעהענדיג אָבער, אז אַלע זיינע וואונ־קען און אָנצוהערענישען זיינען אומזיסט ארויסגעוואָרפען, האָט באָ־רים אַנדרעאיטש זיך געמוזט בעשליסען צוטרעטען גלייך צום עסק.

עטליכע מאָל האָט ער זיך געמאכט מוטה, ווי ער וואָלט זיך צו־גרייטען צו רעדען, האָט זיך אָבגעשטעלט און ניט ארויסגעבראכט קיין וואָרט.

— סטעפּאַן פּעטראָוויטש — האָט ער, צום סוף, אָנגעהויבען — איך האָב ברעה אייך צו מאכען אַ פּאָרשלאַג, וועלכער וועט אייך זעהר וואונדערן.

— בראוו, בראוו — האָט רוהיג ארויסגערעדט סטעפּאַן פּעטראָ־וויטש.

— אזא פּאָרשלאַג, וועלכען איהר האָט בשום אופן ניט ערוואַרט.

סטעפּאַן פּעטראָוויטש האָט געעפענט די אויגען.

— אָבער איך בעט אייך, איהר זאָלט אויף מיר ניט אין כעס ווערען...

סטעפּאַן פּעטראָוויטש'עס אויגען האָבען זיך געעפענט נאָך ברייט־טער.

— איך... איך האָב בדעה צו בעטען ביי אייך די האַנד פון אייער טאָכטער, ווערא סטעפּאַנאָוונאַ.

סטעפּאַן פּעטראָוויטש האָט זיך אויף גיך אויפגעהויבען פון זיין פאָטעל...

— וואָס? — האָט ער געפרעגט פּונקט מיט דעם זעלבען קול און מיט דעם זעלבען אויסדרוק אויף דעם פּנים, ווי וויעראַטשקאַ.

באָרים אַנדרעאיטש האָט געמוזט ווידערהאָלען זיין פאָרשלאַג.

סטעפּאַן פּעטראָוויטש האָט אויסגעגלאָצט זיינע אויגען אויף באָרים אַנדרעאיטש'ן און, ניט רעדענדיג קיין וואָרט, האָט ער לאַנג געקוקט אויף איהם, אַזוי אַז דעם לעצטען איז, צום סוף, געוואָרען אונאַנגענעהם.

— וויים ווערא? — האָט געפרעגט סטעפּאַן פּעטראָוויטש. — איך האָב זיך ערקלעהרט מיט ווערא סטעפּאַנאָוונאַ'ן, און זי האָט מיר ערלויבט זיך צו ווענדען צו אייך.

— ניט לאַנג זיך ערקלעהרט?

— יאָ, נור וואָס.

— וואַרט אוים — האָט ארויסגערעדט סטעפּאַן פּעטראָוויטש און איז ארוים.

באָרים אַנדרעאיטש איז געבליעבען אליין אינ'ם קאַבינעט פון דעם מאָדנעם מענשען. אַ פערשטאַרטער האָט ער געקוקט דאָ אויף די ווענט, דאָ אויף דער פּאָדלאָגע, ווען עס האָט זיך פּלוצים דערהערט דאָס טופּען פון פערד נעבען באַלקאָן, די טהיר פון פירהויז האָט אַ קלאַפּ געטהאָן, אַ גראָבע שטימע האָט געפרעגט: „אין דער היים?" עס האָבען זיך דערהערט טריט און אין קאַבינעט האָט זיך אריינגעקייקעלט דער בעקאַנטער מיכעי מיכעאיטש.

באָרים אַנדרעאיטש האָט שיער ניט געפּלאַצט פאַר פערדרום.

— וואָס פאַר אַ היץ דאָ איז! — האָט אויסגערופען מיכעי מיכעאיטש זיך אַראָבלאָזענדיג אויף דער זאָפע — אה, ווי געהט עס! און וואו־זשע איז סטעפּאַן פּעטראָוויטש?

— ער איז ארוים, וועט באַלד אריינקומען.

— אַ מורא'דיגער פראָסט איז היינט — האָט בעמערקט מיכעי מיכעיאיטש, אַנגיסענדיג זיך אַ גלעזעל בראַנפען.

און נאָך ניט אוספּעיעט איהר אַרונטערצושלינגען, האָט ער מיט לעבעדיגקייט גענומען ריידען.

— און איך קום דאָך שוין ווידער פון שטאָדט.

— פון שטאָדט? — האָט אַרויסגערעדט באָריס אַנדרעאיטש, בעהאַלטענדיג מיט גרויס מיה זיין אויפּרעגונג.

— יאָ, פון שטאָדט — האָט ווידערהאָלט מיכעי מיכעיאיטש — און אַלץ צוליעב יענעם רויבער, אַנופּרי'ן. שטעלט ייך פאָר, ער האָט מיר אָנגערעדט אַ פולע קאָפּ, צוגעזאָגט מיר פּ..געלאַך אין מויל. אַ געשעפטעל, זאָגט ער, האָב איך פאַר אייך אויסגעזוכט אַזאַ, וואָס צו איהם קיין גלייכען איז נאָך אויף דער וועלט ניט געווען, כאָטש נעהם און שאַר געלד; און געענדיגט האָט זיך דער גאַנצער עסק מיט דעם, וואָס ער האָט נאָך ביי מיר געליהען פינף־און צוואַנציג רובעל, און אין שטאָדט מיך אומזיסט געשלעפּט, די פערד אין גאַנצען פאַרמאַטערט.

— אַזוי! — האָט אַרויסגעמורמעלט באָריס אַנדרעאיטש.

— איך זאָג אייך: אַ רויבער איז ער, אַן איינפאַכער רויבער. ער האָט נור געדאַרפט אַרומגעהן איבער די וועגען מיט אַ האַק. איך קען ניט פערשטעהן, פאַרוואָס די פּאָליציי שווייגט. ער קאָן דאָך, אויף אַזאַ אופן, בדלות שטעלען, ביי גאָט!

סטעפּאַן פּעטראָוויטש איז אריין אין צימער.

מיכעי מיכעיאיטש האָט איהם גענומען דערצעהלען וועגען זיינע עסקים מיט אַנופּרי'ן.

— פאַרוואָס געפינט זיך ניט עפּעס איינער, וואָס זאָל איהם האַלז און נאַקען צוברעכען! — האָט אויסגערופען מיכעי מיכעיאיטש.

— האַלז און נאַקען צוברעכען — האָט איבערגערעדט סטעפּאַן פּעטראָוויטש, און זיך פּלוצים גענומען קייקלען פאַר געלעכטער.

מיכעי מיכעיאיטש האָט זיך אויך צולאַכט, אויף איהם קוקענדיג, און האָט זאַגאַר איבערגע'חזר'ט: יאָ, מען האָט איהם טאַקע געדאַרפט אָנברעכען די ביינער"; נור ווען סטעפּאַן פּעטראָוויטש איז, צום סוף געפאַלען אויף דער זאָפע, צאַפּלענדיג זיך אין אַ היסטערישען געלעכטער, האָט מיכעי מיכעיאיטש זיך געווענדעט צו באָריס אַנדרעאיטש'ן און געזאָגט, אויסשפּרייטענדיג אַביסעל די הענד:

— אַט אַזוי איז ער אימער: צולאכט זיך פּלוצים, גאָט ווייס פון וואָס. אַט אַזאַ נאַטור איז שוין ביי איהם.

וויעראַטשקאַ איז אריין אַ צושראָקענע, מיט פערוויינטע אויגען.

דער פּאַפּאַ׳לע איז היינט נישט אין גאַנצען — האָט זי שטיל בע־מערקט צו מיכעי מיכעיאיטש׳ן.

מיכעי מיכעיאיטש האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ און זיך אריינגעלעגט אַ שטיקעל קעז אין מויל.

צום סוף, איז סטעפּאַן פּעטראָוויטש אָנשוויגען געוואָרען, האָט זיך אויפגעהויבען, אָבגערוהט אַ ווייַלע און געגומען געהן איבער׳ן צימער. באָרים אַנדרעאיטש האָט אויסגעמיעדען זיינע בליקען און איז געזעסען ווי אויף שפּילקעס.

מיכעי מיכעאיטש האָט זיך ווידער גענומען זידלען אָנופרי איליטש׳ן.

מען האָט זיך געזעצט צום טיש; ביים טיש האָט אויך גערעדט נור איין מיכעי מיכעיאיטש. צום סוף, שוין שפּעט פאר נאַכט, האָט סטעפּאַן פּעטראָוויטש גענומען באָרים אַנדרעאיטש׳ן פאַר אַ האַנד און שווייגענדיג איהם ארויסגעפיהרט אין אַ צווייטען צימער.

— איהר זייט אַ גוטער מענש? — האָט ער געפרעגט, קוקענדיג איהם גלייך אין פּנים אריין.

— איך בין אַן עהרליכער מענש, סטעפּאַן פּעטראָוויטש — האָט געענטפערט באָרים אַנדרעאיטש: — פאַר דעם קען איך אייך ערוב זיין, — און איך ליעב אייער טאָכטער.

— איהר האָט ליעב? זיכער?

— איך ליעב און וועל זיך בעריהמען צו פערדיענען איהר ליעבע.

— וועט אייך נים דערעסען? — האָט ווידער געפרעגט סטעפּאַן פּעטראָוויטש.

— קיין מאָל נים!

סטעפּאַן פּעטראָוויטש׳עס פּנים האָט זיך צוקאָרטשעט פון וועה־טאָג.

— נו, זעהט־זשע... ליעבט... איך בין מסכים.

באָרים אַנדרעאיטש האָט איהם געהאַט געוואָלט ארומנעהמען, נור ער האָט געזאָגט:

— זאָל זיין... שפּעטער.

און, אָבקעהרענדיג זיך, איז ער צוגעגאַנגען צו דער וואַנד, באָרים אַנדרעאיטש האָט געקאָנט בעמערקען, אַז ער וויינט.

סטעפּאַן פּעטראָוויטש האָט ניט, אומקעהרענדיג זיך, אָבגעווישט די אויגען, איז דערנאָך אַוועק צוריק אין קאַבינעט, פאַרביי באָרים אַנדרעאיטש'ן און ניט אַ קוק טהאָנדיג אויף איהם, האָט ער מיט זיין געוועהנליכען שמייכעל אַרויסגערעדט:

— איך בעט אייך, אויף היינט זאָל זיין גענוג... מאָרגען... אַלעס... וואָס איז נויטיג...

— גוט, גוט — האָט אויף גיך געענטפערט באָרים אַנדרעאיטש און, אַריינגעהענדיג נאָך איהם אין קאַבינעט, האָט ער זיך איבערגעקוקט מיט וויעראָטשקאַ'ן.

אויף דער נשמה איז איהם געווען פרעהלאַך און אין דער זעלבער צייט אויך שווער. ער האָט ניט געקענט לאַנג פערבלייבען ביי סטעפּאַן פּעטראָוויטש'ען אין דער געזעלשאַפט פון מיכעי מיכעיאיטש'ען; עס האָט זיך איהם שטאַרק געוואָלט בלייבען אליין — דערצו האָט איהם געצויגען צו פּיאָטער וואַסיליטש'ען. ער איז אַוועקגעפאָהרען, צוזאָגענדיג, אַז ער וועט מאָרגען צוריק קומען.

זיך זעגענענדיג מיט וויעראָטשקאַ'ן אין פּיהר־הויז, האָט ער אַ קוש געטהאָן איהר האַנד; זי האָט אויף איהם אַ קוק געטהאָן.

— ביז מאָרגען — האָט ער איהר געזאָגט.

— אַדיע — האָט זי שטיל געענטפערט.

— אָט זעהסטו, פּיאָטער וואַסיליטש — האָט גערעדט באָרים אַנדרעאיטש נאָכדעם ווי ער האָט געענדיגט זיין ערצעהלונג און שפּרייזענדיג הין און צוריק איבער'ן שלאָף־צימער: — איך האָב זיך באַרעכנט: פאַרוואָס פּאַסירט אָפט, אַז אַ יונגער מענש האָט ניט חתונה? דערפאַר וואָס ער האָט מורא איבערצופיהרען זיין לעבען; ער טראַכט זיך: וואָס איז די געהייל? איך'ל נאָך צייט האָבען, אפשר וועל איך נאָך אויף עפּעס בעסערס דערוואַרטען; און די מעשה ענדיגט זיך, געוועהנליך, מיט דעם, וואָס אָדער, ער ווערט אַן אַלטער בחור, אָדער ער האָט חתונה מיט דער ערשטער בעסטער; דאָס איז אַלץ אוים אייגענליעבע און שטאָלץ. גאָט האָט דיר צוגעשיקט אַ ליעבע, וואוילע מיידעל, לאָז נישט ארוים דעם צופאַל, זיי גליקליך און טראַכט ניט אוים צופיעל. קיין בעסערע ווייב, ווי וויעראָטשקאַ, וועל איך שוין

ניט געפינען; און אויב איהר פעהלט אפילו אביסעל בילדונג, איז מיין זאַך דאָס צו בעזאָרגען. אַ כאַראַקטער האָט זי אַ גאַנץ פלעגמאַטישען, אָבער דאָס איז אויך ניט קיין אונגליק — פאַרקעהרט! אָט פאַרוואָס איך האָב זיך אַזוי שנעל ענטשלאָסען. דו האָסט דאַך מיר אויך געראַטען צו הייראַטהען. און טאָמער האָב איך אַ טעות געהאַט — האָט ער צוגעזעצט, אָבגעשטעלט זיך און געטראַכט אַ ווײַלע און ווײַטער געזאָגט: — איז אויך קיין גרויסער אונגליק ניט! פון מיין לעבען וואָלט סיי־ווי־סיי גאָרנישט אַרויסגעקומען.

פּיאָטער וואַסיליטש האָט אויסגעהערט זיין פריינד שווייגענדיג, זופּענדיג צייטענווייז פון אַ געפּלאַצטער גלאָז זעהר שלעכטען טהעע, צוגעגרייט פון דער פּליסיגער מאַקעדאָניא.

— וואָס־זשע שווייגסטו? — האָט איהם, צום סוף, געפרעגט באָריס אַנדרעאיטש, זיך אָבשטעלענדיג פאַר איהם: — ניט אמת, איך בין גערעכט? דו ביזט דאַך מיט מיר איינפערשטאַנדען?

— דער פאָרשלאַג איז געמאַכט — האָט זיך אָנגערופען פּיאָטער וואַסיליטש, אויסציהענדיג די ווערטער: — דער פאָטער האָט געגעבען זיין ברכה, די מאַכטער האָט ניט ענטזאָגט, איז איצט, הייסט עס, נישטאָ שוין מעהר וואָס צו טענה'ן און אפשר איז טאַקע אַלעס צום גוטען. איצט דאַרף מען טראַכטען וועגען דער חתונה און ניט טענה'ן פּוסטע דיבורים; אָבער דער מאָרגען איז קליגער פון דער נאַכט... מאָרגען וועלען מיר זיך דורכריידען, ווי געהעריג איז. העי! ווער איז דאָרט? בעגלייט באָריס אַנדרעאיטש'ען.

— דו, נעהם מיך כאָטש אַרום, גראַטוליר מיך — האָט אויסגעשריען באָריס אַנדרעאיטש — ס'אַרא מאָדנער מענש דו ביזט, ווירקליך!

— אַרומנעהמען וועל איך דיך מיט פערגעניגען.

און פּיאָטער וואַסיליטש האָט אַרומגענומען באָריס אַנדרעאיטש'ן.

— זאָל דיר גאָט געבען אַל דאָס גוטס!

און די פריינד האָבען זיך צושיידט.

„דאָס איז אַלץ דערפאַר — האָט געזאָגט פּיאָטער וואַסיליטש צו זיך אַליין אין דער הויף, נאָכדעם ווי ער איז געלעגען אַ ווײַלע אין בעט און האָט זיך איבערגעקעהרט אויף דער אַנדערער זייט — דאָס

איז אַלץ דערפאַר, ווייל ער האָט נישט געדיענט אין מיליטער! איז גע־וועהנט נאָכצוגעבען זיך און ווייס נישט פון קיין אָרדנונג!"

* * *

אין אַ מאָנאַט אַרום האָט וויאָזאָוונין געהייראַט מיט וויעראָטש־קאַ'ן. ער אַליין האָט געפּאָדערט, אַז מען זאָל די חתונה ניט אָבלעגען אויף שפּעטער. פּיאָטער וואסיליטש איז געווען ביי איהם אונטערפיה־רער.

אין פערלויף פון דעם מאָנאַט איז וויאָזאָוונין יעדען טאָג גע־פאָהרען צו סטעפּאַן פּעטראָוויטש'ען; אָבער אין דער האַלטונג פון איהם מיט וויעראָטשקאַ'ן און פון וויעראָטשקאַ'ן מיט איהם האָט זיך ניט בעמערקט קיין שום ענדערונג: זי איז בלויז געוואָרען אַבי־סעל שעמעוודיגער מיט איהם — דאָס אַלעס. ער האָט איהר געבראַכט אַ בוך „יורי מילאָסלאַווסקי" און איהר אַליין איבערגעלעזען עטליכע קאַפּיטלאַך. דער ראָמאַן איז איהר געפעלען געוואָרען; נור געענדיגט דעם דאָזיגען בוך, האָט זי ניט געבעטען קיין אַנדערען.

קאַראַנטיעוו איז געקומען צו פאָהרען אַ קוק טהאָן אויף וויע־ראָטשקאַ'ן, וועלכע איז געוואָרען אַ כלה פאַר אַן אַנדערען און, מען מוז צוגעבען, אַז ער איז געקומען אַ שיכור'ער... האָט אַלץ געקוקט אויף איהר, ווי ער וואָלט זיך געקליעבען איהר עפּעס צו זאָגען, האָט אָבער גאָרנישט געזאָגט. מען האָט איהם געבעטען זינגען, ער האָט גענומען זינגען עפּעס אַ אומעדיג ליעד, דערנאָך האָט ער אַ דונער גע־טהאָן עפּעס אַ פּרעהליכס, האָט אַ וואָרף געטהאָן די גיטאַרע אויף דער זאָפע, זיך געזעגענט מיט אַלעמען און, געזעצט זיך אויפ'ן שליטען, האָט ער זיך אַ וואָרף געטהאָן מיט דער ברוסט אויף די אונטערגעבעטע הייה און גענומען יאָמערען... און אין אַ פערטעל שעה אַרום איז ער שוין געשלאָפען מיט אַ טויטען שלאָף.

אַ טאָג פאַר דער חתונה איז וויעראָטשקאַ געווען זעהר אומעדיג און סטעפּאַן פּעטראָוויטש האָט אויף פּערלאָרען דעם מוטה. ער האָט אַלץ געהאָפט, אַז בּאָרים אַנדרעאַיטש וועט איינשטימען צו בעזעצען זיך ביי איהם; אָבער יענער האָט וועגען דעם ניט דערמאָנט אפילו אַ וואָרט, פאַרקעהרט, ער האָט נאָך פאָרגעשלאָגען סטעפּאַן פּעטראָ־

ווימש'ען צו קומען אויף אַ געוויסע צייט וואוינען ביי איהם אין וויאַזאָוונע. דער אַלטער האָט זיך ענטזאָגט: ער איז געוועהנט געוועזען צו זיין קאַבינעט. וויעראָטשקאַ האָט פערשפּראָכען איהם צו בעזוכען אַם וויינינגסטענס איין מאָל אַ וואָך. ווי אומעטיג האָט דער פאָטער איהר געענטפערט: „בראַוו, בראַוו!"

און באָריס אַנדרעאיטש האָט אָנגעהויבען לעבען אַלס פערהיירַאטער מאַן.

די ערשטע צייט איז אַלעס געגאַנגען אויסגעצייכענט. וויעראָטשקאַ אַלס גוטע ווירטהין האָט געבראַכט זיין גאַנץ הויז אין אָרדנונג. ער האָט געקוואָלען פון איהר ניט טומולדיגער, געלאַסענער טהעטיגקייט, פון איהר שטענדיג ליכטיגען און גוטען מוטה, האָט זי גערופען זיין האָלענדערקע און געהאַלטען אין איין טענה'ן צו פּיאָטער וואַסיליטש'ן, אַז ערשט איצט האָט ער דערקאָנט דאָס גליק. מען מוז בעמערקען, אַז פון דעם טאָג פון באָרים חתונה אָן, איז פּיאָטער וואַסיליטש שוין ניט אַזוי אָפט געקומען צו איהם און איז דאָרט ניט אַזוי לאַנג פערבליעבען, ווי פריהער, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס באָרים אַנדרעאיטש האָט איהם צוגענומען פונקט אַזוי פריינדליך און כאָטש וויעראָטשקאַ האָט איהם אמת ליעב געהאַט.

— דיין לעבען איז שוין איצט נישט וואָס געווען — פלעגט ער זאָגען וויאַזאָווניו'ען, וועלכער האָט איהם פריינדליך פאָרגעוואָרפען, אַז ער איז צו איהם קאַלט געוואָרען: — דו ביזט אַ פערהייראַטהער מאַן און איך בין אַ בחור. איך קען נאָך שטערען.

פון אָנהויב האָט איהם וויאַזאָוונין ניט ווידערשפּראָכען; נור וואָס ווייטער, האָט ער ביסלאַכווייז אָנגעהויבען צו בעמערקען, אַז אָהן פּיאָטער וואַסיליטש'ען איז איהם לאַנגווייליג צו זיין אין דער היים; די פרוי האָט איהם אין קיין זאַך ניט געשטערט; פאַרקעהרט, צייטענווייז האָט ער אָהן איהר גאָר פערגעסען און גאַנצע פריהמאָרגענס מיט איהר אַ וואָרט ניט אויסגערעדט, כאָטש ער האָט אימער מיט פערגעניגען און מיט צערטליכקייט איהר אין פּנים געקוקט; און יעדעס מאָל, ווען זי פלעגט מיט איהר לייכטען טראָט פאַרביי געהן פאַר איהם, האָט ער געכאַפּט און געקושט איהר האַנד, וואָס עס האָט אימער ארויסגערופען אַ שמייכעל אויף איהרע ליפּען. דער דאָזיגער שמייכעל איז געווען

דער זעלבער, וועלכען ער האָט אַזוי ליעב געהאַט; אָבער איז דען גע־נוג איין שמייכעל?

צווישען זיי איז געווען צו ווייניג געמיינשאַפטליכעס און ער האָט זיך וועגען דעם גענומען אָנשטויסען.

„וואָס זאָל מען זיך דאָ נאַרען, מיין ווייב פערמאָגט זעהר ווייניג מיטלען, אום צו צוציהען צו זיך — האָט איין מאָל אַ טראַכט געטהאָן באָריס אַנדרעאיטש, זיצענדיג מיט די הענד פערלייגט, אויף דער זאָ־פע.

וויעראָטשקאַ'ס ווערטער, וועלכע זי האָט איהם געזאָגט אין דעם טאָג, ווען ער האָט איהר דעם פאָרשלאָג געמאַכט „איך בין נישט קיין פּאָאָר" האָבען גענומען קלינגען אין זיין נשמה.

„ווען איך זאָל זיין עפּעס אַ דייטש, אָדער אַ געלעהרטער — האָט ער פאָרטגעזעצט צו טראַכטען: — אָדער ווען איך זאָל האָבען אַ שטענדיגע בעשעפטיגונג, וואָס זאָל פערנעהמען דאָס גרעסטע טהייל פון מיין צייט, וואָלט אַזאַ פרוי געווען אַ געווינס; אַזוי אָבער! שוין־זשע האָב איך אַ טעות געהאַט?" דער לעצטער געדאַנק האָט איהם געמאַטערט מעהר ווי ער האָט ערוואַרטעט.

ווען אין דעם זעלבען פריהמאָרגען, האָט פּיאָטער וואַסיליטש ווידער געזאָגט, אַז ער האָט מורא זיי צו שטערען, האָט ער זיך שוין ניט געקענט מעהר איינהאַלטען און האָט אויסגערופען:

— וואָס רעדסטו! דו הויבסט אונז ניט אָן צו שטערען; פאַר־קעהרט, אין דיין געגענוואַרט איז אונז ביידען אַ סך פרעהליכער... — ער האָט שיער ניט געזאָגט: — לייכטער. — און דאָס איז טאַקע געווען אמת.

באָריס אַנדרעאיטש האָט גערן פערבראַכט מיט פּיאָטער וואַסי־ליטש'ען אויף דעם זעלבען אופן, ווי זיי האָבען פערבראַכט ביז דער חתונה; און מיט איהם האָט וויעראָטשקאַ אויך געוואוסט וואָס צו רעדען, דעם מאַן איהרען האָט זי צופיעל געאַכטעט און מיט איהר גאַנ־צער צוגעבונדענקייט צו איהם, האָט זי ניט געוואוסט, וואָס איהם צו זאָגען, מיט וואָס איהם צו פערנעהמען...

אויסער דעם, האָט זי געזעהן, אַז די געגענוואַרט פון פּיאָטער וואַסיליטש מאַכט איהם לעבעדיגער. עס האָט זיך געענדיגט דערמיט, וואָס פּיאָטער וואַסיליטש איז געוואָרען אַ זעהר נויטיגער מענש ביי

באָרים אַנדרעאיטש'ען אין שטוב. וויעראַטשקאַ'ן האָט ער ליעב בע־קומען ווי אַן אייגענע טאָכטער; און עס איז טאַקע אונמעגליך געווען ניט צו ליעבען אזא גוטע נשמה. ווען באָרים אַנדרעאיטש, וועלכער איז געווען ניט מעהר ווי א שוואכער מענש, האָט איהם פערטרויט, ווי א פריינד, זיינע פערבאָרגענסטע געדאַנקען און זיך געקלאָגט פאר איהם, האָט פיאָטער וואסיליטש שטאַרק בייז פאר זיין אונדאנקבארקייט, איהם אויסגערעכענט וויעראַטשקאַס אַלע מעלות. און איין מאָל, ווען באָרים אַנדרעאיטש האָט איהם דערמאָנט, אַז ער אליין, פיאָטער וואַ־סיליטש, האָט דאָך אמאָל געדענקט, אַז זייביידע זיינען ניט בעשאַ־פען איינער פאר'ן אַנדערען, איז פיאָטער וואסיליטש אין כעס גע־וואָרען און מיט הארץ געענטפערט, אַז ער איז זי ניט ווערטה.

— איך האָב אין איהר גאָרנישט געפונען — האָט ארויסגעמור־מעלט באָרים אַנדרעאיטש.

— וואָס הייסט גאָרנישט געפונען? האָסטו דען ערווארט פון איהר עטוואָס אונגעוועהנליכעס? דו האָסט אין איהר געפונען אַן אויס־געצייכענטע פרוי. אָט וואָס!

— דאָס איז אמת — האָט אויך גיך ארויסגערעדט באָרים אַנ־דרעאיטש.

אין וויאַזאָווניג'ס הויז איז אַלעס געגאַנגען ווי פריהער — רוהיג און שטיל. מיט וויעראַטשקאַ'ן איז ניט נור אונמעגליך געווען זיך צו קריעגען, נור אפילו קיין מיספערשטענדניס צווישען איהר און איהר מאַן איז אויך נישט געווען מעגליך; אָבער דער אינערליכער בראָך האָט זיך געפיהלט אין אַלץ. אזוי בעמערקט זיך געוועהנליך אין יעדען מענש־ליכען וועזען דער איינדרוק פון א אינערליכער וואונד. וויעראַטשקאַ האָט ניט געהאַט קיין נאַטור זיך צו קלאָגען; דערצו האָט זי אפילו אין די געדאַנקען אויך ניט בעשולדיגט וויאַזאָווניג'ן אין קיין זאַך, און איהם איז קיין מאָל ניט איינגעפאלען, אַז איהר איז ניט לייכט צו לע־בען מיט איהם. צוויי מענשען נור האָבען קלאָהר פערשטאַנען איהר לאַגע: דער אַלטער פאָטער און פיאָטער וואסיליטש.

סטעפאַן פעטראָוויטש האָט מיט עפּעס א בעזונדערען מיטגעפיהל זי געלאַסטשעט און איהר ארייגעקוקט אין די אויגען, ווען זי האָט איהם בעזוכט — ער האָט איהר וועגען קיין זאַך ניט פונאַנדערגעפרעגט נור אָפטער געזיפצט אַרומגעהענדיג איבער'ן צימער, און זיין „בראַו,

בראו!" האָט שוין ניט געקלונגען ווי פריהער מיט יענער אונגעשטער־טער רוה פון אַ נשמה, וועלכע איז אין גאַנצען אַוועק פון אַלעם ערדי־שעס. צושיידט מיט דער טאַכטער, איז ער פּלוצים עפּעס ווי בלייך און מאָגער געוואָרען. פאַר פּיאָטער וואַסיליטש'ען איז אויך ניט געווען פערבאָרגען, וואָס עס טהוט זיך ביי איהר אויף דער נשמה. וויע־ראָטשקאַ האָט גאָר ניט געפאָדערט, אַז דער מאַן זאָל זיך מיט איהר פאַרנעהמען אָדער ער זאָל אפילו ריידען מיט איהר; נור איהר האָט געמוטשעט אַ געדאַנק, אַז זי פאַלט איהם צו לאַסט.

פּיאָטער וואַסיליטש האָט זי איינמאָל געטראָפען, שטעהענדיג אונ־בעוועגליך מיט'ן פּנים צו דער וואַנד. ווי דער פאָטער, צו וועלכען זי איז זעהר ענליך געווען, האָט זי ניט ליעב געהאַט צו צייגען איהרע טרעהרען און האָט זיך אָבגעקעהרט, ווען זי האָט געוויינט, אפילו דאַן, ווען זי איז געווען איינע אַליין אין צימער... פּיאָטער וואַסיליטש איז שטיל פערבייגעגאַנגען פאַרביי איהר און האָט דערנאָך מיט קיין זאַך איהר ניט געגעבען צו פיהלען, אַז ער האָט פערשטאַנען, פאַרוואָס זי איז געשטאַנען מיט'ן פּנים צו דער וואַנד. דערפאַר האָט ער וויאָזאָוור־ניןעו ניט געלאָזט רוהען; אמת; ער האָט פאַר איהם קיין איין מאָל ניט דערמאָנט יענע בעליידיגענדע, אונגוויטיגע און זעלבסטצופריעדע־נע ווערטה, וועלכע די בעסטע מענשען קענען זיך ניט איינהאַלטען צו פערשווייגען אפילו אין דעם מאָמענט פון דער גרעסטער טהיילנאַהמע: „איך האָב דיר דאָס אַלעם פריהער פאָראויסגעזאָגט!" די דאָזיגע ווערטער האָט ער קיינמאָל פון זיינע ליפּען ניט ארויסגעבראַכט, ער איז נור אָהן רחמנות בעפאַלען באָריס אַנדרעאיטש'ן פאַר זיין גלייכגיל־טיגקייט און משוגעת, און איין מאָל, האָט ער יענעם געבראַכט אַזוי וויית, אַז יענער איז אַוועקגעלאָפען צו וויעראָטשקאַ'ן און זי גענור־מען בעטראַכטען און אויספרעגען. זי האָט אַזוי ווייך אויף איהם אַ קוק געטהאָן און אַזוי רוהיג איהם געענטפערט, אַז ער איז אַוועק אַ בע־אונרוהיגטער אין הארצען פון פּיאָטער וואַסיליטש'עס פאָרווירפע, אָבער אַ צופריעדענער, וואָס, אַם וויניגסטענס וויעראָטשקאַ פערדעכ־טיגט קיין זאַך ניט... אַזוי איז אַוועק דער ווינטער.

אַזעלכע פערהעלטניסע קענען לאַנג ניט אָנהאַלטען: זיי ענדי־גען זיך אָדער מיט אַ בראָך, אָדער זיי ענדערען זיך, זעהר זעלטען צום גוטען...

באָריס אַנדרעאיטש איז ניט געוואָרען פערדריסליך, האָט זיך ניט צוגעטשעפּעט פאַר יעדער קליינינקייט, ווי עס פּאַסירט אָפט מיט מענשען, וועלכע פיהלען זיך שולדיג, האָט זיך ניט ערלויבט דעם בילי־גען און גראָבען פערגעניגען פון אָבלאַכען און חוזק מאַכען, ער איז ניט אריינגעפאַלען אין קיין מרה שחורה; איהם אין מוח האָט בלויז אָנגעהויבען צו בויערען אַ געדאַנק: אוועקצופאָהרען וואו עס איז — אויף אַ געוויסע צייט, נאַטירליך.

„אַ רייזע!" — האָט ער געטראַכט, אויפשטעהענדיג אין דער פריה. „אַ רייזע!" האָט ער געשעפּטשעט, לייגענדיג זיך אין בעט. אין דעם דאָזיגען וואָרט איז פאַר איהם פערבאָרגען געווען אַ בעזונ־דערער רייצענדער צויבער. ער האָט פּרובירט פאָהרען זיך צושטריי־ען צו סאָפיא קירילאָווגאַ, אָבער איהרע שעהנע רייד און די פּרייע מאַ־ניערען, איהר שמייכעלע און איהרע חן'דלאַך האָבען זיך איהם אויס־געוויזען צו זיס און צו געמאַכט. „וואָס פאַר אַ פערגלייך מיט וויעראָטשקאַ'ן!" האָט ער געטראַכט, קוקענדיג אויף דער אין עסיג און האָניג אויסגעפּוצטער אלמנה, און אין דערזעלבער צייט, האָט דער געדאַנק אוועקצופאָהרען פון דער דאָזיגער וויעראָטשקאַ, איהם אויף איין מינוט ניט פערלאָזען.

דער אָטהעם פון דעם אָנקומענדיגען פריהלינג. פון יענעם פריה־לינג, וועלכער ציהט און רופט אפילו די פויגעל פון הינטער די ימים, האָט צוטריבען זיינע לעצטע צווייפעל האָט איהם דעם קאָפּ פאַרדרעהט. ער איז אוועקגעפאָהרען אין פּעטערסבורג מיט דעם אויסרייד, אז ער האָט דאָרט זעהר אַ וויכטיגען געשעפט, כאָטש ביז אהער האָט ער וועגען דעם אַ וואָרט ניטש דערמאָנט...

זעגענענדיג זיך מיט וויעראָטשקאַ'ן, האָט ער פּלוצים דערפיהלט, ווי דאָס האַרץ האָט איהם פערקוועטשט און זיך בעגאָסען מיט בלוט: עס האָט איהם געגומען וועה טהאָן פאַר דער שטילער און גוטער פרוי זיינער, פון זיינע אויגען האָבען זיך אַ גאָס געטהאָן טרעהרען און נאָס געמאַכט איהר בלייכען שטערען, צו וועלכען ער האָט זיך נור וואָס געהאַט צוגעריהרט מיט זיינע ליפּען...

„איך וועל באַלד, באַלד צוריקקעהרען, נשמה מיינע, און וועל שרייבען — האָט ער אַלץ גערעדט — און איבערגעגעבען זי צו דעם אויפמערקזאַמען און פריינדליכען פּיאָטער וואַסילימש'ען, האָט ער

זיך אריינגעזעצט אין קויטש א געריהרטער און אן אומעדיגער... זיין אומעט איז פערשוואונדען אין דעם מאמענט, ווען ער האט דערזעהן די צארט־גרינע לינדען־בוימער אויף דעם גרויסען וועג, וועלכער איז געלאפען א ווייערסט צוויי פון זיין דארף; זיין הארץ האט גענומען קלאפען פון א אונפערשטענדליכער, כמעט אינגעלשער בעגייסטערונג; זיין ברוסט האט זיך העפטיג בעוועגט און זיינע אויגען מיט א דורשטי־גען בליק האבען אין דער ווייטקייט געקוקט...

„ניין — האט ער אויסגערופען: — איך זעה איין, אז —
מען קען אין איין וואגען ניט איינשפאנען
א פערד און א ציטערענדיג שעפעלע..."
און וואס איז ער געווען פאר א פערד?...

וויערא איז געבליבען אליין; אבער ערשטענס, האט זי פיאטער וואסיליטש אפט בעזוכט, און די הויפט זאך — דער אלטער פאטער האט זיך ענדליך ענטשלאסען אבצורייסען זיך פון זיין געליעבטען קא־בינעט און אריבערפאהרען אויף א געוויסער צייט צו דער טאכטער אין הויז. און פרידליך, און רוהיג האבען זיי גענומען לעבען זאלבע־דריט. זייערע געשמאקען און געוואהנהייטען האבען זיך אזוי צוגע־פאסט! אין דערזעלבער צייט האבען זיי אן וויאזאווניןען אויך ניט פערגעסען — פערקעהרט, ער האט זיי אלע גייסטיג צוזאמענגעבונדען. זיי האבען אהן אויפהער גערעדט וועגען איהם, וועגען זיין גוטסקייט, זיין שכל, זיין בילדונג און וועגען דער איינפאכקייט זיינער. אין זיין אבוועזענהייט פון דער היים האבען זיי בארים אנדרעאיטש'ען נאך ליעבער געקראגען.

עס זיינען אנגעקומען די שעהנע וועטערן; די טעג זיינען ניט גע־פלויגען: ניין, זיי זיינען אוועק פרידליך און פרעהליך, ווי די הויכע, ליכטיגע וואלקען אויף דעם בלויען און ליכטיגען הימעל. וויאזאווניןען האט געשריעבען זעלטען; זיינע בריעף זיינען געלעזען און ווידער גע־לעזען געווארען מיט גרויס פערגעניגען. אין יעדען פון זיינע בריעף האט ער געשריעבען וועגען זיין באלדיגען צוריקקעהרען... צום סוף, אין א געוויסען טאג האט פיאטער וואסיליטש געקראגען פון איהם דעם פאלגענדען בריעף:

„ליעבער פריינד, מיין בעסטער פיאטער וואסיליטש! איך האב לאנג געטראכט ווי אזוי איך זאל אנהויבען צו שרייבען דעם דאזיגען

בריעף, נור, עס זעהט אויס אַז עס איז בעסער צו זאָגען דיר גלייך, אַז איך פאָהר אין אויסלאַנד. איך וויים, אַז די דאָזיגע נאַכריכט וועט דיך פערוואונדערען און זאָגאַר פערדריסען: אַזוינס האָסטו בשום אופן ניט געקענט ערוואַרטען — און דו וועסט זיין גאַנץ גערעכט, ווען דו וועסט מיך אָנרופען טויגעניכטס, לייכטזיניגער מענש; איך האָב אפילו אין זינען ניט זיך צו פערענטפערן און אין דיעזער מינוט פיהל איך, אַז דער פנים ברענט ביי מיר פאַר שאַנדע. אָבער הער מיך אויס און זיי ניט צו שטרענג. ערשטענס, פאָהר איך אויף אַ גאַנץ קורצער צייט און אין אַזאַ געזעלשאַפט און אַזוי ביליג, אַז דו קענסט זיך גאָר ניט פאָרשטעלען; און, צווייטענס, אין דעם בין איך פעסט איבערצייגט, אַז זיך אַביסעל נאַריש געמאַכט צום לעצטען מאָל, בעפרידיגט צום לעצטען מאָל מיין ליידענשאַפטליכען פערלאַנג אַלעס צוזעהן און אַלעס צו עמפפינדען, וועל איך ערשט דאַן ווערען אַ גוטער פאַמיליע־מאַן און אַ שטוב־זיצער און וועל בעווייזען, אַז איך פערשטעה צו שעצען דעם נישט פערדיענטען גליק, וואָס דער שיקזאַל האָט מיר צוגעשיקט אַזאַ ווייב, ווי וויעראָטשקאַ. איך בעט דיך איבערצייג איהר אויך אין דעם, און וויין איהר דיעזען בריעף. צו איהר אליין שרייב איך איצט ניט: אויף דעם כאַפּט ביי מיר איצט ניט קיין מוטה.. אָבער איך וועל אונבעדינגט צו איהר שרייבען פון שטעטין. וואוהין די שיף געהט; און דערווייל זאָגט איהר, אַז איך שטעה פאַר איהר אויף די קניע און בעט זי זעהר, זי זאָל ניט זיין אין כעס אויף איהר נאַרישען מאַן. קענענדיג איהר דיעמענטענע נאַטור, בין איך זיכער, אַז זי וועט מיר מוחל זיין; און איך שווער מיט אַלעס, וואָס מיר איז ליעב, אַז ניט שפּעטער, ווי אין דריי מאָנאַטען אַרום, וועל איך זיך אומקעהרען צוריק אין וויאָזאָוונע, און דאַן וועט מען מיר מיט געוואַלד פון דאָרט ניט קענען ארויסשלעפּען, אַזוי לאַנג, ווי איך וועל לעבען. אַדיע, אָדער בעסער — צום ווידערזעהן אין גיכען; איך אומאַרעם דיך און קוש די ליעבע הענטעלאך פון מיין וויעראָטשקאַ׳ן. פון שטעטין, וועל איך אייך שרייבען, וואוהין איהר זאָלט אַדרעסירען די בריעף צו מיר. אינ׳ם פאַל פון וועלכע עס איז ניט פאָראויסגעזעהענע געשעפטען און וועגען דער ווירטהשאַפט אין אַלגעמיין, פערלאָז איך זיך אויף דיר, ווי אויף אַן אייזערנער וואַנד.

דיין, באָרים וויאָזאָווניך.

צום הערבסט זאָלסטו הייסען אויסקלעפּען מיין קאַבינעט מיט נייע טאַפּעטען... דו הערסט ?.. למען השם דאָס טהאָן".

עס איז אָבער ניט בעשערט געווען, אז די האָפנונגען, וועלכע באַריס אַנדרעאיטש האָט אויסגעדריקט אין דעם דאָזיגען בריעף, זאָלען פערווירקליכט ווערען. פון שטעטין האָט ער צוליעב די פיעלע נייע איינדריקע און אַ סך קאָפּ דרעהעניש קיין צייט ניט געהאַט צו שרייבען צו וויעראָטשקאַ'ן נור פון האַמבורג האָט ער איהר געשיקט אַ בריעף, אין וועלכען ער האָט איהר געלאָזט וויסען, אַז כדי צו זעהן געוויסע נויטיגע מאַנופאַקטורען און צו הערען מאַנכע לעקציעס, האָט ער בדעה צו בעזוכען פּאַריז, וואוהין מען זאָל אַדרעסירען בריעף.

וויאָזאָווניו איז געקומען אין פּאַריז אין דער פריה, אין פערלויף פון טאָג איז ער דורכגעלאָפען אַלע בולווארען, דעם טיולערשען גאָרטען און פיעלע אַנדערע בעריהמטע פּלעצער, דערנאָך איז ער סאָליד מיט אַ שטאָלצער מינע פון אַן אמת'ן פּאַריזער אוועק עסען מיטאָג צו בעפּוראַ'ן, און אין אָבענד איז ער אוועק אין שאַטאָ־דע־פּלער — אַ קוק צו טהאָן וואָס איז אַזוינס דער קאַנקאַן, און ווי עס טאַנצען דעם דאָזיגען טאַנץ די פּאַריזערינס. דער טאַנץ אַליין איז וויאָזאָווניו'ן ניט געפעלען געוואָרען, אָבער איינע פון די פּאַריזער טענצערינס, אַ לעבעדיגע, שלאַנקע ברונעטקע מיט אַ פעריסען נעזעל און קאָבעדיגע אויגען — איז איהם געפעלען געוואָרען. ער האָט זיך געגומען אַלץ אָפטער און אָפטער אַרום איהר אַרומדרעהען, ער האָט אפריהער זיך מיט איהר נור איבערגעקוקט, דערנאָך גענומען צו איהר שמייכלען, דערנאָך ריידען... אין אַ האַלב שעה אַרום איז זי שוין געגאַנגען מיט איהם געאָרעמט, האָט איהם געזאָגט, אַז איהר נאָמען איז: יוליע — און איהם געגעבען אַן אָנצוהערעניש, אַז זי איז הונגעריג און, אַז עס וואָלט ניט געשאַדט, ער זאָל זי איינלאַדען אויף אַ סאַפּער. באָריס אַנדרעאיטש איז אפילו אליין ניט געווען הונגעריג און צו עסען סאַפּער אין דער געזעלשאַפט פון מאַדמאָזעל יוליע האָט ער זיך אויך ניט געריכט... אָבער דאָך, אויב דאָ איז אַזאַ מנהג — האָט ער אַ טראַכט געטהאָן — דאַן דענק איך קען מען זיך פון דעם ניט אָבזאָגען און מען מוז מיט איהר געהן.

„גוט, איך בין צופריעדען!" — האָט ער געזאָגט אין דער הויך — אָבער אין דעם זעלבען מאָמענט, האָט עמעצער איהם שטאַרק אָנ־

געטראָטען אויפ'ן פוס. ער האָט אַ געשריי געטהאָן, זיך אומגעקעהרט — און דערזעהן פאַר זיך אַ הויכען מאַן פון מיטעלע יאָהרען, אַ געזונ־דען מיט ברייטע פּלייצעס, אָנגעטהאָן אין אַ ענגען האַלזטוך, אין אַ רעקעל אַ צוגעשפּילעטען פון אויבען ביז אַראָפּ און אין ברייטע הויזען פון מיליטערישען שניט.

אַראָבגערוקט די הוט ביז דער סאַמע נאָז, פון אונטער וועלכען עס זיינען, ווי צוויי קליינע וואַסער־פאַלען, אַראָבגעפאַלען געפאַרבטע וואָנצעס, און צושפּרייט די הויזען־קעשענעס מיט גרויסע פינגער פון זיינע האָאָריגע הענד, האָט דער דאָזיגער הערר, קאָנטיג, אַ אָפיציער, אויסגעגלאָצט אַ פּאָאָר בייזע אויגען אויף וויאָזאָווניןְ'ען. דער אויס־דרוק פון זיינע געלע אויגען, זיינע האַרטע, פּלאַכע באַקען, זיינען בלאָה־ליכע אויסגעשטאַרצעטע באַקען־ביינער און דער אויסדרוק פון דעם גאַנצען פּנים איז געווען פרעך און גראָב.

— איהר האָט מיר אָנגעטראָטען אויפ'ן פוס! — האָט ארויס־געדעדט וויאָזאָווגין.

— יאָ, מאָנסער.

— אָבער אין אַזאַ פּאַל... ענטשולדיגען זיך די מענשען.

— און אויב איך וויל זיך פאַר אייך ניט ענטשולדיגען, מיין הערר מאָסקאָוויט?

פּאַריזער דערקענען גלייך די רוסען.

— איהר האָט מיך אַלזאָ געוואָלט בעליידיגען און האָט עס אור־מיסטנע געטהאָן? — האָט געפרעגט וויאָזאָווגין.

— יאָ, מיין הערר; די פאָרמע פון אייער נאָז געפעלט מיר ניט.

— פוי, ווי אייפערזיכטיג! — האָט ארויסגעשעפּצעט מאַדאַמאָ־זעל יוליע, פאַר וועמען דער אָפיציער איז קאָנטיג ניט געווען פרעמד.

— אויב אַזוי... — האָט אָנגעהויבען וויאָזאָווגין, ווי פער־וואונדערט...

— איהר ווילט זאָגען — האָט אונטערגעכאַפּט דער אָפיציער: אויב אַזוי דאַן דאַרף מען זיך שלאָגען. געוויס. זעלבסטפערשטענדליך. אָט איז מיין קאַרטעל.

— און אָט איז מיינע — האָט געענטפערט וויאָזאָווגין, ניט אויפ־

הערענדיג זיך צו וואונדערן, און ווי אין חלום, מיט אָ ליכט קלאפּעדיגען הארצען אנגעשריעבען אויף דעם גלאנציגען פּאפּיר פון זיין וויזיט־קארטע די פאלגענדע ווערטער: האָטעל מאָנארך, נומער 46.

דער אָפיציער האָט אַ מאַך געטהאָן מיט'ן קאָפּ און ערקלעהרט אַז ער וועט האָבען די עהרע צו שיקען זיינע סעקונדאַנטען צו הערר... הערר.... (ער האָט צוגעטראָגען וויאַזאָווינס קאַרטעל צו זיין רעכטער אויג) צו הערר פון וואַצאַוואָנאָנין — און ער האָט זיך אומגעקעהרט מיט'ן רוקען צו באָרים אַנדרעאיטש'ן, וועלכער האָט גלייך אויפ'ן שטעל פערלאָזען דעם שאַטאָ־דע־פלער! מעדאַמאָזעל יוליע האָט פּרובירט איהם אָבהאַלטען, ער האָט אָבער זעהר קאַלט אויף איהר אַ קוק געטהאָן... זי האָט זיך לאַנגזאַם פון איהם אָבגעקעהרט און, זעצענדיג זיך אָן אַ זייט, האָט זי דאַן אַ לאַנגע צייט עפּעס ערקלעהרט דעם בייזען אָפיציער, וועלכע האָט נאָך ווי פריהער געהאַלטען די הענד אין די הויזען, האָט געדרעהט מיט די וואָנצעס און ניט געשמייכעלט...

ארויסגעקומען אויף דער גאַס, האָט וויאָזאָווניןזיך אָבגעשטעלט פאַר דער ערשטער בעסטער לאַנטערנע און נאָך אַמאָל מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט איבערגעלעזען די קאַרטעל, וועלכע ער האָט נאָך געהאַלטען אין האַנד. אויף איהר זיינען געשטאַנען די פאָלגענדע ווערטער: אַלעקסאַנדער לעבאָיעף, קאַפּיטאַן פון דעם 83 רעגימענט.

— „שוין־זשע קאָן דאָס האָבען וועלכע ניט איז פאָלגען?" — האָט ער געטראַכט, אומקעהרענדיג זיך אין זיין גאַסט־הויז. — „שוין־זשע וועל איך זיך טאַקע שלאָגען? און פאַרוואָס? און באַלד אויף דעם צווייטען טאָג פון מיין קומען אין פאַריז! וואָס פאַר אַ נאַרישקייט!" — ער האָט געהאַט אָנגעהויבען אַ בריעף צו וויעראָטשקאַ'ן, צו פּיאָטער וואַסיליטש'ען און גלייך צוריסען און ארויסגעוואָרפען די אָנגעהויבענע בויגעלאַך פּאַפּיר. „נאַרישקייט! קאָמעדיע!" האָט ער געמורמעלט און געלעגט זיך שלאָפען. ער האָט אָבער גענומען אַנדערש טראַכטען, ווען אויף מאָרגען, פריהשטיק־צייט, זיינען צו איהם געקומען צוויי העררן, זעהר עהנליכע צו הערר ליעבאיעפ'ן, נור אַביסעל אינגער. (אַלע פראַנצויזישע פּיעכאָטנע אָפיציערען האָבען איין פּנים) זיי האָבען זיך פאָרגעשטעלט פאַר באָרים אַנדרעאיטש'ן אַלס די סעקונדאַנטען פון זייער פריינד, הערר לעבאָיעף, וועלכער האָט זיי גע־

שיקט אָנצונעהמען די נויטיגע מיטלען, ווייל זייער פריינד, מאָסיא לעבאָיעף האָט בעשלאָסען ניט אָנצונעהמען קיין שום ענטשולדיגונגען.

וויאָזאָווניו איז געווען געצוואונגען צו ערקלעהרען די הערן אָפּיציערען, מאָסיא לעבאָיעף׳ס פריינד, הייסט עס, אַז אזוי ווי ער איז נאָך גאָר א נייער מענש אין פּאַריז, האָט ער נאָך ניט צייט געהאַט זיך אַרומצוקוקען און קריגען סעקונדאַנטען... ער מוז דעריבער בעטען די הערן אָפּיציערען זיי זאָלען איהם געבען עטליכע שטונדען צייט.

די אָפּיציערען האָבען זיך איבערגעקוקט, אַ דריק געטהאָן מיט די פּלייצעס, דאָך האָבען זיי איינגעשטימט און זיך אויפגעהויבען פון זייערע פּלעצער.

— אויב סיניאָר ווינשט — האָט פּלוצים געזאָגט הערר פינאָשע (אזוי האָט מען גערופען איינעם פון די סעקונדאַנטען), זיך אָבשטעלענדיג ביי דער טהיר, קענען מיר אייך רעקאָמענדירען אַן אָפּיציער פון אונזער רעגימענט, דעם לעיטענאַנט באַרבישאָן, ער וועט גערן איינשטימען אייך צו טהאָן דעם געפאַלען אין, ווערענדיג אייער סעקונדאַנט, וועט ער עהרליך פּאַרטרעטען אייערע אינטערעסען.

וויאָזאָווניו האָט זיך צוערשט פערוואונדערט איבער אזא פּאָרשלאַג, אָבער, בעדענקט זיך, אַז אין פּאַריז האָט ער ניט קיין בעקאַנטע, האָט ער געדאַנקט דעם הערר פינאָשע, און געזאָגט, אַז ער וועט ערוואַרטען דעם לעיטענאַנט באַרבישאָן.

עס האָט לאַנג ניט געדויערט, און באַרבישאָן איז געקומען. ער האָט זיך ארויסגעוויזען פאַר א כוואַטסקען, טהעטיגען מענשען און האָט מיט אַזאַ ברען זיך גענומען צו פערטהיידיגען וויאָזאָווניג׳ס אינטערעסען, אַז אין א פּיער שעה שפּעטער איז דער אָרימער באָריס אַנדרעאיטש, וועלכער האָט אויף זיין לעבען ניט געהאַלטען קיין שווערד אין האַנד, שוין געשטאַנען אין רעכטען מיטען פון דער גרינער לאָנקע אין ווענסענסקען וואלד, מיט א שווערד אין האַנד, מיט פערקאַשערטע אַרבעל פון זיין העמד און אָהן א רעקעל, א צוויי טריט פון זיין אויסגעטאָנענעם געגנער. די ליכטיגע זון האָט בעלייכטעט די דאָזיגע סצענע.

וויאָזאָווניו האָט זיך פאַר קיין פּאַל ניט געקענט אָבגעבען קיין רעכענונג, ווי אזוי ער איז אַהער אריינגעפאַלען. „ווי נאַריש דאָס איז! ווי אונזיניג!” האָט ער ניט אויפגעהערט צו מורמלען פאַר זיך, און

ער האָט זיך פערשעהמט פאַר זיך אַליין, אַזוי ווי ער וואָלט אַנטהייל גענומען אין עפּעס אַ מיאוס'ער נאַרישער, שטיפעריי — און אַ פער־שעהמטער אין זיך פערשטיקטער שמייכעל איז ניט אַראָב ביי איהם פון דער נשמה, און די אויגען זיינע האָבען זיך ניט געקענט אָבריי־סען פון דעם נידעריגען שטערן, די קורץ געשאָרענע, שוואַרצע האָאָר פון דעם פראַנצויז, וועלכער איז געשטאַנען צוויי טריט פון איהם.

— פערטיג! — האָט זיך דערהערט אַ כאָרכלענדיגער קול: — פערטיג! — האָט אויסגעקוויטשעט אַ צווייטער.

דערר לעבאָיעף'ס פּנים האָט אָנגענומען ניט אַזוי אַ פערביסע־נעם, ווי אַ ווילדען אויסדרוק. וויאַזאָווניץ האָט אַ מאַך געטהאָן מיט'ן שווערד... (פינאַשע האָט איהם פערזיכערט, אַז דאָס וואָס ער קען ניט פעכטען, איז פאַר איהם נאָך אַ סך בעסער) פּלוצים איז געשעהן עט־וואָס אונגעוועהנליכעס עטוואָס האָט געטהאָן אַ טראַסק, אַ זעץ, האָט אַ בליץ געטהאָן — וויאַזאָווניץ האָט דערפיהלט אין זיין ברוסט, פון דער רעכטער זייט, די בעריהרונג פון עפּעס אַ קאַלטען, לאַנגען שטעכ־קען... ער האָט עס געוואָלט אָבשטופּען, זאָגען: „מען דאַרף ניט!" אָבער ער איז שוין געלעגען אויפ'ן רוקען און האָט געפיהלט עפּעס אַ מאָדנע, במעט קאָמישע עמפּפינדונג: ווי מען וואָלט איהם פון גאַנצען קערפּער אַ צאָהן געריסען... דערנאָך האָט די ערד גענומען שטיל, שטיל שווימען אונטער איהם... עס האָבען זיך דערהערט שטימען, זיי האָבען גערעדט וועגען די רעגעלען פון דעם דועל. און פּלוצים... בוך! אַלעס אַרום האָט גענומען פליהען און איז איינגעזונקען געוואָרען... „וויע־ראַטשקאַ!" האָט וויאַזאָווניץ נאָך קוים צייט געהאַט אַ טראַכט צו טהאָן מיט בענקעניש...

פאַרנאַכט האָט דער איבערגעבענער לעיטענאַנט איהם צוריקגע־בראַכט אין האָטעל און ביי דער נאַכט איז ער אויסגעגאַנגען. וויאַזאָוו־ניץ איז אַוועק אין יענעם לאַנד, פון וואַנען קיין רייזענדער האָט זיך נאָך ניט צוריקגעקעהרט. ער איז ניט געקומען צו זיך ביז'ן טויט און האָט נור צוויי מאָל ארויסגעמורמעלט: „איך וועל זיך גלייך אומקעה־רען... דאָס איז גאָרנישט... איצט צוריק אין דאָרף"...

אַ רוסישער גייסטליכער, וועלכען דער בעל הבית פון האָטעל, האָט געשיקט רופען, האָט וועגען דעם געלאָזט וויסען דעם רוסישען

קאָנסול — און אין צוויי טעג אַרום, איז דער אונגליקליכער צופאַל מיט דעם רוסישען רייזענדען שוין געשטאַנען אין אַלע צייטונגען.

שוועער און ביטער איז געווען פּיאָטער וואַסיליטש'ן איבערצוגע־בען וויעראָטשקאַ'ן איהר מאַן'ס בריעף; אָבער ווען צו איהם איז דער־גאַנגען די נאַכריכט וועגען וויאַזאָווניג'ס טויט, האָט ער זיך גאָר פער־לאָרען. מיכעי מיכעיאיטש איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט איבערגעלעזען די דאָזיגע נייעס אין צייטונג און גלייך איז ער צוזאַ־מען מיט אָנופרי איליטש'ן, מיט וועלכען ער איז שוין ווידער גוט פריינד געוואָרען, אוועקגעלאָפען צו פּיאָטער וואַסיליטש'ען. ער האָט נאָך אין פיהר־הויז אַ געשריי געטהאָן: — „וואָס זאָגט איהר צו אַזאַ אונגליק!” פּיאָטער וואַסיליטש האָט איהם לאַנג ניט געוואָלט גלוי־בען. ווען אָבער ער האָט שוין מעהר ניט געקענט צווייפלען, האָט ער אָבגעוואַרט אַ גאַנצען טאָג און איז אוועק צו וויעראָטשקאַ'ן. זיין פער־טרויערטער און דערשלאָגענער אויסזעהן, האָט איהר אַזוי דערשראָקען, אַז זי איז קוים איינגעשטאַנען אויף די פיס. ער האָט איהר געוואָלט פאָרבערייטען פאַר דעם אונגליק, אָבער די קרעפטען האָבען איהם פערלאָזען — ער האָט זיך געזעצט און דורך טרעהרען ארויסגעשטאַ־מעלט:

— ער איז געשטאָרבען, געשטאָרבען...

אַ יאָהר איז אוועק. פון די וואָרצלען פון אַן אָראָבגעהאַקטען בוים שפּראָצען ארויס נייע וואָרצלען, די טיעפסטע וואונד ווערט פער־היילט, דאָס לעבען פערגעהמט אַזוי דעם פּלאַץ פון'ם טויט, ווי דער טויט דעם פּלאַץ פון'ם לעבען און וויעראָטשקאַ'ס האַרץ האָט אויך ביסלאַכווייז אָבגערוהט און איז פערהיילט געוואָרען.

דערצו נאָך איז ניט וויאַזאָווניין געווען פון יענע מענשען, וועלכע מען קען אויף'ן לעבען ניט פערגעסען (און צו זיינען איבערהויפּט דאָ אַזעלכע מענשען?) און ניט וויעראָטשקאַ איז פעהיג געווען צו ווידמען איהר גאַנץ לעבען צו איין געפיהל (און צו זיינען דאָ אַזעלכע געפיה־לען?) זי האָט געהייראַטה מיט וויאַזאָווניין'ן ניט געצוואונגענערהייד און אָהן בעגייסטערונג, איז איהם טריי און איבערגעבען געווען, האָט זיך איהם אָבער ניט אָבגעגעבען אין גאַנצען, האָט וועגען איהם גע־

טרויערט מיט'ן גאנצען הארצען, אבער ניט משוגע... וואס דארף מען מעהר?

פיאטער וואסיליטש האט ניט אויפגעהערט צו פאהרען צו איהר; ער איז נאך ווי פריהער געווען איהר נעהנסטער פריינד, און דערפאר איז קיין וואונדער ניט, וואס בלייבענדיג איין מאל מיט איהר אליין, האט ער איהר ארייגעקוקט אין פנים און גאנץ רוהיג פארגעשלאגען איהר צו ווערען זיין פרוי.... זי האט א שמייכעל געטהאן און איהם אויסגעשטרעקט איהר האנד.

דאס לעבען זייערס נאך דער חתונה איז זיך ווייטער געגאנגען פונקט אזוי ווי פריהער: עס איז ניט געווען אין איהם וואס צו ענדערען פון יענער צייט אן איז שוין אוועק א יאהר צעהן. דער אלטער בארסוקאוו לעבט איצט מיט זיי צוזאמען און טהוט ניט איין טריט אהן זיינע אייניקלאך — ער האט זיי שוין דריי שטיק: צוויי מיידעלאך און איין איינגעל — און ווערט וואס א יאהר אלץ איינגער. מיט זיי, מיט די אייניקלאך, הייסט עס, רעדט ער אפילו, בעזונדערס מיט דעם קליינעם ווידליקעל, וועלכען מען האט לכבוד איהם א נאמען געבען סטעפאן. דער קליינער פלוט, א איינגעל מיט שווארצע אויגלאך און געקרויזטער האאר, ווייס גאנץ גוט, אז דער זיידע געהט נאך איהם אוים און ערלויבט דעריבער איהם איבערצומישען, ווי ער געהט ארום איבער'ן צימער און זאגט: „בראו, בראו!" די דאזיגע שטיפעריי רופט שטענדיג ארויס א פרעהליכען געלעכטער אין גאנצען הויז.

דער ארימער וויאזאוונין איז נאך ביז היינטיגען טאג נישט פערגעסען. פיאטער וואסיליטש עהרט זיין אנדענקען, רופט זיך וועגען איהם שטענדיג אב מיט א בעזונדערן געפיהל און ביי יעדער געלעגענהייט דערמאנט ער, אז אט דאס האט געליעבט דער זעליגער, אז ער האט געהאט אזא און אזא געוואהנהייט.

פיאטער וואסיליטש, זיין פרוי און זיין גאנצע הויזגעזינד פארברענגען די צייט פרידליך און רוהיג; זיי האבען הנאה פון דעם דאזיגען גליק.. ווייל קיין אנדער גליק איז אויף דער וועלט ניטא.

קלאַרא מיליטש

קלאַראַ מיליטש

אינ׳ם פריהלינג 1878־טען יאָהר האָט אין מאָסקווא אויף שאַבאַלאַווקע, אין אַ קליין הילצערן הייזעל, געוואוינט אַ יונגער מאַן פון אַ יאָהר פינף און צוואַנציג מיט׳ן נאָמען יאַקאָב אַראַטאָוו. מיט איהם האָט געוווינט זיינע אַ מוהמע, אַן עלטערע מיידעל פון אַ יאָהר פופציג, זיין פאָטער׳ס אַ שוועסטער, פּלאַטאָנידאַ איוואַנאָוונאַ. זי האָט געפיהרט זיין הויז־ווירטהשאַפט און זיינע אַלע הוצאות, צו וואָס אַראַטאָוו האָט לחלוטין ניט געטויגט. קיין אַנדערע קרובים האָט ער ניט געהאַט.

מיט עטליכע יאָהר צוריק האָט זיין פאָטער, ניט קיין רייכער גוטס־בעזיצער פון ט—ער גובערניע, אַריבערגעקליבען זיך קיין מאָסקווע צוזאַמען מיט איהם און פּלאַטאָנידאַ איוואַנאָוונאַ׳ן, וועלכע ער האָט, אגב, שטענדיג גערופען פּלאַטאָשאַ; דער פּלימעניק האָט זי אויך אַזוי גערופען. פערלאָזענדיג דאָס דאָרף, אין וועלכען זיי אַלע האָבען ביז אַהער שטענדיג געוואוינט, האָט דער אַלטער אַראַטאָוו זיך בעזעצט אין דער הויפּט שטאָדט מיט׳ן צוועק, אַריינצוגעבען זיין זוהן אין אוניווערסיטעט, צו וועלכען ער אליין האָט איהם פאָרגעברייט. ער האָט געקויפט פאַר ביליג אַ הייזעל איינער אויף פון די ווייטערע גאַסען און זיך דאָרט איינגעשטעלט מיט אַלע זיינע ביכער און „פּרעפּאַראַטען". און ביכער און פּרעפּאַראַטען האָט ער געהאַט אַ סך, ווייל ער איז געוועזן אַ מענש אַ געלעהרנטער... און „איבערנאַטירליכער אָריגינאַל" — ווי די שכנים פלעגען זאָגען. ער האָט ביי זיי זאָגאַר געקראָגען אַ שם פאַר אַ מכשף, אפילו אַ צו־נעמעניש האָט מען איהם געגעבען „איינסעקטען־בעאָבאַכטער". ער האָט זיך בעשעפטיגט מיט כעמיע, מינעראַלאָגיע, ענטאָמאָלאָגיע, באָטאַניק און מעדיצין; ער האָט פרייוויליג געהיילט קראַנקע מיט פערשיעדענע גראָזען און מעטאַלענע פּראָשקעס, וועלכע ער אליין האָט פערפערטיגט לויט פּאַראַצעלסעס מעטאָדע.

מיט די דאָזיגע פּראָשקעס האָט ער אריינגעטריבען אין קבר זיין יונגע שעהנע, נור שוין צו עדעלע פרוי, וועלכע ער האָט ליידענשאַפט־ליך געליעבט און פון וועלכער ער האָט געהאַט זיין איין איינציגע: זוהן. מיט דיזעלבע פּראָשקעס האָט ער אויך אַ היבש ביסעל געשעדיגט דעם געזונד פון זיין זוהן, וועלכען ער האָט געוואָלט קרעפטיגען, גע־פינענדיג אין זיין קערפּער אַ בלוט אָרעמקייט און אַ נייגונג צו שווינד־זוכט, גע'יערש'נט פון דער מוטער. דעם נאָמען „מכשף" האָט ער, אגב, געקראָגען דערפאר, ווייל ער אליין האָט זיך גערעכענט פאר אַן אור־אייניקעל — נאַטירליך ניט פון דור צו דור — פון דעם בעריהמטען ברינס, וואָס לכבוד זיין אַנדענקען טאַקי האָט ער אַ נאָמען געגעבען זיין זוהן יאַקאָב. אַ מענש איז ער געווען, וואָס מען רופט „אַ וואווילער" נור אַ כאַראַקטער האָט ער געהאַט אַ מעלאַנכאָלישען, אַ פערשלאָפע־נער, אַ שרעקענדיגער, ער איז געווען גענייגט צו אַלעס, וואָס איז גע־היימניספול, מיסטיש... אַ האַלב ארויסגעשעפּצעטער :—„אה!" איז געווען זיין געוועהנליכער אויסרוף; מיט דעם דאָזיגען אויסרוף איז ער אויך געשטאָרבען — צוויי יאָהר נאָכדעם, ווי זיי האָבען זיך אַריבער־געקליבען קיין מאָסקווע.

זיין זוהן יאַקאָב איז מיט זיין אויסערליכען אויסזעהן ניט עהנליך געווען צום פאָטער, וועלכער איז געווען ניט שעהן, אונגעשיקט און ניט ריהרעוודיג; ער איז גיכער עהנליך געווען צו זיין מוטער. דיזעלבע צאַרטע, ליעבע שטריכען, דיזעלבע ווייכע האָאר פון אש־קאָליר, דער־זעלבער קליינער אויסגעבויגענער נעזעל, דיזעלבע אַנגעשטעלטע קינ־דערשע ליפּעלאַך און גרויסע גרין־גרויע אויגען מיט געדיכטע ברעמען פערצוויגען. דערפאר איז ער מיט'ן כאַראַקטער עהנליך געווען צום פאָטערס, האָט געטראָגען אויף זיך דעם שטעמפּעל פון פאָטערס אויס־דרוק — און הענד האָט ער געהאַט צודרעהטע, און אַ ברוסט אַן איינגעפאלענע, ווי דער אַלטער אַראַטאָוו, וועלכען מען האָט, אגב, קוים געקאָנט אָנרופען אַלטער, ווייל ער האָט אפילו קיין פופציג יאָהר ניט דערצויגען. נאָך פאַר דעם פאָטערס לעבען איז יאַקאָב אריינגע־טראָטען אין אוניווערזיטעט אויפ'ן פהיזיש־מאַטעמאַטישען פאַקול־טעט; דאָך האָט ער זיין שטודיום ניט געענדיגט — ניט צוליעב פויל־קייט, נור דערפאר ווייל נאָך זיין מיינונג נאָך קען מען זיך אין אוני־ווערזיטעט ניט אויסלערנען מעהר, ווי אין דער היים, און נאָך קיין

דיפלאם האט ער זיך ניט געיאגט, ווייל ער האט זיך ניט געקליעבען צו פארנעהמען וועלכען ניט איז אמט. פון זיינע חברים האט ער זיך געהאלטען פון דער ווייטענס, כמעט מיט קיינעם פון זיי זיך ניט בעקאנט געמאכט; בעזונדערס האט ער אויסגעווייכט די פרויען, און האט געלעבט גאנץ איינזאם, אין גאנצען איינגעטהאן אין די ביכער. ער האט אויסגעווייכט די פרויען, כאטש א הארץ האט ער געהאט זעהר א צערטליכע און איז בעצויבערט געווארען פון אלעס, וואס איז שעהן... ער האט זיך זאגאר פערשאפט א פרעכטיגען, ענגלישען אלבאם — און (אה, שאנדע!) ער האט געקוואלען פאר נחת קוקענדיג אויף די „בעציהרענדע" בילדער פון געוויסע בעצויבערענדיגע באלעט־טענצערינס... אבער איהם האט שטענדיג איינגעהאלטען זיין איינגעבארענע שעהמעוודיגקייט... אין שטוב האט ער פערנומען דעם פאטערס פריהערדיגען קאבינעט, וועלכער איז געוועזען אויך זיין שלאף־צימער; און זיין בעט איז אויך געוועזען די אייגענע, אויף וועלכער זיין פאטער איז געשטארבען.

א גרויסע שטיצע און זיין לעבען, א אונפערבייטענדער חבר און פריינד, איז איהם געוועזען זיין מוהמע פלאטאשא, מיט וועלכער ער האט קוים אויסגערעדט צעהן ווערטער דורך׳ן טאג, נור אהן וועלכע ער וואלט ניט געקענט טהאן קיין איין טראט. דאס איז געוועזען א בעשעפעניש מיט א לאנגען פנים, מיט לאנגע צייהן, מיט בלאסע אויגען אויף א בלאס פנים, מיט א שטענדיגען אויסדרוק צי פון טרויער, צי פון פערזארגטען שרעק. תמיד אנגעטהאן אין א גרויען קלייד מיט א גרויען טוך. פון וועלכען עס האט זיך געטראגען א גערוך פון קאמפפער, האט זי ארומגעוואנדערט איבער׳ן שטוב, ווי א שאטען, מיט גאנץ שטילע טריט, וואס מען האט ניט געהערט, האט געזיפצט, געפרעפעלט תפילות, בעזאנדערס איינע, די בעליעבסטע תפילה איהרע, וואס איז אין גאנצען בעשטאנען פון צוויי ווערטער: „העלף, גאט!" — און האט זעהר טיכטיג געפיהרט די בעל הבית׳שטקייט, אפגעהיט יעדע קאפיקע און אלעס איינגעקויפט אליין.

דעם פלימעניק איהרען האט זי פערגעטערט, שטענדיג געזארגט פאר זיין געזונד — האט פאר אלעם מורא געהאט — ניט צוליעב זיך, נור צוליעב איהם — און ווי נור עס פלעגט זיך איהר עפעס אויסדאכטען, אזוי באלד פלעגט זי אין דער שטיל צוגעהן צו זיין שרייב־טיש

און אוועקשטעלען דארט א גלאז ברוסט־טהעע פאר איהם, אדער א גלעט טהאן איהם איבער'ן רוקען מיט איהרע הענד, ווייכע אזוי ווי וואטע.

איהר זארגען זיך פאר איהם איז יאקאב'ן ניט געווען צו לאסט, פונדעסטוועגען האט ער דעם טהעע ניט געטרונקען און בלויז א שאקעל געטהאן מיט'ן קאפ אלס צייכען פון צושטימונג. אגב, מיט'ן געזונד האט ער אויך זיך ניט געקענט בעריהמען. ער איז געווען זעהר איינ־דרוקספול, נערוועז, איינבילדענד, האט געליטען פון הארץ קלאפע־ניש און אמאל פון קורצען אטהעם; אזוי ווי זיין פאטער, האט ער אויך געגלויבט, אז אין דער נאטור און אין דער מענשליכער נשמה זיינען פאראן סודות, אן וועלכע מען קאן זיך אמאל אנשטויסען, אבער וועלכע מען קען ניט בעגרייפען; ער האט געגלויבט, אז עס זיי־נען פאראן געוויסע כוחות און גייסטער אמאל פריינדליכע, אבער נאך אפטער פיינדליכע.... און האט אויך געגלויבט אין דער וויסענשאפט, אין איהר ווערטה און וויכטיגקייט.

די לעצטע צייט האט ער זיך ליידענשאפטליך איבערגעגעבען צו פאטאגראפיע. דער גערוך פון די אלע מאטעריאלען, וועלכע ער האט בענוצט ביי דער דאזיגער ארבייט, האט שטארק בעאונרוהיגט די אלטע מוהמע'ן, ווידער אמאל טאקי, ניט ווייל זי האט מורא געהאט, אז דאס זאל שאדען איהר געזונד, נור יאשא'ס געזונד, זיין הארץ. נור מיט דער גאנצער ווייבער נאטור זיינער, איז ער געווען ניט קיין קליינער עקשן און ער האט בשום אופן ניט געוואלט ווארפען זיין בעליעבטע אר־בייט.

פלאטאנידא האט זיך אונטערגעגעבען און נור מעהר געזיפצט און געמורמעלט, ווי פריהער: „העלף, גאט!" קוקענדיג אויף זיינע פינגער, וואס זיינען איינגעריכט געווען אין יאד.

יאקאוו, ווי געזאגט, האט זיך געהאלטען ווייט פון חברים; דאך מיט איינעם פון זיי האט ער זיך בעפריינדעט גאנץ נאהענט און האט איהם אפט געזעהן אפילו נאכדעם, ווען דער דאזיגער חבר האט געענדיגט דעם אוניווערזיטעט און איז אנגעקומען אויף א שטעלע, ניט זעהר קיין פעראנטוואָרטליכע: ער האט, ריידענדיג מיט זיינע אייגענע ווערטער, „זיך צוגעשארט" צו דער געביידע פונ'ם ערלייזער'ס־

טעמפּעל, ניט האָבענדיג, נאַטירליך, דעם מינדעסטען בעגריף וועגען אַרכיטעקטור. און אַ מערקווירדיגע זאַך: אַט דיעזער איינציגער פריינד אַראַטאָוו'ס קופּפער, אַ דייטש, וועלכער האָט זיך אַזוי שטאַרק רוסי־פיצירט, אַז ער האָט שוין קיין וואָרט דייטש ניט געקענט, און דער עצם דייטש איז ביי איהם געווען אַ בעליידיגונגס־אויסדרוק, דיעזער פריינד האָט מיט איהם, דאַכט זיך, ניט געהאַט קיין שום געמיינשאַפט־ליכעס. דאָס איז געווען אַ שוואַרץ־געקרויזטער געזונדער יונג מיט רויטע באַקען, אַ פרעהליכער, אַ לעבעדיגער און אַ גרויסער ליעבהאָבער פון דער זעלבער פרויען־געזעלשאַפט, וועלכע אַראַטאָוו האָט אַזוי אויס־געמיעדען. אמת, קופּפער האָט אָפט ביי איהם געגעסען אי פריהשטיק, אי מיטאָג, — און אַלס מענש ניט קיין רייכער האָט ער אָפט געליהען ביי איהם קליינגעלד; אָבער ניט דאָס זיינען געווען די אורזאַכען, וואָס האָבען געצוואונגען דעם צולאָזענעם דייטשעל צו בעזוכען אַזוי פלייסיג דאָס קליינע הייזעל אויף שאַבאַלאָווקע. די גייסטיגע ריינקייט, דער אידעאַליזמוס יאַקאָוו'ס האָט איהם געצויגען, מעגליך אַלס געגענזאַץ דערפון, וואָס ער האָט יעדען טאָג געזעהן און בעגעגענט; — אָדער אפשר האָט אין דעם גופא, וואָס איהם האָט געצויגען צום אידעאַלען יאַקאָוו'ן, זיך ארויסגעצייגט זיין גערמאַנישע בלוט. און יאַקאָוו'ן איז געפעלען געווען קופּפער'ס גוטמוטיגע אָפענהערציגקייט; און אויסער־דעם האָבען זיינע ערצעהלונגען וועגען טהעאַטער, בעלעטער, קאָנצער־טען, פון וועלכע ער איז געווען אַ שטענדיגער בעזוכער, — בכלל, וועגען דער דאָזיגער פרעמדער וועלט, וואוהין יאַקאָב האָט ניט גע־וואגט איינצודרינגען — אין הארצען אינטערעסירט און זאַגאַר אויפגע־רעגט דעם יונגען פרוש, נים ערוועקענדיג אין איהם פון דעסטוועגען קיין חשק, צו בעקענען זיך מיט דעם אליין. אויך פּלאַטאשא האָט זיך גוט פערהאַלטען צו קופּפער'ן; אמת, אין איהרע אויגען איז ער אמת געווען צו חוצפה'דיג, נור פיהלענדיג און פערשטעהענדיג, אַז ער איז מיט אַן אמת צוגעבונדען צו איהר טהייערען יאשע'ן, האָט זי ניט נור געדולדעט דעם טומולדיגען גאַסט, נור האָט זיך פערהאַלטען צו איהם פריינדליך.

II.

אין דער דאָזיגער צייט, פון וועלכער מיר רעדען האָט זיך אין מאָסקווא געפונען אן אלמנה, א גרוזינישע פירסטין, אן אונבעשטימטע, כמעט פערדעכטיגע פערזענליכקייט. זי איז אַלט געווען א יאָהר פערציג, און אין דער יוגענד, וואהרשיינליך, האָט זי געבליהט מיט יענער בעזונדערער אָריענטאַלישער שעהנקייט, וואָס פערוועלקט זעהר גיך; איצט האָט זי זיך געפודערט, געשמינקט און געפארבט איהרע האָר אויף געל. וועגען איהר האָבען זיך ארומגעטראָגען פערשיעדענע ניט גאָר קיין שעהנע און קלאָהרע קלאַנגען; איהר מאַן האָט קיינער ניט געקאָנט — און אין קיין שטאָדט איז זי אויף לאַנג ניט פערבליעבען. קיין קינדער און קיין פערמעגען האָט זי ניט געהאַט; און געלעבט האָט זי פריי אויף געבאָרגט געלד אָדער אנדערש; זי האָט אויפגעהאַלטען, וואָס מען רופט א סאַלאָן און אויפגענומען ביי זיך א גאַנץ פערשיעדענארטיגע געזעלשאַפט — מעהרסטענטהיילס יונגע לייט. אַלעס אין איהר הויז, אנהויבענדיג פון איהר טואַלעט, מעבעל און מאָהלצייטען — און ענדיגענדיג מיט איהר קארעטע און דינערשאַפט — האָט אויף זיך געטראָגען א שטעמפעל פון ביליגקייט, נאָכגעמאַכטקייט און נור אויף א ווייל... אָבער די פירסטין אליין, און איהרע געסטע, האָבען, קאָנטיג, קיין בעסערס ניט פערלאַנגט. די פירסטין האָט א נאָמען געהאַט פאר ליעבהאָבערין פון מוזיק און ליטעראַטור, פאר א בעשיצערין פון ארטיסטען און מאהלער; און זי האָט זיך טאַקע ווירקליך אינטערעסירט מיט די „פראַגען" — ביז צו בעגייסטערונג — און די בעגייסטערונג איז געווען ניט אין גאַנצען קיין געמאַכטע. זי האָט געווים געהאַט אן עסטעטישען פונק אין זיך. דערצו איז זי געווען זעהר איינפאַך ביי זיך, האָט זיך ניט געקרימט און ניט געבלאָזען פון זיך און איז געווען — וואָס א סך האָבען פון איהר ניט ערווארטעט — פון דער נאַטור זעהר א גוטע, ווייכהערציגע און נאכזיכטיגע... מעלות זעלטענע, בעזונדערס ביי אזעלכע פערזאָנען.

— א פוסטע פרויענצימער! — האָט זיך וועגען איהר אויסגעדריקט איינער א חכם — און גן עדן וועט זי געווים האָבען! וויל זי איז אַלעס מוחל — וועט מען איהר אויך אַלעס מוחל זיין!

וועגען איהר האָט מען אויך דערצעהלט, אז ווען זי ווערט נעלם פון וועלכער עס איז שטאָדט — לאָזט זי נאָך זיך איבער אַזוי פיעל בעלי־חובות, וויפיעל מענשען עס זיינען דורך איהר געהאָלפען גע־וואָרען. אַ ווייך הארץ בויגט זיך אויף אַלע זייטען.

קופּפער, ווי מען האָט געקענט ערוואַרטען, איז געוואָרען אַן אריינגעהער צו איהר אין הויז — און האָט זיך מיט איהר גאַנץ נאָהענט בעפריינדעט... און ווי בייזע צינגער האָבען פערזיכערט—צו נאָהענט. ער אליין האָט וועגען איהר תמיד גערעדט ניט נאָר פריינד־ליך, נאָר אויך מיט אַכטונג; געריהרט זי אַלס גאָלדענע פרוי — וואָס מען זאָל דאָרט וועגען איהר ניט זאָגען! — און האָט ערנסט געגלויבט אין איהר ליעבע צו קונסט, און אין איהר פערשטעהן די קונסט!

און אַזוי איין מאָל אין אַ נאָכמיטאָג, ביי אראטאָוו'ן, שמועסענדיג וועגען דער פירסטין און איהרע בעלער, איז ער צוגעשטאַנען צו יאַ־קאָוו'ן, אַז ער זאָל כאָטש איין מאָל ברעכען זיין פערשלאָסענעם לעבען, און זאָל איהם, קופּפער'ן, ערלויבען פאָרצושטעלען איהם פאַר זיין פריינדין. יאַקאָוו האָט צוערשט אפילו ניט געוואָלט הערען דערפון.

— וואָס מיינסטו? האָט צום סוף אויסגעשריען קופּפער: — פון וואָס פאַר אַ פאַרשטעלען רעדט מען דאָ? פּשוט, איך וועל דיך נעהמען, ווי דו שטעהסט און געהסט, אין ראָק, און וועל דיך אוועקפיהרען צו איהר אויף אַן אָבענד. קיין בעזונדערע עטיקעטע,ברודער, איז דאָרט נישטאָ! דו ביזט אַ געלעהרטער, אי ליטעראַטור האָסטו ליעב, אי מוזיק (ביי אראטאָוו'ן אין צימער איז ווירקליך געשטאַנען אַ פּיאַ־נאָ, אויף וועלכער ער האָט ווען ניט ווען גענומען נידעריגע אקאָרדען) און ביי איהר אין הויז קענסטו פון די אַלע זאַכען געפינען איבער גענוג!... און מענשען וועסטו דאָרט אויך טרעפען סימפּאַטישע, אָהן פּרעטענזיעס!.. און שליסליך קאָן מען דאָך ניט אין דיינע יאָהרען מיט דיין אויסזעהן (אראטאָוו האָט אראָבגעלאָזען די אויגען און אַ מאַך געטהאָן מיט אַ האַנד) יאָ, מיט דיין אויסזעהן, אַזוי אויסמיידען געזעלשאַפט! איך פיהר דאָך דיך ניט צו גענעראַלען!.. אגב, איך אליין קאָן אויך ניט קיין גענעראַלען!... זיי ניט איינגעשפּאַרט, מיין ליעבער! טוגענד איז זעהר אַ גוטע, אַ בכבודיגע זאַך... נאָר צו־וואָס זאָל מען זיך אריינלאָזען אין אסקעטיזם? דו קלייבסט זיך דאָך ניט צו ווערען אַ מאָנאַך!

אראטאוו האָט זיך נאָך אַלץ געלאָזט בעטען; נאָר אונערוואַרטעט איז קופּפער'ן צוהילף געקומען פּלאַטאַנידאַ איוואַנאָוונאַ, כאָטש זי האָט ניט גוט פערשטאַנען, וואָס פּאַר אַ וואָרט דאָס איז: אַ סעקטיזם? דאָך האָט זי אויך אַנערקענט, אַז יאַשענקען וועט ניט שאַדען אַביסעל פערברענגען אין געזעלשאַפט, אַנקוקען מענשען, און לאָזען אויף זיך אַ קוק טהאָן, — איבערהויפּט — האָט זי צוגעגעבען: — מעג איך זיך פערלאָזען אויף פּיאָדאָר פּיאָדריטש'ן! אין קיין שלעכטען אָרט וועט ער דיך ניט פיהרען!...

— איך שטעל איך איהם צו אין זיין גאַנצער ריינקייט צוריק!

— האָט אויסגעשריען קופּפער, אויף וועלכען פּלאַטאַנידאַ איוואַנאָווּ-נאַ, האָט טראָץ איהר זיכערהייט, געוואָרפען אונרוהיגע בליקען, אַראַ-טאָוו איז געוואָרען רויט ביז די אויערען, נאָר גע'עקשנ'ט האָט ער זיך שוין מעהר ניט.

געענדיגט האָט זיך עס דערמיט, וואָס אויף מאָרגען האָט איהם קופּפער אָוועקגעפיהרט צו דער פירסטין אויפ'ן אַבענד. נאָר אַראַטאָוו איז דאָרט לאַנג ניט פערבליעבען, ערשטענס האָט ער דאָרט געפונען אַ מאָן צוואַנציג געסט, מענער און פרויען, גאַנץ סימפּאַטישע אפילו, אָבער דאָך פרעמדע; און דאָס האָט איהם געשטערט, כאָטש רעדען מיט זיי איז איהם אויסגעקומען זעהר ניט פיעל: און דערפאַר האָט ער זיך מעהר ווי פאַר אַלץ געשראָקען. צווייטענס, האָט די פירסטין זעלבסט געמאַכט אויף איהם ניט קיין גוטען איינדרוק, כאָטש זי האָט איהם אויפגענומען זעהר איינפאַך און פריינדליך. אַלעס אין איהר איז איהם ניט געפעלען געוואָרען: איהר געפּאַרבט פּנים, איהר געקינסטעלטע פריזור, איהר הייזעריגליך־זיסע שטימע, איהר קוויטשענדיג געלעכ-טער, איהר פערגלאָצען מיט די אויגען, איהר טיעפע דעקאָלטע און די פּוכיגע, גלאַנציגע פינגער מיט פיעלע רינגען!... פעררוקענדיג זיך אין אַ ווינקעל, האָט ער דאָ געוואָרפען שנעלע בליקען אויף אַלע געסט צוזאַ-מען, ניט אונטערשיידענדיג קיינע בעזונדערע געזיכטער, און דאָ האָט ער ווי פער'עקשנ'ט געקוקט אויף זיינע פיס. צום סוף, ווען אַ קינסט-לער, אַ גאַסט מיט אַ פער'שיכור'טען פּנים, לאַנגע האָאָר און מיט אַ פּענסנע אונטער'ן צוזאַמען געקנייטשטען ברעם, האָט זיך געזעצט ביי דער פּיאַנאָ און מיט אַ גוואַלד אַ קלאַפּ געבענדיג מיט די הענד איבער די קלאַווישען און מיט אַ פוס אויפ'ן פּעדאַל, האָט ער גענומען פּליס-

קען די פאנטאזיע פון ליסט נאך וואגנער'ן, האט שוין אראטאוו מעהר ניט געקאנט אויסהאלטען און זיך שטיל אבגעטראגען מיט א דונקלען און שווערען איינדרוק אויף דער נשמה, דורך וועלכען עס האט זיך דורכגעבראכען עטוואס אזוינס, וואס איז פאר איהם אליין געוועזן אונ־פערשטענדליך, נאר וויכטיג און זאגאר בעאונרוהיגענד..

III.

אויף מארגען איז קופפער געקומען צום מיטאג; ער האט אבער ניט פיעל גערעדט וועגען נעכטיגען אבענד, האט ניט אויפגעווארפען אראטאוו'ן, פאר וואס ער איז אזוי שנעל אנטלאפען — און נור בע־דויערט, וואס ער האט זיך ניט דערווארט אויפ'ן נאכט מאלצייט, ביי וועלכען מען האט דערלאנגט שאמפאניער! (א נאכגעמאכטען, מוזען מיר בעמערקען) קופפער, האט וואהרשיינליך, פערשטאנען, אז אומ־זיסט איז איהם איינגעפאלען אויפצומונטער'ן זיין פריינד — און אז אראטאוו איז א מענש, וועלכער פאסט זיך בשום אופן ניט צו אזא געזעלשאפט און אזא ארט לעבען. אראטאוו ווידער, האט אויך ניט גענומען ריידען ניט וועגען דער פירסטין און ניט וועגען דעם נעכטיגען אבענד. פלאטאנידא איוואנאוונא האט ניט געוואוסט צו זי זאל זיך פרייהען מיט דעם דורכפאל פון דעם ערשטען פערזוך, אדער זאל איהם בעדויערען? צום סוף איז זי געקומען צום בעשלוס, איז יאשא'ס גע־זונד וואלט געקענט ליידען פון אזעלכע פערגעניגענס און זי האט זיך בערוהיגט. קופפער איז אוועק באלד נאך מיטאג — און נאכדעם א גאנצע וואך זיך ניט געוויזען. און ניט חס ושלם, ווייל ער האט זיך געבלאזען אויף אראטאוו'ן, וואס זיין רעקאמענדאציע איז ניט געלונגען — אויף דעם איז דער גוטער דייטשעל גאר ניט פעהיג גע־ווען — נאר ער האט מסתמא געפונען עפעס א בעשעפטיגונג, וואס האט פערשלונגען זיין גאנצע צייט, אלע זיינע געדאנקען — און אפילו שפעטער, ווען ער האט זיך ווידער בעוויזען ביי די אראטאוו'ס האט ער אויסגעקוקט זעהר צושטרייט, האט ווייניג גערעדט און אין גיכען איז ער גאר פערשוואונדען...

אראטאוו האט ווייטער געפיהרט זיין לעבען ווי פריהער; נאר עפעס א מין שרייפעל, אויב מען קען זיך אזוי אויסדריקען, האט זיך איהם אריינגעזעצט אין דער נשמה. ער האט אלץ זיך אויף עפעס דער־מאנט, אליין ניט וויסענדיג אויף וואס — און דאס דאזיגע „עפעס" האט געהאט א צוזאמענהאנג מיט דעם אבענד, וואס ער האט פער־בראכט ביי דער פירסטין. דאך, ווידער זי בעזוכען האט ער ניט גע־וואלט און די געזעלשאפט, א טהייל פון וועלכער ער האט געזעהן ביי איהר אין הויז, האט איהם איצט אבגעשטויסען נאך מעהר ווי ווען עס איז. אזוי זיינען אוועק א וואך זעקס.

און איין מאל, א אין דער פריה, איז קופּפער ווידער פאר איהם ערשיענען, דיעזען מאל איז זיין פנים געווען אביסעל פערשעהמט — איך וויים — האט ער אנגעהויבען מיט א געצוואונגענעם געלעכטער — אז דיר איז ניט געפעלען געוואָרען דיין דאמאלסדיגער וויזיט; אבער דאך האף איך, אז דו וועסט איינגעהן אויף מיין פארשלאג... וועסט מיר ניט אבזאגען מיין בקשה!

— וואס פערלאנגסטו? — האט געפרעגט אראטאוו.

— פערשטעהסטו מיך — האט ווייטער גערעדט קופּפער ווע־רענדיג אלץ מעהר לעבעדיג — דא איז פאראן א געזעלשאפט פון קינסטלער, וועלכע אראנזשירט פון צייט צו צייט פארלעזונגען, קאנ־צערטען און זאגאר טהעאטער־פארשטעלונגען פאר וואהלטהעטיגע צוועקען...

— און די פירסטין בעטהייליגט זיך? — האט איהם איבער־געשלאגען אראטאוו.

— די פירסטין בעטהייליגט זיך אימער אין גוטע זאכען — אבער דאס מאכט ניט. מיר האבען אונטערנומען א ליטעראריש־מוזיקאלי־שען מארגען־קאנצערט... און אויף דעם דאזיגען קאנצערט קענסטו הערען א מיידעל... א אונגעוועהנליכע מיידעל! — מיר וויסען נאך ניט אויף זיכער צו איז זי א וויארדא, אדער א ראשעל?... ווייל אי זי זינגט פארטרעפליך, אי זי דעקלאמירט, אי זי שפּיעלט... א טאלאנט, ברודער מיינער, ערשטע קלאסע! איך איבערטרייב ניט א האר. — איז אלזא... וועסטו אפשר נעהמען א בילעט? די ערשטע רייהע קאסט פינף דאלאר.

— און פון וואַנען האָט זיך גענומען דיזע וואונדערבאַרע מי־דעל? — האָט געפרעגט אַראַטאָוו.

קופּפער האָט אַ שמייכעל געטהאָן.

— זעהסטו, דאָס קען איך דיר שוין ניט זאָגען... די לעצטע צייט האַלט זי זיך אויף ביי דער פירסטין. די פירסטין, מוזטו וויסען בע־שיצט אימער אַזעלכע... און דו האָסט זי, וואַהרשיינליך געזעהן יענעם אָבענד.

אַראַטאָוו האָט אַ ציטער געטהאָן — אין זיך, שוואַך... ער האָט אָבער גאָר ניט געזאָגט.

— זי האָט זאָגאַר געשפּילעט ערגעץ־וואו אויף דער פּראָווינץ — האָט ווייטער גערעדט קופּפער — און זי איז ווירקליך בעשאַפען פאַר'ן טהעאַטער. אָט, דו וועסט אַליין זעהן.

— ווי איז איהר נאָמען? — האָט געפרעגט אַראַטאָוו.

— קלאַרא...

— קלאַרא? — האָט ווידער איבערגעשלאָגען אַראַטאָוו — עס קען ניט זיין?

— פאַרוואָס קען ניט זיין? — קלאַרא... קלאַרא מיליטש; דאָס איז ניט איהר ריכטיגער נאָמען... אָבער אַזוי רופט מען זי. זינגען וועט זי גלינקא'ס אַ ראָמאַנס... און טשאַיקאָווסקי'ס, און דערנאָך וועט זי פאָרלעזען דעם בריעף פון „יעווגעני אָניעגין" — אַלזאָ? נעהמסטו אַ בילעט?

— און ווען וועט עס זיין?

— מאָרגען... מאָרגען, אום האַלב צוויי, אין אַ פּריוואַט זאַאַל, אויף אָסטאָזשענקע... איך וועל פאַרפאָהרען נאָך דיר. זאָל איך דיר געבען אַ פינף־רובעלדיגען בילעט?... אָט איז ער... ניין — דאָס איז אַ דריי רובעלדיגער — אָט. און דאָ איז אַ פּראָגראַם. איך בין איינער פון די אָנפיהרער.

אַראַטאָוו האָט זיך פערטראַכט. אין דער מינוט איז אריין פּלאַ־טאָנידא איוואַנאָוונאַ און, אריינגעקוקט איהם אין פּנים, האָט זי זיך פּלוצים דערשראָקען.

— יאַשאַ — האָט זי אַ געשריי געטהאָן — וואָס איז מיט דיר? פאַרוואָס ביזטו אַזוי צוטראָגען? פּיאָדאָר פּיאָדראָוויטש, וואָס אַזוינס האָט איהר איהם געזאָגט?

אָבער אראטאוו האָט ניט געלאָזען זיין פריינד ענטפערן אויף דער מוהמע'ס פראַגע — און ארויסגעכאַפּט אויף גיך דעם בילעט פון יענעמס הענד, האָט ער בעפעהלען פלאטאנידא איוואנאָוונאַ'ן צו בע־צאָהלען קופּפער'ן פינף רובעל.

יענע האָט זיך פערוואונדערט, אַ פינטעל געטהאָן מיט די אויגען... נור די געלד האָט זי דערלאנגט קופּפער'ן אָהן שום טענות. צו שטרענג האָט אויף איהר יאשענקא אַ געשריי געטהאָן.

— איך זאָג דיר דאָס איז אַ וואונדער פון וואונדערלאַנד! — האָט אויסגערופען קופּפער און זיך גענומען געהן צום טהיר — ער־ווארט מיך מאָרגען!

— זי האָט שווארצע אויגען? — האָט איהם נאָכגערופען אראַ־טאָוו.

— ווי קויל! — האָט פרעהלאַך אַ געשריי געטהאָן קופּפער און איז פערשוואונדען.

אראטאוו איז אוועק צו זיך אין צימער, און פלאטאנידא איוואַ־נאָוונאַ איז געבליעבען שטעהן אויפ'ן אָרט, מורמלענדיג אין דער שטיל: „העלף, גאָט! העלף, גאָט!"

IV.

דער גרויסער זאַאל אין דער פריוואט הויז אויף אסטארזשענקא איז שוין געווען האלב פול מיט געסט, ווען אראטאוו מיט קופּפער'ן זיי־נען אהין געקומען. אין דעם דאָזיגען זאַאל האָט מען ווען־ניט־ווען געגעבען טהעאטער פאָרשטעלונגען, אָבער היינטיגס מאָל האָט זיך דאָ ניט געזעהן ניט קיין דעקאָראַציאָנען און ניט קיין פאָרהאַנג. די גרינדער פון דעם מאָרגען־קאָנצערט האָבען זיך בענוגענט דערמיט, וואָס זיי האָבען אין איין עק זאַאל איינגעאָרדענט אַ ביהנע, האָבען אויף איהר אוועקגעשטעלט אַ פּיאַנאָ, אַ פּאָאָר נאָטען־טישלאַך, עטליכע שטוהלען, אַ טיש מיט אַ פלאַש וואסער און אַ גלאָז — און האָבען פארהאנגען מיט רויטען געוואַנט די טהיר, וועלכע האָט געפיהרט אין צימער, וואו די ארטיסטען האָבען זיך געפונען.

אין דער ערשטער רייהע איז שוין געזעסען די פירסטין אין א העלגרינער־קלייד; אראטאוו האט זיך געזעצט עטוואס וייטער פון איהר, זי קוים בעגריסענדיג. דאס פובליקום איז געווען, וואס מען רופט, א פערשיעדענארטיגע; מעהרסטענהיילס שטודירענדע יונגע לייט. קופפער אלס איינער פון די פעראנשטאלטער, מיט א ווייסען שלייף אויף זיין פראק איז ארומגעלאפען א פערהאוועטער און געארבייט אויף אלע כלים; די פירסטין איז, קאנטיג, געווען בעזארגט, האט זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטען, צו אלעמען געשמייכעלט, פארפיהרט א רייד מיט די שכנים... ארום איהר זיינען געזעסען בלויז מענער.

דער ערשטער אויף דער ביהנע האט זיך בעוויזען א פלעיטיסט מיט א שווינדזיכטיגען פנים און זעהר אויפמערקזאם דורכגעווארפען... ס'הייסט דורכגעפייפט א שטיק אויף עפעס א שווינדזיכטיגע; צוויי מענשען האבען א געשריי געטהאן: „בראווא!” דערנאך איז ארויף איינער א דיקער הערר אין ברילען מיט זעהר אן ערנסטען, סאלידען אויסזעהן און האט מיט א באסאווער שטימע פארגעלעזען א סקיצע פון שצעדרין; דער עולם האט אפלאדירט דער סקיצע, ניט איהם. — דערנאך האט זיך בעוויזען א פיאניסט, וועלכער איז שוין פון פריהער בעקאנט געווען אראטאוו'ן — און האט דורכגעטרעמבעוצט די זעלבע פאנטאזיע פון ליסט'ן; דער פיאניסט האט אויסגענומען און מען האט איהם ארויסגערופען. ער האט זיך פערנייגט, אנשפארענדיג זיך אן פארענץ פון שטוהל, און נאך יעדען נייג האט ער א טרייסעל געטהאן מיט'ן קאפ גאר אזוי ווי ליסט! צום סוף, נאך א היבשער פויזע, האט דאס רויטע געוואנט אויפ'ן טהיר הינטער דער ביהנע זיך גענומען בעוועגען, צושפרייט זיך — און עס איז ערשיענען קלארא מיליטש. דער זאאל איז פערהילכט געווארען פון אפלאדיסמענטען. מיט אונזיכערע טריט איז זי צוגעאנגען צו דעם פאדערשטען טהייל פון דער ביהנע, האט זיך אבגעשטעלט און געבליעבען שטעהן אונבעוועגליך מיט צוזאמענגעלעגטע גרויסע, שעהנע הענד אהן האנד שוה, ניט גריסענדיג, ניט א נויג טהאנדיג מיט'ן קאפ און ניט שמייכלענדיג.

דאס איז געווען א מיידעל פון א יאהר ניינצעהן, א הויכע, מיט עטוואס ברייטע שולטער'ן, אבער שעהן געבויט. דאס פנים, א דונקעל'ס עהנליך צו א אידישען אדער ציגיינערשען, אויגען ניט קיין גרויסע, שווארצע אונטער דיקע, כמעט צוזאמענגעוואקסענע ברעמען,

דער נאָז א גלייכער, אביסעלע פעררִיסען, דינע ליפּען מיט א שעהנעם, אָבער זעהר שארפען אויסבויג, א גרויסער, שווארצער צאָפּ, וועלכער זעהט אויס שווער אפילו אויפ'ן קוק, א נידעריגער אונבעוועגליכער, ווי פון שטיין, שטערן, קלייניגקע אויערען... דאָס גאַנץ פּנים פערטראכט, כמעט בייז. א נאטור אַ ליידענשאפטליכע, מיט א שטארקען ווילען — און אפשר ניט גאָר קיין גוטע, אפשר ניט גאָר קיין קלוגע — אָבער אז זי איז א בעגאבטע — האָט זיך ארויסגעזעהן אין אלעמען.

א געוויסע צייט האָט זי ניט אויפגעהויבען די אויגען, נור פּלוצים האָט זי זיך א כאפּ געטהאָן און געוואָרפען איבער די רייהען צו שויער איהר דורכדרינגליכען, צושטרייטען, ווי אין זיך פערטיעפטען בליק...

— וואָס פאר א טראגישע אויגען זי האָט! — האָט באמערקט הינטער אראטאָוו'ן א געוויסער גרוי־האָריגער פאט מיט א פּנים פון א דייטשער קאָקעטקע, א בעוואוסטער מיטארבייטער פון א מאָסקווער צייטונג און א מענש וואָס ווייס אלץ בכלל... דער פאט איז געווען א נאר און האָט געוואָלט זאָגען א נארישקייט... אָבער געזאָגט האָט ער אַן אמת! אראטאוו, וועלכער האָט די גאַנצע צייט פון איהר די אויגען ניט אראָבגענומען, האָט זיך ערשט איצט דערמאָנט, אז ער האָט זי ווירקליך געזעהן ביי דער פירסטין; און ניט נור האָט ער זי געזעהן, ער האָט זאָגאר בעמערקט, אז זי האָט עטליכע מאָל מיט א בעזונדערער איינגעשפּארטקייט געקוקט אויף איהם מיט איהרע דונקעלע, דורכדרינגליכע אויגען. און אויך איצט... אָדער האָט זיך עס איהם נור אויסגעוויזען? — דערזעהענדיג איהם אין דער ערשטער רייהע האָט זי זיך אזוי ווי דערפרעהט, דאכט זיך רויט געוואָרען — און ווידער פער'עקשנט אויף איהם א קוק געטהאָן. דערנאָך האָט זי ניט אומקעהרענדיג זיך אָבגעטראָטען א פּאָאר טריט אין דער ריכטונג פון דער פּיאנאָ, נעבען וועלכער עס איז שוין געזעסען איהר אקאָמפּאניאטאָר, אַן אויסלענדער מיט לאַנגע האָאָר.

איהר איז אויסגעקומען צו זינגען גלינקא'ס ראָמאנס: „ווי נור איך האָב דיך דערקענט”... זי האָט גלייך גענומען זינגען, ניט בעוועגענדיג מיט די הענד און ניט קוקענדיג אין די נאָטען. א שטימע האָט זי געהאט א קלינגענדע און א ווייכע — א קאָנטראלטאָ — די ווער־

טער האָט זי ארויסגעבראַכט דייטליך און שטאַרק, געזונגען האָט זי איינטאָניג, אָן שאַטירונגען, אָבער זעהר אויסדרוקספול.

— מיט איבערצייגונג זינגט דאָס מיידעל! — האָט געזאָגט דערזעלבער פּאַט, וועלכער איז געזעסען הינטער אראַטאָוו'ן — און האָט ווידער געזאָגט אַן אמת. — די געשרייען: ביז! בראַוואָ! — האָבען זיך געהערט פון אַלע זייטען — אָבער זי האָט געוואָרפען אַ שנעלען בליק אויף אראַטאָוו'ן, וועלכער האָט ניט געשריען און ניט אַפּלאָדירט — איהם איז ניט בעזונדערס געפעלען געוואָרען איהר זינגען — האָט זיך לייכט פערנייגט און איז אוועק ניט אנעהמענדיג דעם אויסגעשטרעקטען אָרעם פון דעם לאַנג־האָאָריגען פּיאַניסט. דאָס פּובליקום האָט זי ארויסגערופען... נור זי איז ניט גלייך ארויסגעקומען; מיט די זעלבע אונענטשלאָסענע טריט איז זי צוגעגאַנגען צו דער פּיאַנאָ, — און אַ שעפּטשע געטהאָן אַ פּאָאַר ווערטער דעם אַקאָמפּאַניאַטאָר, וועלכען עס איז אויסגעקומען אומצובייטען די צוגעגרייטע נאָטען אויף אַנדערע — האָט זי אָנגעהויבען טשאַיקאָווקי'ס ראָמאַנס: „נאָר יענער, וואָס האָט געפיהלט פון זעהנזוכט דעם דורשט"... דיזען ראָמאַנס האָט זי געזונגען אַנדערש ווי דעם ערשטען — מיט האַלבע טענער, ווי זי וואָלט מיעד געווען... און נור ביים לעצטען פערז: „וועט פערשטעהן, ווי איך האָב געליטען" — האָט זיך ביי איהר ארויסגעריסען אַ קלינגענדיג הייס געשריי די לעצטע ווערטער „און ווי איך לייד"... האָט זי כמעט ווי ארויסגעשעפּצעט אויסציהענדיג אומעטיג דעם לעצטען וואָרט.

דער דאָזיגער ראָמאַנס האָט געמאַכט אַ קלענערען איינדרוק אויף דאָס פּובליקום, ווי גלינקאַ'ס, אָבער אַפּלאָדירט האָט מען פיעל... אי־בערהויפּט האָט זיך דאָ אויסגעצייכענט קופּפער: צונויפגעלייגט ביי יעדען קלאַפּ די הענד אויף עפּעס אַ בעזונדער אופן, ווי אַ פּעסעל, האָט ער ארויסגעבראַכט אַן אונגעוועהנליך הילכענדיג קלאַנג. די פירסטין האָט איהם דערלאַנגט אַ גרויסען צושויבערטען בוקעט, אַז ער זאָל דאָס איבערגעבען דער זינגערין; נור יענע האָט אַזוי ווי ניט בעמערקט קופּפער'ס אויסגעבויגענעם קערפּער, זיין האַנד, וואָס איז געווען צו איהר אויסגעשטרעקט מיט'ן בוקעט, האָט זיך אומגעקעהרט און איז אוועק, ווידער אַמאָל ניט וואַרטענדיג אויף דעם פּיאַניסט, וועל־כער איז נאָך שנעלער, ווי פריהער אויפגעשפּרונגען צו בעגלייטען זי

— און געבליבען אויף אזא אופן מיט גאָרנישט, האָט ער אזוי א טרויי־סעל געטהאָן מיט די האָאר, אז ליסט אליין האָט וואהרשיינליך קיין מאָל אזוי ניט א טרייסעל געטהאָן!

די גאַנצע צייט פון'ם זינגען, האָט אראטאוו בעטראכט קלאַרא'ס געזיכט. און איהם האָט זיך געדאכט, אז איהרע אויגען דורך די פער־זשמורעטע ברעמען זיינען ווידער אמאָל געווען געריכטעט אויף איהם; נאָר גאַנץ בעזונדערס האָט איהם איבערראשט די אונבעוועגליכקייט פון דעם דאָזיגען פנים, דעם שטערן, די ברעמען — און נאָר ביי דעם לעצטען ליידענשאפטליכען אויסגעשריי האָט ער בעמערקט, ווי דורך די עטוואָס געעפענטע ליפען האָט ווארעם א בליץ געטהאָן א רייהע וויסע געדיכט געזעצטע צייהן.

קופפער איז צו איהם צוגעקומען.

— נו, וואָס ברודער, ווי געפעהלט דיר עפּעס איהר זינגען?

— האָט ער געפרעגט אין גאַנצען שיינענדיג פון פערגעניגען.

— א שטימע האָט זי א גוטע — האָט געענטפערט אראטאָוו — אָבער זינגען קען זי נאָך ניט, עס פעהלט איהר שוהלע. (פארוואָס ער האָט עס געזאָגט און וואָס פאר א בעגריף האָט ער אליין געהאַט וועגען דער „שוהלע" — וויים איין גאָט אין הימעל!)

קופפער האָט זיך פערוואונדערט — קיין שוהלע נישטאָ — האָט ער איבערגע'חזר'ט, אויסציהענדיג די ווערטער... — נו דאָס מאכט ניט... זי קאָן זיך נאָך צולעהרנען. דערפאר וואָס פאר א נשמה! ווארט אוים: דו וועסט זי הערען אין טאטיאנא'ס בריעף.

ער איז אוועקגעלאָפען פון אראטאָוו'ן — און יענער האָט א טראכט געטהאָן:

„א נשמה! מיט דיזען אונבעוועגליכען פנים!" איהם האָט זיך געדאכט, אז איהר האַלטען און בעוועגען זיך איז ווי פון א מאַגנע־טיזירטער, פון א נאכטוואנדלערין. — אין דער זעלבער צייט האָט זי אָהן צווייפעל... יאָ! קיין צווייפעל, אז זי קוקט אויף איהם.

דער מאָרגען־קאָנצערט איז זיך דערווייל אָנגעגאַנגען. דער די־קער הערר אין די ברילען איז ווידער אמאָל ערשיענען; ניט קוקענדיג אויף זיין ערנסטען אויסזעהן, האָט ער זיך געהאַלטען פאר א קאָמי־קער — און פאָרגעלעזען א סצענע פון גאָגאָל'ן, ניט ארויסרופענדיג דאָס מאָהל קיין איין אפּלאָדיסמענט. עס האָט זיך ווידער א מיניע גע־

טאָן דער פּלעטיסט; און ווידער האָט געטרעבענצט דער פּיאַניסט; אַ צוועלף־יאָהריג אינגעל, אַן אויסגעפּוצטער און געקרייזעלטער, נאָר מיט צייכענס פון טרעהרען אויף די באַקען, האָט עפּעס אויסגעפּידעלט אויף דער פּידעל. עס איז געווען עפּעס מאָדנע, וואָס צווישען יעדען מאָל שפּיעלען און פּאָרלעזען האָט זיך פון קינסטלער־צימער געהערט אָבגעהאַקטע טרעלען פון אַ פּיאָל; און דעם דאָזיגען אינסטרומענט האָט מען אַזוי ביז'ן סוף ניט געוויזען פאַר דאָס פּובליקום. שפּעטער האָט זיך ארויסגעוויזען, אַז דער קינסטלער, וועלכער האָט זיך אונטערגענומען צו שפּיעלען אויף איהם, האָט ביים סאַמע ארויסטריט פערלאָרען דעם קוראַזש. נאָר אָט, איז ענדליך ווידער ארויס קלאַראַ מיליטש.

זי האָט געהאַלטען אין האַנד אַ באַנד פון פּושקין; נור בעת דעם לעזען האָט זי קיין איין מאָל אין איהם ניט אַריינגעקוקט... ס'איז קענטיג געווען, אַז זי שרעקט זיך; דאָס קליין ביכעל האָט לייכט געציטערט אין איהרע פינגער. אראַטאַוו האָט אויך בעמערקט אַן אויסדרוק פון אומעט, וואָס איז איצט צוגאָסען געווען איבער אַלע איהרע שטרענגע שטריכען. דעם ערשטען פערז: „איך שרייב צו אייך... וואָס דאַרף מען מעהר?" — האָט זי ארויסגעבראַכט זעהר איינפאַך, כמעט נאַאיוו — און מיט אַ אונשולדיגער אָפּענהערציגער און הילפלאָזער בעוועגונג האָט זי אויסגעשטרעקטביידי הענד אין פאָראויס. דערנאָך האָט זי זיך גענומען אַביסעל איילען; נאָר שוין אָנהויבענדיג פון די פערזען: „אַן אַנדערער! ניין! קיינעם אין דער וועלט וואָלט איך ניט אָבגעגעבען דאָס האַרץ מיינס!" — האָט זי זיך בעהערשט, איז לעבעדיגער געוואָרען — און ווען זי איז געקומען צו די ווערטער: „מיין גאַנץ לעבען איז געווען אַ צייכען פון טרייהייט צו דיר" האָט איהר ביז אַהער גאַנץ דומפּפער קול גענומען קלינגען בעגייסטערט און דרייסט — און איהרע אויגען האָבען זיך אויך אַזוי מוטיג און דרייסט איינגעגעסען אין אראַטאַוו'ן. מיט דערזעלבער בעגייסטערונג האָט זי ווייטער געלעזען — און נור צום סוף איז איהר שטימע ווידער שוואַכער געוואָרען, און אין איהר און אויפ'ן פּנים האָט זיך אָבגעשפּיעגעלט דער פריהערדיגער אומעט. די לעצטע עטליכע פערזען האָט זי אין גאַנצען, וואָס מען זאָגט אַראָבגעשלונגען — דאָס ביכעל האָט זיך ארויסגעגליטשט פון איהרע הענד.. און זי איז שנעל אַוועק.

דאָס פובליקום האָט גענומען שטאַרק אַפּלאָדירען, ארויסרו־פען... איין סעמינאַריסט פון דרום־רוסלאַנד האָט אַזוי שטאַרק גע־שריען „מיליאטש! מיליאטש!” אַז זיין שכן האָט געמוזט אויף אַן עדעלען אופן בעטען איהם, אַז: „אַז ער זאָל רחמנות האָבען אויף דעם צוקונפטיגען קירכען־זינגער, וואָס דאַרף פון איהם ארויסקומען!” אָבער אַראַטאָוו האָט זיך גלייך אויפגעהויבען און איז אַוועק צום טהיר. קופּפער האָט איהם נאָכגעיאָגט... „וואָס איז מיט דיר, וואוהין לויפסטו? —האָט ער איהם געפרעגט:—ווילסט, וועל איך דיך פאָרשטעלען פאר קלאַרא'ן? — ניין, איך דאַנק — האָט אראטאוו האסטיג געענטפערט און כמעט גענומען לויפען אהיים.

V.

מערקווירדיגע, איהם אליין אונקלאָהרע עמפּפינדונגען האָבען איהם בעאונרוהיגט. דעם אמת געזאָגט איז איהם קלאַראַס פּאָרלעזען אויך ניט שטאַרק געפעלען... כאָטש ער האָט זיך ניט געקענט אָבגעבען קיין רעכענונג. פאַר וואָס אייגענטליך? דאָס דאָזיגע פּאָרלעזען איהרס האָט איהם בעאונרוהיגט; עס האָט איהם אויסגעוויזען האַרט און ניט האַרמאָניש... דאָס האָט אין איהם ווי עפּעס צושטערט, דאָס איז גע־ווען עפּעס אַ מין געוואַלד טהאַט איבער איהם. און יענער דורכדרינ־גענדע, כמעט פרעכע בליקען... וואָס האָבען זיי געמיינט? וואָס בע־דייטען זיי?

דער בעשיידענער אראטאוו האָט אויף קיין אוגענבליק ניט צור־געלאָזען דעם געדאַנק, אַז ער האָט געקאָנט געפעלען ווערען יענער מאָדר־נער מיידעל, און ערוועקען אין איהר אַ געפיהל פון ליעבע אָדער ליי־דענשאַפט! און ער אליין האָט זיך גאָר אַנדערש פאָרגעשטעלט יענע אונבעקאַנטע פרוי, יענע מיידעל, וועמען ער וועט זיך אין גאַנצען אָבגעבען, וועלכע וועט איהם אויך ליעבען און ווערען זיין כלה, זיין פרוי... ער האָט זעלטען געטרוימט וועגען דעם; ער איז געווען אונשול־דיג און ריין מיט'ן קערפּער און מיט דער נשמה; נאָר דער ריינער בילד, וועלכער האָט דעמאָלט געשוועבט פאַר זיינע געדאַנקען איז געווען

ארויסגערופען פון אַן אַנדער בילד, פונ'ם בילד פון זיין זעליגער מו־טער, וועלכער ער האָט קוים געדענקט, אָבער וועמעס בילד ער האָט גע־היט, ווי אַ הייליגטהום. דאָס דאָזיגע בילד איז געווען געמאָהלען פין אַ פריינדין, אַ שכנה מיט וואסער פארבען, נור זיין עהנליכקייט, ווי אַ־ע האָבען געזאָגט, איז געווען צו בעוואונדער'ן. אַזאַ צאַרטען פראָפיל, אַזעלכע גוטע, ליכטיגע אויגען, אַזעלכע זיידענע האָאר, אַזאַ שמייכעל, אַזאַ ליכטיגען אויסדרוק אויפ'ן פּנים האָט געדארפט בעזיצען יענע פרוי, יענע מיידעל, אויף וועלכער ער האָט נאָך ניט געוואגט צו ווארטען...

און דיעזע שווארצע, דונקעלע, מיט גראָבע האָאר, מיט וואנ־צעלאָך אויף די ליפּען, זי איז געווים ניט קיין גוטע, אַ משוגענע... — „אַ ציגיינערקע" (אראטאוו האָט קיין ערגערן אויסדרוק ניט גע־קענט געפינען) וואָס פאר אַ מחותן איז זי מיט איהם?

און פון דעסטוועגען האָט אראטאוו בשום אופן ניט געקענט פער־טרייבען פון זיינע געדאנקען די דאָזיגע שווארצע ציגיינערקע, וועמעס זינגען, פאָרלעזען און איהר גאַנצער אויסזעהן האָבען איהם ניט אָנגעהויבען צו געפעלען. ער האָט עס ניט געקענט פערשטעהן, איז גע־ווען אין כעס אויף זיך אליין.

מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט ער געלעזען וואַלטער סקאָט'ס אַ ראָמאַן: „סען רענאַנס קוואלען" (אַלע ווערק פון וואַלטער סקאָט האָבען זיך געפונען אין זיין פאָטער'ס ביבליאָטהעק, וועלכער האָט געזעהן אין דעם ענגלישען ראָמאַניסט אַן ערנסטען, כמעט וויסענ־שאפטליכען שריפטשטעלער) די העלדין פון דעם דאָזיגען ראָמאַן האָט געהייסען קלאַראַ מאָבראַיי. קראַסאָוו, אַ פּאָעט פון די פערציגער יאָה־רען האָט וועגען איהר אָנגעשריעבען אַ געדיכט, וועלכע האָט זיך גע־ענדיגט מיט די פאָלגענדע ווערטער:

אונגליקליכע קלאַראַ! וואהנזיניגע קלאַראַ!
אונגליקליכע קלאַראַ מאָבראַיי!

אראטאָוו'ן איז דאָס געדיכט אויך געווען בעקאַנט... און איצט זיינען איהם נאַכאַנאַנד געקומען אויף די געדאַנקען יענע ווערטער... „אונגליקליכע קלאַראַ! וואהנזיניגע קלאַראַ!" (דערפאר האָט ער זיך אַזוי פערוואונדערט, ווען קופּפער האָט איהם דאן אָנגערופען קלאַראַ מיליטש).

אפילו פלאטאשא האט בעמערקט — ניט, אז יאקאוו'ס שטימונג זאל זיך ענדערען — אין איהם איז אייגענטליך קיין ענדערונג ניט פארגעקומען, — נור עפעס איז ניט אזוי זיין קוק, זיין רעדען. זי האט איהם פארזיכטיג אויסגעפרעגט וועגען דעם מארגען־קאנצערט, וועלכען ער האט בעזוכט; זי האט עפעס געשעפצעט, אבגעזיפצט זיך, בעקוקט איהם פון פארענט, פון די זייטען, בעקוקט איהם, פון הינטען און פלוצים א פאטש געטהאן זיך מיט די הענד אן די זייטען, האט זי אויסגערופען: — נו, יאשא, איך פערשטעה שוין וואס די מעשה איז!

— וואס איז? — האט געפרעגט אראטאוו.

— דו האסט אודאי אויף יענעם קאנצערט געטראפען וועמען עס איז פון די וויידעל־טראגערקעס (אזוי האט פלאטאנידא איוואנאוונא גערופען אלע פרויען, וואס האבען געטראגען מאדערנע קליי־דער...) מיט א שעהן פנים'ל, וואס קרימט זיך אט אזוי, און ורעהט זיך אט אזוי (פלאטאשא האט דאס אלץ נאכגעמאכט) און אט אזעלכע חן'דלאך מאכט זי מיט די אויגען (אויך דאס האט פלאטאשא אי־ברעגעקרימט) און דיר, וועלכער איז דערצו ניט געוועהנט האט זיך שוין אודאי געדאכט, אז... אבער דאס איז גארנישט יאשא... גאר־ר־ני־שט! טרינק זיך אן מיט טהעע פאר'ן שלאף.. און א סוף!... גאט, העלף!

פלאטאשא איז אנשוויגען געווארען און אוועק.. צייט זי לעבט האט זי נאך ניט געהאלטען אזא לאנגע און לעבעדיגע רעדע... און אראטאוו האט א טראכט געטהאן: די מוהמע איז, דאכט זיך, גערעכט... דאס איז טאקע, ווייל איך בין ניט געוועהנט דערצו... (עס איז ווירק־ליך געוועזען דאס ערשטע מאל, וואס ער האט געצויגען אויף זיך די אויפמערקזאמקייט פון א פרויענצימער... יעדענפאלס האט ער עס ביז אהער קיין מאל ניט בעמערקט) מען דארף זיך ניט נאכגעבען.

און ער האט זיך גענומען צו זיינע ביכער — און צו דער נאכט האט ער זיך אנגעטרונקען מיט ברוסט־טהעע — און האט אפילו גוט געשלאפען די גאנצע נאכט — און קיין חלומות ניט געהאט. אויף מארגען אין דער פריה האט ער זיך ווידער גענומען צו זיין פאטאג־ראפישע ארבייט, אזוי ווי קיין זאך וואלט מיט איהם ניט פאסירט.

אָבער אַרום פאַרנאַכט צייט איז זיין גייסטיגע רוה ווידער צו־שטערט געוואָרען.

VI.

און אָט וואָס האָט פּאַסירט: אַ שליח האָט איהם געבראַכט אַ צעטעלע מיט פאָלגענדען אינהאַלט, געשריעבען ניט ריכטיג און מיט אַ גרויסער פרויען־האַנדשריפט:

„אויב איהר שטויסט זיך אָן, ווער דאָס שרייבט צו אייך און אויב דאָס איז אייך ניט לאַנגווייליג, דאַן קומט מאָרגען, נאָכמיטאָג אויף דעם טווערסקען בולוואר — אַרום פינף אַ זייגער — און וואַרט! מען וועט אייך דאָרט ניט לאַנג פערהאַלטען. אָבער עס איז זעהר וויכטיג. קוממ״.

קיין אונטערשריפט איז ניט געווען. אַראַטאָוו האָט גלייך געטראָ־פען, ווער די דאָזיגע שרייבערין איז — און דאָס האָט איהם טאַקע אויפגעבראַכט. „וואָס פאַר אַן אונזין!״ — האָט ער כמעט אין דער הויך אַרויסגערעדט. — דאָס האָט נאָך געפעהלט. עס פערשטעהט זיך, אַז איך וועל ניט געהן!״

ער האָט פון דעסטוועגען געהייסען אַריינרופען דעם שליח, פון וועלכען ער האָט נור ערפאַהרען, אַז דאָס צעטעלע האָט איהם איבער־געגעבען אַ דיענסט־מיידעל, אין גאַס. אַוועקגעזעצט זיך, האָט אַראַטאָוו ווידער איבערגעלעזען דעם בריעף און אַ וואָרף געטהאָן איהם אויף דער ערד... נאָר אין אַ ווײַלע אַרום, האָט ער איהם צוריק אויפגע־הויבען און ווידער געלעזען; נאָך אַ מאָל האָט ער אויסגערופען: אונ־זין! — אָבער אויף דער ערד האָט ער שוין דעם בריעף ניט געוואָר־פען, נור בעהאַלטען איהם אין טיש־קעסטעל.

אַראַטאָוו האָט זיך גענומען צו זיינע געוועהנליכע בעשעפטי־גונגען, דאָ פאַר איינער און דאָ פאַר אַ צווייטער, אָבער די הענד האָ־בען זיך איהם ניט געלעגט צו דער אַרבייט און עס איז גאָר ניט אַרויסגעקומען. ער האָט זיך פּלוצים געכאַפּט, אַז ער ערוואַרט קופ־פער'ן! צו האָט ער איהם געוואָלט עפּעס פרעגען, צו איהם אפשר

גאר עפעס דערצעהלען... נור קופפער איז ניט געקומען. דערנאך האט אראטאוו געמומען פושקין'ען, האט איבערגעלעזען טאטינא'ס בריעף און זיך ווידער איבערצייגט, אז יענע „ציגיינערקע" האט אפילו ניט פערשטאנען דעם ריכטיגען זין פון דעם דאזיגען בריעף און קופפער־דער לץ שרייט: ראשעל! וויארדא! דערנאך איז ער צוגעגאנגען צו דער פיאנא, האט ווי מעכאניש אויפגעהויבען דעם דעקעל, און זיך געפרובט דערמאנען אויף אויסענווענדיג טשאיקאווסקי'ס ראמאנס; אבער אין דעם זעלבען מאמענט האט ער מיט פערדרוס צוריק פער־קלאפט די פיאנא און איז אוועק צו דער מוהמע'ן, אין איהר בעזונ־מיאטנע און אנדערע הייל־גראזען, און מיט אזוי פיעל טעפיכער, דערען אימער אנגעהייצטען צימער, מיט דעם אייביגען גערוך פון עלמערלאך, ביינקעלאך, קישעלאך און נאך פערשיעדענע מעבעל, אז א פרעמדען ניט געוועהנטען מענשען איז ענג זיך א קעהר צו טהאן און שווער צו אטהעמען.

פלאטאנידא איוואנאוונא איז געזעסען ביים פענסטער מיט די שפיזלען אין די הענד (זי האט געשטריקט פאר יאשענקען א שאל, דאס איז געוועזן דער 38טער זייט ער לעבט) — און האט זיך זעהר פערוואונדערט. אראטאוו איז זעהר זעלטען צו איהר אריינגעקומען, און ווען ער האט עפעס געדארפט, האט ער יעדעס מאל געשריען מיט א דינער שטימע פון זיין קאבינעט ארויס: — מוהמע פלאטאשא! — דאך האט זי איהם געבעטען זיצען און, ערוואַרטענדיג, אז ער זאל אנהויבען רעדען, האט זי זיך צוגעגרייט קוקענדיג אויף איהם מיט איין אויג אונטער איהרע רונדע ברילען און מיט דער אנדערער אויג — איבער זיי. זי האט זיך ניט נאכגעפרעגט וועגען זיין געזונד און איהם ניט פארגעלעגט קיין טהעע, ווייל זי האט געזעהן, אז ניט צוליעב דעם איז ער געקומען.

אראטאוו האט זיך א ווײַלע געקווײנקעלט... און דערנאך גענומען ריידען... געערדט האט ער וועגען זיין מוטער, וועגען דעם ווי זי האט געלעבט מיט זיין פאטער, און ווי דער פאטער האט זיך מיט איהר צום ערשטען מאל באגעגענט. ער האט דאס אלץ זעהר גוט געוואוסט, נור איהם האט זיך געוואלט רעדען גראדע וועגען דעם. אבער צו זיין אונגליק האט פלאטאשא ניט געוואוסט ווי צו פיהרען א געשפרעך;

האָט געענטפערט קורץ, ווי זי וואָלט פערדעכטיגט, אז ניט צוליעב דעם איז יאשא געקומען צו איהר.

— וואָס הייסט! — האָט זי ווידערהאָלט, פלינק, כמעט מיט פערדרוס בעוועגענדיג מיט די שפּיזלען: — עס איז אַ בעוואוסטע זאַך, דיין מאַמע איז געווען אַ טייבעלע... אַ ווייס טייבעלע, אָט ווי דו זעהסט... און דיין פאָטער האָט זי געליעבט, ווי אַ מאַן דאַרף ליעב האָבען, עהרליך און טריי, ביז'ן קבר; און קיין אַנדער פרוי האָט ער נישט געליעבט — האָט זי צוגעזעצט אביסעל העכער און אויסגעטהאָן די ברילען.

— און איז מיין מוטער געווען אַ שעהמעוודיגע? — האָט אין אַ ווייַלע אַרום געפרעגט אראטאָוו.

— אודאי, אַ שעהמעוודיגע. ווי עס פּאַסט זיך פאַר אַ פרוי. די דרייסטע האָבען זיך ערשט אין דער לעצטער צייט גענומען בעוויי־זען.

— און אין אייערע צייטען זיינען קיין דרייסטע ניט געווען?

— וואָס הייסט ניט געווען? געוויס זיינען זיי געווען... אָבער ווער?... עפּעס אַ הולטייקע, אַ אונפערשעהמטע. האָט פערקאַשערט דעם שליומפּער און איז געפּלויגען גלאַט אין דער וועלט אריין... וואָס ארט עס איהר? וואָס איז איהר דאגה? האָט זיך אונטערגע־רוקט עפּעס אַ נאַררעלע — איז פאַר איהר געווען ווי געוואונשען. אָבער אַנשטענדיגע מענשען האָבען אַזעלכע פעראַכטעט און אויסגע־וויכט. דו דערמאָן זיך נאָר, האָסטו ביי אונז אין הויז ווען עס איז געזעהן אַזעלכע?

אראטאָוו האָט גאַרניט געענטפערט און זיך אומגעקעהרט צוריק צו זיך אין קאַבינעט.

פּלאַטאָנידאַ איוואַנאָווגאַ האָט איהם נאָכגעקוקט, אַ שאָקעל גע־טהאָן מיט'ן קאָפּ און ווידער אָנגעטהאָן די ברילען און זיך פון דאָס ניי גענומען שטריקען דעם שאַל... זי האָט זיך אָבער אָפּט פער־טראַכט און די שפּיזלען זיינען איהר אַראָבגעפאַלען אויף די קניע.

און אראטאָוו האָט ביז'ן רעכטען נאַכט — ניט געוואָלט און דאָך אַלץ געטראַכט מיט פערדרוס, מיט כעס וועגען דעם צעטעלע, „דער ציגיינערין" וועגען דעם בעשטימטען אָרט, וואוהין ער וועט געוויס ניט געהן! אפילו ביינאַכט האָט זי איהם רוהען ניט געלאָזט! איהם האָ־

בען זיך אַלץ גע'חלומ'ט איהרע אויגען, דאָ פאַרזשמורעטע, און דאָ ברייט געעפענטע מיט זייער דורכדרינגענדען, גלייך אויף איהם גע־ריכטעטען בליק — און איהרע אונבעוועגליכע געזיכטס־שטריכען מיט זייער מעכטיגען אויסדרוק.

אויף מאָרגען אין דער פריה האָט ער ווידער עפּעס אַלץ גע־וואַרט אויף קופּפער'ן; האָט איהם שיער ניט אָנגעשריעבען אַ בריעף... און אייגענטליך האָט ער גאָרניט געטהאָן. ער איז אַלץ נור אַרומגע־גאַנגען איבער זיין קאַבינעט. ער האָט אויף קיין אויגענבליק ניט צוגעלאָזען צו זיך אפילו דעם געדאַנק, אַז ער וועט געהן אויף דעם דאָזיגען נאַרישען „ראַנדע וואו"... און האַלב פיער אַ זייגער, נאָכדעם, ווי ער האָט אויף גיך אָבגעכאַפּט זיין מיטאָג, האָט ער פּלוצים שנעל אָנגעטהאָן זיין מאַנטעל, גענומען זיין היטעל און בגניבה פון דער מוה־מען, ארויסגעשפּרונגען אין גאַס און זיך גלייך געלאָזט געהן אויפ'ן טווערסקין בולוואַר.

VII.

אַראַטאָוו האָט דאַרט געטראָפען ניט פיעל שפּאַציער גערער. דאָס וועטער איז געווען אַ פייכטער און אַ גאַנץ קאַלטער. ער האָט זיך געסטאַרעט ניט צו טראַכטען וועגען דעם, וואָס ער האָט גע־טהאָן; ער האָט זיך געצוואונגען צו קוקען אויף אַלע זאַכען, וועלכע זיינען איהם געקומען אין וועג, אַזוי ווי ער וואָלט זיך וועלען איינ־שמועסען, אַז ער איז נאָר סתם ארויסגעגאַנגען שפּאַצירען, ווי אַלע אַנדערע פערביינגעהער... דער נעכטיגער בריעף האָט זיך געפונען ביי איהם אין אַ זייטיגער קעשענע, און ער האָט די גאַנצע צייט געפיהלט זיין געגענוואַרט. ער איז זיך דורכגעגאַנגען אַ פּאָאַר מאָל איבער'ן בולוואַר, און שטאַרק איינגעקוקט זיך אין יעדע פרויענצימער, וואָס איז איהם אַנטקעגען געקומען — און דאָס האַרץ זיינס האָט געקלאַפּט, געקלאַפּט... ער האָט דערפיהלט אַ מידקייט און זיך געזעצט אויף אַ ביינקעל. און פּלוצים איז איהם איינגעפאַלען אַ געדאַנק: „נו, און אויב דעם בריעף האָט ניט זי געשריעבען, נור עפּעס עמיצער אַנדערש, אַן

אנדער פרוי ?" איינגענטליך האָט עס פאַר איהם געדאַרפט זיין אַלץ איינס... און פון דעסטוועגען האָט ער זיך אַליין געמוזט מודה זיין, אַז דאָס וואָלט ער ניט וועלען. „דאָס וואָלט שוין געוועזן צו נאַריש", — האָט ער אַ טראַכט געטהאָן : — „נאָך נאַרישער ווי איצט ! אַ נער־וועזע אונרוהיגקייט האָט איהם אָנגעהויבען צו בעהערשען, ער האָט גענומען פרירען — ניט פון אויסען, נור פון אינעווייניג. עטליכע מאָל האָט ער ארויסגענומען זיין זייגער פון קעשענע, געקוקט אויפ'ן ציפער־בלאַט, צוריק אריינגעלעגט איהם, און יעדען מאָל פערגעסען, וויפיעל מינוט איז נאָך פערבליבען ביז פינף אַזייגער. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע וואָס געהען איהם פערביי קוקען איהם אָן מיט אַ בעזונדע־רער נייגעריגקייט און מיט אַ איראָנישען שמייכעל. אַ שמוציג הינטעל איז צו איהם צוגעלאָפען, אַ שמעק געטהאָן זיינע פיס און גענומען דרעהען מיט'ן עק. ער האָט איהם בייז פון זיך אוועקגעטריעבען. מעהר פון אַלעמען האָט איהם דערעסען אַ פאבריטשנער אינגעל אין אַ פער־שמירטען פאַרטוך, וועלכער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ באַנק, אויף יענער זייט פון בולוואר — און דאָ אונטערפייפענדיג, און דאָ קראַ־צענדיג זיך און שאָקלענדיג מיט די פיס אין גרויסע צוריסענע שטי־וועל — האָט ער געהאַלטען אין איין קוקען אויף איהם. „אָט האָסטו דיר, האָט געטראַכט אראַטאָוו — דער בעל הבית וואַרט דאָרט אודאי אויף איהם, און ער, דער פוילענצער, זיצט דאָ און גלאָצט די אויגען..."

נור אין דעם זעלבען מאָמענט האָט זיך איהם אויסגעדאַכט, אַז עמיצער איז צוגעקומען פון הינטען און זיך געשטעלט נאָהענט נעבען איהם... מיט עפּעס אַ וואַרעמקייט האָט אַ וועהע געטהאָן פון דאָרט...

ער האָט זיך אומגעקוקט... זי !

ער האָט זי גלייך דערקענט כאָטש אַ דונקעל־בלויער שלייער האָט איהר געזיכט פערשטעלט. ער איז גלייך אויפגעשפרונגען פון באַנק — און איז אַזוי געבליבען שטעהן, ניט קענענדיג ארויסברייגנען אַ וואָרט. זי האָט אויך געשוויגען. ער האָט זיך געפיהלט אין גרויס פער־לעגענהייט... אָבער איהר פערלעגענהייט איז אויך ניט קלענער געווען : אראַטאָוו האָט זאָגאר דורכ'ן שלייער געקענט בעמערקען, ווי טויט בלייך זי איז געוואָרען. דאָך האָט זי די ערשטע אָנגעהויבען צו רע־דען :

— א דאַנק — האָט זי געזאָגט מיט א פערשטיקט קול — א דאַנק וואָס איהר זייט געקומען. איך האָב עס ניט ערווארט . . . — זי האָט זיך עטוואָס אָבגעקעהרט און גענומען געהן איבער'ן בולוואר. אראַטאָוו איז אוועק נאָך איהר.

— איהר האָט מיך, פיליכט, שלעכט געאורטהיילט — האָט זי ווייטער גערעדט, ניט אומקעהרענדיג דעם קאָפּ — און אין דער אמת'ן איז מיין האנדלונג זעהר א מאָדנע... אָבער איך האָב פיעל וועגען אייך געהערט... אָבער ניין! איך . . . ניט צוליעב דעם . . . ווען איהר זאָלט וויסען... איך האָב אזוי פיעל אייך געוואָלט זאָגען, גאָט מיינער!... אָבער ווי אזוי טהוט מען דאָס . . . ווי אזוי? . . .

אראטאוו איז געגאַנגען נעבען איהר, עטוואָס פון הינטען. איהר פּנים האָט ער ניט געזעהן; ער האָט נור געזעהן איהר הוט און א טהייל פונ'ם שלייער . . . און איהר לאַנגען, שווארצען, אָבגעטראָגענעם מאַנטעל. זיין גאַנצער כעס אי אויף איהר, אי אויף זיך אליין, האָט זיך פּלוצים צו איהם צוריקגעקעהרט; די גאַנצע לעכערליכקייט, די אומגעלומפּערקייט פון דעם דאָזיגען צוזאַמענטרעפען זיך, פון די דאָזיגע ערקלעהרונגען צווישען פרעמדע מענשען, אויף אן אָפענעם בולוואר איז אין דער גאַנצער בלוטיקייט ארויסגעטראָטען פאַר איהם.

— איך בין געקומען אויף אייער איינלאַדונג — האָט ער פון זיין זייט אָנגעהויבען — בין געקומען, גנעדיגע הערין (איהרע אַקסלען האָבען זיך שטיל א טרייסעל געטהאָן — זי האָט פערקעהרט אין א זייטיגען וועג — ער איז אוועק נאָך איהר) נור אום קלאָהר צו מאַכען, צו דרעגעהן, דורך וואָס פאַר א מאָדנעם מיסטפערשטענדניס איז אייך איינגעפאַלען צו ווענדען זיך צו מיר, א מענשען, וואָס איז אייך גאַנץ פרעמד, וועלכער... וועלכער האָט נאָר דעריבער אָנגעשטויסען ווי איהר האָט זיך אויסגעדריקט אין אייער בריעף, — אז דאָס האָט איהר געמוזט שרייבען... ווייל... ווייל אין פערלויף פון יענעם מאָרגען־קאָנצערט האָט זיך אייך פערוואָלט איהם ארויסווייזען צופיעל . . . יאָ, צופיעל אויפמערקזאַמקייט!

דיעזע גאַנצע רעדע האָט אראטאָוו ארויסגעזאָגט מיט יענעם זאָגאַר קלינגענדען, אָבער ניט פעסטען קול, מיט וועלכען גאַנץ יונגע מענשען ענטפערן אויף אן עקזאַמען איבער א פראַגע צו וועלכען זיי האָבען זיך גוט צוגעגרייט... ער איז געווען בייז אין כעס... און אָט דער

דאָזיגער כעס האָט איהם איצט פונאַנדערגעבונדען זיין, געוועהנליך, ניט פרייען צונג.

זי האָט פאַרגעזעצט צו געהן איבער'ן וועג מיט עטוואָס לאַנג־זאַמערע טריט... אראטאוו איז ווי פריהער געגאַנגען נאָך איהר און האָט ווי פריהער געזעהן נור דעם אַלטען מאַנטעל און די הוט אויך שוין ניט גאָר קיין נייע. זיין אייגענליעבע האָט געליטען ביי דעם גע־דאַנק, אַז אָט איצט מוז זי אודאי טראַכטען: „איך האָב נור געדאַרפט אויסציהען אַ פינגער און ער איז גלייך געקומען צולויפען!"

אראטאָוו האָט געשוויגען... ער האָט געוואַרט, וואָס זי וועט איהם ענטפערן; אָבער זי האָט ניט ארויסגערעדט קיין וואָרט.

— איך בין בערייט אייך אויסצוהערען — האָט ער ווידער אָנ־געהויבען — און וועל זאָגאַר זיין זעהר צופריעדען, ווען איך וועל אייך קענען מיט עפּעס נוצען ברייַנגען... כאָטש, דעם אמת זאָגענדיג, וואונדערט עס מיך... ביי מיין איינזאַמען לעבען...

נור ביי זיינע לעצטע ווערטער האָט זיך קלאַרא צו איהם פלוצים אַ קעהר געטהאָן — און ער האָט דערזעהן אַזאַ צושראָקענע, אַזאַ טיעף־פערטרויערטע געזיכט מיט אַזעלכע ליכטיגע, גרויסע טרעהרען אין די אויגען, מיט אַזאַ ליידענדען אויסדרוק אויף די פונאַנדערגע־עפענטע ליפּען — און אַזוי וואונדערשען איז דאָס דאָזיגע געזיכט גע־ווען — אַז ער האָט זיך ניט ווילענדיג פערכאַפּט, און האָט אליין דער־פיהלט עפּעס אַ מין שרעק, אי בעדויערען, אי ערבאַרמען.

— אַך וואָרום... וואָרום רעדט איהר אַזוי... — האָט זי ארויס־גערעדט פול ערנסט און אויפריכטיגקייט — און ווי ריהרענד האָט גענומען קלינגען איהר שטימע! — שוין זשע האָט מיין שרייבען אייך געקענט בעליידיגען?... שוין זשע האָט איהר גאָרנישט פער־שטאַנען?... אַך, יאָ! איהר האָט ניט בעגריפען, ניט פערשטאַנען, וואָס איך האָב צו אייך גערעדט... גאָט ווייסט, וואָס איהר האָט גע־טראַכט פון מיר, איהר האָט אפילו ניט אַ טראַכט געטהאָן וויפיעל מיך האָט געקאָסט — דער שרייבען צו אייך! איהר האָט נור גע־זאָרגט וועגען זיך, וועגען אייער כבוד, אייער רוהע!.. צו דען האָב איך... (זי האָט אַזוי שטאַרק צוזאַמענגעדריקט די הענד צוטראָגענדיג זיי צו די ליפּען, אַז עס האָט זיך דייטליך געהערט דאָס קנאַקען פון די ביינער) פּונקט ווי איך וואָלט אייך געשטעלט, וועלכע עס איז

פאַדערונגען, און עס וואָלט דערצו נויטיג געווען פריהער צו מאַכען הקדמות...„גנעדיגע הערין"... „מיך וואונדערט אפילו"... „איך קען זיין נוצליך"... אַך, איך וואַנזיניגע! — איך האָב זיך גענאַרט אין אייך, אין אייער פּנים!... ווען איך האָב אייך דאָס ערשטע מאָל דערזעהן... און אָט... אָט שטעהט איהר... און זאָלט כאָטש זאָגען אַ וואָרט! טאַקע קיין איין וואָרט ניט?

זי האָט זיך געבעטען... איהר פּנים האָט פּלוצים אויפגעפלאַמט און אויך אַזוי פּלוצים האָט זי אָנגענומען אַ בייזען און העזה'דיגען אויסדרוק. — מיין גאָט! ווי נאַריש דאָס איז! — האָט זי אויסגערופען מיט אַ שניידענדען געלעכטער — ווי נאַריש איז אונזער טרעפען זיך! ווי נאַריש בין איך!... און איהר... פוי!

זי האָט מיט פעראַכטונג אַ מאַך געטהאָן מיט אַ האַנד, ווי זי וואָלט איהם אָבגעשטויסען פון וועג און פאַרבייגעהענדיג פאַרביי איהם, איז זי שנעל ארויסגעלאָפען פון בולוואַר און איז פערשוואונדען.

דאָס דאָזיגע מאַך מיט'ן האַנד, דער בעליידיגענדער געלעכטער, איהרע לעצטע ווערטער האָבען מיט אמאָל צוריקגעקעהרט אראַטאָוו'ן זיינע פריהערדיגע עמפּפינדונגען און האָבען דערשטיקט אין איהם יענעם געפיהל, וועלכער האָט געהאַט אויפגעוואַכט אין זיין נשמה, ווען זי האָט מיט טרעהרען אין די אויגען זיך געווענדעט צו איהם. ער איז ווידער אין כעס געוואָרען — און האָט שיער ניט נאָכגעשריען דער פערשוואונדענער מיידעל: „פון אייך קען ארויסקומען אַ גוטע אַקטריסע — אָבער וואָרום איז אייך איינגעפאַלען צו שפּיעלען אַ קאָמעדיע מיט מיר?"

מיט גרויסע טריט האָט ער זיך אומגעקעהרט אהיים — און כאָטש דעם גאַנצען וועג האָט ער זיך נאָך אַלץ געבייזערט און איז געווען שטאַרק אויפגעבראַכט — דאָך האָט זיך אין דערזעלבער צייט, דורך די אַלע בייזע און פיינדליכע געפיהלען דורכגעריסען אויף די ערינערונג וועגען יענעם וואונדערבאַר שעהנעם פּנים, וועלכען ער האָט געזעהן נאַר איין מאָמענט... ער האָט זיך זאָגאַר געשטעלט די פראַגע: „פאַר וואָס האָב איך איהר ניט געענטפערט, ווען זי האָט פון מיר געפאָדערט כאָטש איין וואָרט?" — „איך האָב ניט געהאַט ווען"... האָט ער געטראַכט... זי האָט מיר ניט געגעבען קיין צייט

אַרויסצורייידען דאָס דאָזיגע וואָרט... „און וואָס אַזוינס וואָלט איך איהר געזאָגט?"

נאָר ער האָט גלייך אַ טרייסעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ און מיט אַ פאָרוואורף אַרויסגערעדט: „אַקטריסע!"

און ווידער אַמאָל, אין דערזעלבע צייט ווערענד די איינגעליעבע פון דעם אונערפאהרענעם, נערוועזען יונגען מאַן איז פריהער געווען בעליידיגט, איז זי איצט געווען אַזוי ווי געשמייכעלט דערפון, וואָס ער איז אים שטאַנד געווען צו ערוועקען אַזא שטאַרקע ליידענשאַפט...

— „דערפאַר אָבער איז שוין איצט — האָט ער ווייטער געטראַכט — נאַטירליך אַלעס געענדיגט... איך האָב געמוזט אויסזעהן אין איהרע אויגען זעהר לעכערליך"...

דער דאָזיגער געדאַנק איז איהם געווען אונאַנגענעהם — און ער האָט זיך ווידער גענומען בייזערן... אי אויף איהר... אי אויף זיך... געקומען צו זיך אַהיים, האָט ער זיך פערשפאַרט ביי זיך אין קאַבינעט. עס האָט זיך איהם ניט געוואָלט זעהן זיך מיט פּלאַטאָשאַ'ן. די גוטע אַלטעטשקע איז אַ פּאָאַר מאָל צוגעגאַנגען צו זיין טהיר — צוגעלעגט דעם אויער צום שליסעל־לאָך — און נור געזיפצט, און געשעפּצעט איהר געבעט...

— עס האָט זיך שוין אָנגעהויבען! — האָט זי פאַר זיך געטראַכט... און ער איז ערשט פינף און צוואַנציג יאָהר אַלט... אַך, צו פריה, צו פריה!"

VIII.

אויף מאָרגען איז אַראַטאַוו דעם גאַנצען טאָג געווען שלעכט אויפגעלעגט.

— וואָס איז דיר, יאַשאַ? — האָט צו איהם געזאָגט פּלאַטאָנידאַ איוואַנאָוונאַ: — וואָס ביזטו עפּעס היינט אַזוי צודרומשקעט?... — אויף איהר אייגענאַרטיגער שפּראַך האָט דיעזער אויסדרוק גאַנץ ריכטיג איבערגעגעבען אַראַטאַוו'ס גייסטיגען צושטאַנד. אַרבייטען האָט ער ניט געקענט און האָט אַליין ניט געוואוסט, וואָס

אייגענטליך איהם ווילט זיך? דאָ האָט ער ווידער געוואַרט אויף קופּפער'ן (ער האָט חושד געווען, אַז דאָס האָט קלאַרא פון איהם גע־קראָגען זיין אַדרעס... און ווער אַנדערש האָט מיט איהר געקענט „פּיעל רעדען" וועגען איהם?) און דאָ האָט ער זיך געוואונדערט: שוין זשע וועט זיך טאַקע אויף דעם אופן ענדיגען זיין בעקאַנטשאַפט מיט איהר? דאָ האָט זיך איהם געדאַכט, אַז זי וועט צו איהם נאָך אַ מאָל שרייבען; און דאָ האָט ער זיך געשטעלט אַ פראַגע צו זאָל ער אפשר אליין איהר אָנשרייבען אַ בריעף, אין וועלכען ער זאָל אַלעס ערקלעהרען — ווייל נאָך אַלעמען וויל ער דאָך ניט, אַז מען זאָל האָבען פון איהם אַ שלעכטע מיינונג... נור אייגענטליך — וואָס וועט ער דאָרט ערקלעהרען? דאָ האָט ער ערוועקט אין זיך כמעט אַן עקעל צו איהר, איהר צודרינגליכקייט, איהר פרעכהייט; און דאָ האָט זיך איהם ווידער פאָרגעשטעלט איהר אונענדליך־ריהרענדע געזיכט און ער האָט געהערט איהר בעצויבערענדע שטימע; דאָ האָט ער זיך דערמאָנט אָן איהר זינגען, איהר פאָרלעזען — און ניט געוואוסט צו איז ער גערעכט געווען מיט זיין שלעכטען אורטהייל וועגען איהר? — מיט איין וואָרט: אַ צודרומשקעטער מענש! צום סוף איז איהם דאָס אַלעס דערעסען — און ער האָט בעשלאָסען, וואָס מען זאָגט „צו נעהמען אויף זיך" און „בעגראָבען" די גאַנצע געשיכטע, ווייל זי האָט אָהן צווייפעל געשטערט זיין אַרבייט און גערויבט זיין רוהע. — אָבער ניט אַזוי גרינג איז איהם אָנגעקומען צו ערפּיעלען דעם דאָזיגען בע־שלוס... עס איז אַוועק מעהר ווי אַ וואָך צייט איידער ער איז ווידער אריין אין זיין געוועהנליכער שטימונג. צום גליק האָט זיך קופּפער גאָר ניט געוויזען: גראַד ווי ער וואָלט גאָר אין מאָסקווע ניט געווען. ניט לאַנג פאַר דער „געשיכטע" האָט אַראַטאָוו זיך אָנגעהויבען צו פערנעהמען מיט מאַהלעריי, צוליעב פאָטאָגראַפישע צוועקען; איצט האָט ער זיך מיט אַ דאָפּעלטער ענערגיע ווידער גענומען דערצו.

אַזוי, אונבעמערקט, מיט אָפּטע, ווי דאָקטוירים דריקען זיך אויס „ווידערהאָלונגס־אָנפאַלען", וועלכע האָבען זיך אויסגעדריקט למשל אין דעם, וואָס ער איז אַמאָל שיער ניט אַוועק מיט אַ וויזיט צו דער פירסטין, — זיינען אַריבער צוויי, דריי מאָנאַטען... און אַראַטאָוו איז געוואָרען דער פריהערדיגער אַראַטאָוו. נאָר ערגעץ אונטען, אונטער דער אויבערפלעכע פון זיין לעבען האָט איהם עטוואָס שווערעס און דונ־

קעלעם געהיימניספאָל בעגלייט אויף אַלע זיינע וועגען. אַזוי פיהלט זיך אַ גרויסער נאַר וואָס געפאַנגענער נור נאָך ניט ארויסגעצויגענער פיש; ער שווימט ארום אין טייך אונטער'ן וואסער, אונטער דער זעלבער שיפעל אויף וועלכער עס זיצט דער פישער און האַלט איהם פעסט, פעסט אין זיין נעץ.

און איינמאָל, דורכקוקענדיג אַן אַלטע מאָסקווער צייטונג, האָט זיך אראטאוו אַנגעשטויסען אויף דער פאָלגענדער קאָרעספאָנדענץ:

„מיט גרויס טרויער" — האָט געשריעבען אַ קאַזאַנער קאָרעס־פּאָנדענט — „שרייבען מיר אריין אין דער געשיכטע פון אונזער טהעאטער נאַכריכט וועגען דעם פּלעצליכען טויט פון אונזער בעגאַב־טער שוישפּיעלערין קלאַרא מיליטש, וועלכע איז אין אַ גאַנץ קורצער צייט געוואָרען דער ליעבלינג פון אונזער פּובליקום. אונזער טרויער איז נאָך גרעסער דערמיט, וואָס פריילין מיליטש האָט אַליין גע־מאַכט אַן ענדע צו איהר יונגען, אַזוי פיעל פערשפּרעכענדען לעבען — דורך פערגיפטונג. און שרעקליכער איז עס נאָך דערמיט, וואָס דעם גיפט האָט זי איינגענומען אין טהעאטער גופא! מען האָט זי קוים דער־פיהרט אהיים, וואו זי איז באַלד, צום אַלגעמיינעם בעדויערען, גע־שטאָרבען. אין שטאָדט געהען ארום קלאַנגען, אַז אַן אונבעפרידיגטע ליעבע האָט זי געבראַכט צו דער דאָזיגער שרעקליכער טהאט".

אראטאָוו האָט שטילינקערהייד אַוועקגעלייגט די צייטונג אויפ'ן טיש. אויסערליך איז ער געבליעבען גאַנץ רוהיג... נור עטוואָס האָט איהם מיט אַמאָל אַ שטויס געטהאָן אי אין ברוסט, אי אין קאָפּ — און האָט זיך באַלד צוגאָסען איבער אַלע זיינע גליעדער.

ער איז אויפגעשטאַנען, געבליעבען אַ ווייַלע אויף איין אָרט — און זיך ווידער געזעצט און נאָך אַמאָל איבערגעלייענט די זעלבע קאָררעספּאָנדענץ. דערנאָך איז ער ווידער אויפגעשטאַנען, זיך געלעגט אויף דער בעט און פארלעגט די הענד אונטער'ן קאָפּ, האָט ער ווי אַ פערשיכור'טער לאַנג געקוקט אויפ'ן וואַנד. — ביסלאַכווייז איז די וואַנד ווי צושוואומען... און ער האָט דערזעהן פאַר זיך אי דעם בול־וואַר אונטער'ן גרויען הימעל, אי זי אין שווארצען מאַנטעל.. דערנאָך האָט ער זי ווידער אַמאָל דערזעהן אויף דער ביהנע... ער האָט זאָגאַר זיך אַליין געזעהן נעבען איהר.—דאָס וואָס האָט איהם פריהער אַזוי שטאַרק אַ זעץ געטהאָן אין הארצען, האָט זיך איצט גענומען אויפ־

הויבען... אויפהויבען צום האלז... ער האט געוואלט אבהוסטען זיך, געוואלט ווענדען עס איז רופען — נאר דאס לשון האט איהם אבגענומען — און צו זיין אייגענער איבערראשונג, האבען זיך פון זיינע אויגען גענומען גיסען טרעהרען... וואס האט ביי איהם ארויסגערופען די דאזיגע טרעהרען? מיטלייד? חרטה? אדער זיינע נערוועז האבען פשוט ניט אויסגעהאלטען די פלעצליכע איבערראשונג? — זי איז דאך פאר איהם געווען א פרעמדע, א גארנישט? ניט אמת?

— „עס קען זיין, אז דאס איז ניט אמת!" — איז איהם איינגעפאלען א געדאנק. „מען דארף דאס דערגעהן! אבער פון וועמען? פון דער פירסטין? — ניין, פון קופפער'ן... פון קופפער'ן? אבער מען זאגט דאך, אז ער איז גאר אין מאסקווע נישטא. — אלץ איינס! פריהער דארף מען געהן צו איהם!"

מיט די דאזיגע געדאנקען אין קאפ, האט זיך אראטאוו שנעל אנגעטהאן, גענומען א דראזשקע און אוועקגעפלויגען צו קופפער'ן.

IX.

ער האט ניט ערווארט איהם צו טרעפען... און האט איהם יא געטראפען. קופפער איז טאקע ניט געווען אין מאסקווע א געוויסע צייט, אבער שוין א וואך, ווי ער האט זיך צוריקגעקעהרט און זאגאר ווידער געקליבען זיך צו בעזוכען אראטאוו'ן.—ער האט איהם באגעגענט מיט זיין געוועהנליכער פריינדליכקייט — און שוין געהאט אנגעהויבען איהם עטוואס צו ערקלעהרען... אבער אראטאוו האט איהם גלייך איבערגעשלאגען די רייד מיט אן אונגעדולדיגער פראגע?

— דו האסט עס געלעזען? ס'איז אמת?

— וואס איז אמת? — האט געפרעגט קופפער א פערוואונדערטער.

— וועגען קלארא מיליטש?

קופפער'ס פנים האט אויסגעדריקט מיטלייד.

— יא, יא, ברודער, אמת; זי האט זיך פער'סם'ט! אזא אונגליק!

אראטאָוו האָט אַ ווײַלע געשוויגען.

— דו האָסט עס אויך געלעזען אין די צייטונגען? — האָט ער געפרעגט — אָדער ביזט אפשר אליין געפאָהרען אין קאַזאַן?

— איך בין געוועזען אין קאַזאַן; איך מיט דער פירסטין האָבען זי אַהין אָבגעפיהרט. — זי איז דאָרט אָנגעקומען אויף דער ביהנע און האָט געהאַט גרויס ערפאָלג. נאָר ביז דעם אונגליק בין איך דאָרט ניט פערבליעבען... איך בין געוועזען אין יאַראָסלאַוול.

— אין יאַראָסלאַוול?

— יאַ. איך האָב בעגלייט די פירסטין אַהין... זי האָט זיך איצט בעזעצט אין יאַראָסלאַוול.

— אָבער דו האָסט דאָך געגויע אויסקינפטע?

— די גענויעסטע... פון די נעהנסטע מענשען. איך האָב זיך אין קאַזאַן בעקענט מיט איהר פאַמיליע. — אָבער וואָרט אוים ברודער... מיר דאַכט זיך, אַז די נאַכריכט בעוועגט דיך שטאַרק? — און מיר געדענקט זיך, אַז דיר איז קלאַראַ דאַמאָלט ניט געפעלען געוואָרען! אַ שאָד! געוועזען אַ זעלטענע מיידעל... נאָר אַ קאָפּ! אַ געפעהרליכע קאָפּ! איך האָב וועגען איהר זעהר געטרויערט!

אראטאָוו האָט ניט אויסגערעדט קיין וואָרט, האָט זיך אַראָבגעלאָזען אויף אַ שטוהל — און אין אַ ווײַלע ארום האָט ער געבעטען קופּפער'ן צו דערצעהלען איהם... ער האָט זיך פערהיקעט.

— וואָס? — האָט קופּפער געפרעגט.

— נו... אַלעס, — האָט געענטפערט אראטאָוו אויסציהענדיג די ווערטער — נור כאָטש, וועגען איהר פאַמיליע... און אַזוי ווייטער. דערצעהל מיר אַלץ, וואָס דו ווייסט וועגען איהר!

— דאָס אינטערעסירט דיך דען? — גוט!

און קופּפער, אויף וועמעס פּנים עס איז גאָר ניט געוועזען צו זעהן אַז ער זאָל אַזוי שטאַרק טרויערען וועגען קלאַראַ'ן, האָט אָנגעהויבען צו דערצעהלען.

פון זיינע רייד האָט אראטאָוו זיך דערוואוסט, אַז קלאַראַ'ס אמת'ער נאָמען איז געוועזען — קאַטערינאַ מילאָווידאָוונאַ; אַז איהר פאָטער, וועלכער איז שוין טויט, איז געוועזען אַ לעהרער פון צייכענען אין קאַזאַן, און האָט געמאָהלען שלעכטע פּאָרטרעטען און קהל'שע קירכען־בילדער — צו דעם אַלעמען האָט ער געהאַט אַ שם פאַר אַ

שיכור און א היימישער טיראן... און האָט זיך נאָך גערעכענט פאר א געבילדעטען מענשען!... אז נאָך זיין טויט זיינען פערבליעבען, ערש־טענס: אן אלמנה פון קרעמער־שטאַנד, א נארישע פרוי, ווי פון אָסטראָווסקי׳ס קאָמעדיעס ארויסגענומען; און צווייטענס: א טאָכ־טער, וועלכע איז פיעל עלטער פון קלארא׳ן און גאָר ניט עהנליך צו איהר — א מיידעל זעהר א קלוגע, אָבער זעהר א בעגייסטערטע, א טרוימערקע, א קראַנקע, א מערקווירדיגע מיידעל — און זעהר אַן ענטוויקעלטע, ברודער מיינער! זיי וואָהנען זיך ביידע ניט אָרעם די אלמנה מיט דער טאָכטער אין א גאַנץ פיינע הייזעל, וועלכע זיי האָ־בען זיך ערוואָרבען פון דעם האנדעל מיט די שלעכטע פּאָרטרעטען און קירכען־בילדער; קלארא... אָדער קאטיא, רוף זי ווי דו ווילסט, האָט פון קינדהייט אָן אלעמען איבערראשט מיט איהרע פעהיגקיי־טען — נור א כאראקטער האָט זי געהאַט ניט קיין געהאָרכזאַמען, א קאפּריזנעם, און האָט זיך נאָכאַנאַנד ארומגעקריעגט מיט׳ן פאָטער; און האָבענדיג א איינגעבאָרענע ליידענשאַפט צום טהעאַטער, איז זי צו זעכצעהן יאָהר אנטלאָפען פון דער היים מיט אַן אקטריסע...

— מיט אַן אקטיאָר? — האָט איהם איבערגעשלאָגען אראַ־טאָוו.

— ניין, ניט מיט אַן אקטיאָר, נאָר מיט אַן אקטריסע, צו וועלכע זי האָט זיך זעהר צוגעבונדען... אמת, די דאָזיגע אקטריסע האָט גע־האַט א בעשיצער, א רייכען, אלטען פּריץ, וועלכער האָט מיר איהר נור דערפאר ניט געהייראַטה, ווייל ער איז געווען פערהייראַטה — און די אקטריסע איז אויך, דאַכט זיך, געווען א פערהייראַטהע פרוי. ווייטער האָט קופּפער מיטגעטהיילט אראטאָוו׳ן, אז קלארא האָט שוין פאר איהר קומען קיין מאָסקווע, געשפּיעלט אין די פּראָווינציעלע טהעאַטערם; און נאָכדעם ווי זי האָט פערלאָרען איהר פריינדין, די אקטריסע (דער פּריץ, איז דאַכט זיך אויך געשטאָרבען! אָדער ער איז ווידער גוט געוואָרען מיט דער ווייב — דאָס האָט קופּפער אויף ריכטיג ניט געדענקט) איז זי בעקאַנט געוואָרען מיט דער פירסטין, מיט דיעזער גאָלדענער פרוי, וועלכער דו, מיין פריינד, יאַקאָוו אנדרע־איטש — האָט מיט געפיהל צוגעגעבען דער ערצעהלער — האָסט ניט פערשטאַנען אָבצושעצען לויט איהר ווערטה; אז צום סוף האָט מען קלארא׳ן פּאָרגעשלאָגען צו שפּיעלען אין קאַזאַן און זי האָט דעם

פאַרשלאָג אָנגענומען כּמעט פאַר דעם האָט זי אונז פערזיכערט, אַז זי וועט קיין מאָל ניט פערלאָזען מאָסקווא! — דערפאַר אָבער, ווי שטאַרק די קאַזאַנער האָבען זי ליעב געקראָגען — עס איז צו בע־וואונדערען! צו יעדער פאָרשטעלונג בוקעטען און פּרעזענטען! בור־קעטען און פּרעזענטען! — אַ תּבואה הענדלער, דער גרעסטער גביר אין גאַנץ גובערניע, האָט איהר זאָגאַר אַ גאָלדענעם זייגער גע־שענקט!...

קופּפער האָט דאָס אַלעס דערצעהלט מיט גרויס לעבהאַפטיג־קייט, ניט ארויסווייזענדיג דערביי קיין בעזונדערע סענטימענטאַלי־טעט און איבערייסענדיג זיינע אייגענע רייד מיט פראַגען: — אויף וואָס איז דאָס?... אָדער: — צו־וואָס דאַרפסטו דאָס וויסען? — ווען אראַטאָוו, וועלכער האָט איהם געהערט מיט גרויס אויפמערק־זאַמקייט, האָט פון איהם געפאָדערט אַלץ מעהר און מעהר איינצעל־הייטען.

ענדליך איז אַלעס געווען אויסדערצעהלט, און קופּפער איז אַנ־שוויגען געוואָרען, בעלוינענדיג זיך פאַר זיין מיה מיט אַ סיגאַר.

— און פאַרוואָס האָט זי זיך פער'סמ'ט? — האָט געפרעגט אראַטאָוו — אין ציימונג שטעהט...

קופּפער האָט אַ מאַך געטהאָן מיט די הענד.

— נו, דאָס קען איך דיר שוין ניט זאָגען... איך וויים ניט. די ציימונג זאָגט אַ ליגען. אויפגעפיהרט האָט זיך קלאַרא מוסטערהאַפט... קיין ליעבעס ניט געפיהרט... דאָס איז איבערהויפּט אונמעגליך געווען מיט איהר שטאָלץ! שטאָלץ איז זי געווען, ווי דער טייפעל אליין — און צו זיך קיינעם ניט צוגעלאָזען! — אַ קאָפּ, אַ געפעהרליכער! הארט, ווי שטיין! וועסט מיר גלויבען — מען דאַרף ניט מעהר, ווי נאָהענט איך האָב זי געקענט — און קיין מאָל האָב איך אויף איהרע אויגען קיין טרעהר ניט געזעהן!...

— „און איך האָב געזעהן”, האָט אַ טראַכט געטהאָן אראַטאָוו פאַר זיך.

— נו אָט וואָס — האָט ווייטער גערעדט קופּפער: — די לעצטע צייט האָב איך בעמערקט אין איהר אַ גרויסע ענדערונג: זי איז גע־וואָרען אַזאַ אומעדיגע, האָט שטענדיג געשוויגען, און שטונדען גאַנצע האָט מען פון איהר קיין וואָרט ניט געקענט ארויסקריגען. איך האָב

זי שוין וויפיעל מאָל געפרעגט: האָט אייך פיליכט עמיצער בעליי־דיגט, קאטערינא סעמענאָוונא? ווייל, איך האָב געקענט איהר נאַטור: קיין בעליידיגונג האָט זי ניט געקענט אריבערטראָגען! שווייגט זי און שוין! אפילו איהר ערפאָלג אויף דער ביהנע האָט איהר ניט פרעהליכער געמאכט; מען פערוואַרפט זי מיט בלומען... און זי — ניט אפילו א שמייכעל! אויף דעם גאָלדענעם זייגער האָט זי איינ־מאָל א קוק געטהאָן — און עס אוועקגעלעגט אָהן דער זייט! — זי האָט זיך געקלאָגט, אז קיין אמת'ע ראָלע, אזוי ווי זי פערשטעהט עס, שרייבט פאר איהר קיינער ניט אָן. און דאָס זינגען האָט זי אין גאַנצען געוואָרפען. אין דעם, ברודער, בין איך שוין אביסעל שול־דיג!... איך האָב איהר דאן איבערגעגעבען, וואָס דו האָסט געזאָגט, אז איהר פעהלט שוהלע אָבער דאָך... פאַרוואָס זי האָט זיך פער־סם'ט — אונבעגרייפליך! און נאָך ווי אזוי פער'סם'ט.

— אין וואָס פאר א ראָלע האָט זי געהאַט מעהר ערפאָלג? — אראטאָוו האָט געוואָלט וויסען אין וואָס פאר א ראָלע זי איז ארויס־געטראָטען דאָס לעצטע מאָל — נור אליין ניט וויסענדיג פאַרוואָס, האָט ער געפרעגט עטוואָס אַנדערש.

— דאכט זיך אין „גרוניא" פון אָסטראָווסקי'ן. אָבער איך זאָג דיר נאָך אמאָל: קיין ליעבעס האָט זי ניט געפיהרט! דו באַרעכען זיך נור: געוואָהנט האָט זי ביי איהר מאַמען אין הויז... ווייסטו — עס זיינען פאַראַן אזעלכע בעל'הבית'ישע הייזער: אין יעדען ווינקעל שטעהט אַן אָרון־קודש'ל און אונטער איהם א נר־תמיד לעמפּעל, א טשאַד־דערשטיקט צו ווערען און שמעקט מיט זויערקייט; אין גאַסט־צימער ארום די וואַנד — נור שטולען; אויף די פענסטער וואַזאָנעס, און קומט צו פאָהרען א גאַסט —דערשרעקט זיך די בעל הבית'טע — פונקט ווי א שונא וואָלט זי בעפאַלען. וואָס פאר ראָמאַנען און ליע־בעס מען קען שוין דאָ פיהרען? עס פלעגט טרעפען, אז מען האָט מיך אפילו ניט געוואָלט אריינלאָזען. די דיענסט זייערע, א געזונדע פויער־טע, אין א רויטען סאַראַפאַן מיט אַראָבגעהאַנגענע בריסט, שטעהט אין מיטען פיהר־הויז — און שרייט: וואוהין? — ניין, איך פער־שטעה בשום אופן ניט, פאַרוואָס זי האָט זיך פער'סם'ט. עס האָט איהר, הפּנים, דאָס לעבען דערעסען — האָט פילאָזאָפיש געענדיגט קופפער זיינע ערקלעהרונגען.

אראטאָוו איז געזעסען מיט אַן אַראָבגעלאָזענעם קאָפּ.

— דו קענסט מיר געבען דעם אדרעס פון זייער הויז אין קאַזאַן? — האָט ער צום סוף ארויסגערעדט.

— איך קען; אָבער צו־וואָס דאַרפסטו איהם? דו ווילסט דען שרייבען אהין אַ בריעף?

— מעגליך.

— נו, ווי דו ווילסט. נאָר די אַלטע וועט דיר סיי ווי ניט ענטפערן, זי קען ניט שרייבען. אָט, סיידען די שוועסטער... אָה, די שוועסטער איהרע איז אַ חכמה! נור ווידער אַמאָל, וואונדערט מיך אויף דיר, ברודער! פריהער אַזאַ גלייכגילטיגקייט... און אַצינד אַזאַ אויפמערקזאַמקייט. דאָס אַלץ, מיין ליעבענקער, קומט פון איינזאַמקייט.

אראטאָוו האָט גאָר ניט געענטפערט אויף דיעזער בעמערקונג און איז אוועק מיטנעהמענדיג דעם אַדרעס פון קאַזאַן.

ווען ער איז געפאָהרען צו קופּפער'ן, איז אויף זיין פּנים קענטיג געווען אויפרעגונג, פערוואונדערונג, ערוואַרטונג... איצט איז ער געגאַנגען מיט אַ גלייכמעסיגען גאַנג, מיט אַראָבגעלאָזענע אויגען, מיט'ן היטעל אַראָבגערוקט אויפ'ן שטערן; כמעט יעדער פערבייגעהער האָט איהם נאָכגעקוקט מיט אַ נייגעריגען בליק... ער אָבער האָט ניט בעמערקט די פערבייגעהער... ניט אַזוי ווי דעמאָלט. אויף דעם בולוואַר!...

„אונגליקליכע קלאַראַ! וואהנזיניגע קלאַראַ! — האָט געקלונגען ביי איהם אויף דער נשמה.

X.

פון דעסטוועגען האָט אראטאָוו דעם נעכסטען טאָג פערבראַכט גאַנץ רוהיג. ער האָט זיך זאָגאַר געקענט פאַרנעהמען מיט זיינע געוועהנליכע בעשעפטיגונגען. איין זאַך נאָר: אי אין דער צייט, וואָס ער האָט געאַרבייט, אי אין דער פרייער צייט האָט ער נאָכאַנאַנד געטראַכט וועגען קלאַרא'ן, וועגען דעם, וואָס קופּפער האָט איהם נעכטען דערצעהלט. אמת, זיינע געדאַנקען האָבען אויך געטראָגען אַ גאַנץ

רוהיגען כאראקטער. איהם האט זיך געדאכט אז דאס דאזיגע מאדנע מיידעל אינטערעסירט איהם נור פון א פסיכאלאגישען שטאנדפונקט ווי למשל, א רעטעניש איבער וועלכען עס לוינט זיך צו ברעכען אבי־סעל דעם קאפ.

„איז אנטלאפען מיט אן אקטריסע, וועמען אן אלטער פריץ האט אויפגעהאלטען" — האט ער ביי זיך געטראכט — איז געשטאנען אונטער דער פירסטינס שוץ, און האט, דאכט זיך, ביי איהר גע־וואהנט — און קיינע ליעבעס? דאס שיקט זיך עפעס ניט!... קופ־פער זאגט: שטאלצקייט! נאר ערשטענס ווייסען מיר (אראטאוו האט געדארפט זאגען: מיר האבען געלעזען אין די ביכלאך)... ווייסען מיר, אז שטאלצקייט לעבט גאנץ גוט צוזאמען מיט לייכטזיניגקייט; און צווייטענס, ווי אזוי האט זי, אזא שטאלצע, געקענט בעשטימען א ראנדעוואו מיט א מענשען, וועלכער האט איהר געקענט אפען ארוים־ווייזען זיין פעראכטונג.. און האט טאקע ארויסגעוויזען... און נאך אויף אן עפענטליכען פלאץ... אויפ'ן בולוואר!" דא האט אראטאוו זיך דערמאנט אן דער גאנצער סצענע אויף דעם בולוואר — און האט זיך געפרעגט: צו האט ער טאקע אין דער אמת'ן ארויסגעוויזען קלארא'ן פעראכטונג? — ניין, האט ער בעשלאסען — דאס איז ניט געווען קיין פעראכטונג... דאס איז געווען א מיספערשטענדניס, א טעות... „אונגליקליכע קלארא!" האט איהם ווידער א קלונג געטהאן אין קאפ. — יא, אונגליקליכע, האט ער ווידער בעשלאסען... דאס איז דאס פאסענדסטעווארט פאר איהר. — און אויב אזוי — בין איך גע־ווען אומגערעכט. זי האט געזאגט אן אמת, איך האב זי ניט פערשטא־נען. א שאד! א זעלטענער מענש איז, קען זיין, דורכגעגאנגען אזוי נאהנט פארביי מיר... און איך האב זיך מיט איהם ניט בענוצט און האב איהם אבגעשטויסען... אבער עס מאכט ניט! דאס גאנצע לעבען איז נאך פאר אויס. עס קען זיין, איך וועל בעגעגענען נאך זעלטענע מענשען!

— אבער פארוואס האט זי גראדע מיך אויסגעקליעבען? — ער האט אריינגעקוקט אין שפיעגעל, פאר וועלכען ער איז פערבייגעגאנ־גען. — וואס איז אין מיר דא בעזונדערס? און וואס פאר א פארשויין בין איך דאס? אזוי זיך, א פנים... ווי אלע פנים'ער... איבעריגענס, איז זי אויך ניט געווען קיין שעהנהייט.

— קיין שעהנהייט ניט... אָבער וואָס פאַר אַן אויסדרוקספולער פּנים! אַן אונבעוועגליכער... און פול אויסדרוק! איך האָב נאָך אַזאַ פּנים ניט בעגעגענט — און טאַלאַנט האָט זי אויך... דאָס הייסט גע־האַט, אָהן צווייפעל. איהר טאַלאַנט איז געווען אַ ווילדער, אונענט־וויקעלטער זאָגאַר פאַרגרעבטער... אָבער פּאָזיטיוו אַ גרויסער טאַ־לאַנט. און אויך אין דיעזען פאַל בין איך געווען צו איהר אונגערעכט.

— אַראַטאָוו האָט זיך אין די געדאַנקען אָבער געטראָגען צו יענעם ליטעראַריש־מוזיקאַלישען מאָרגען־קאָנצערט... און האָט אליין בע־מערקט אין זיך, אַז ער געדענקט זעהר קלאָהר יעדען וואָרט איהרען, וואָס זי האָט געזונגען אָדער פאַרגעלעזען, יעדען אויסדרוק אפילו... און דאָס וואָלט ניט מעגליך געווען, ווען זי וואָלט ניט געהאַט קיין טאַלאַנט.

— און איצט איז דאָס אַלעס אין קבר, וואוהין זי אַליין האָט זיך אריינגעגראָבען... אָבער איך האָב דערמיט קיין שייכות ניט... איך בין ניט שולדיג! עס וואָלט זאָגאַר געווען לעכערליך צו דענקען, אַז איך בין שולדיג. — אַראַטאָוו'ן איז ווידער איינגעפאַלען, אַז ווען זי וואָלט צו איהם ווירקליך געהאַט עפּעס אַ געפיהל, וואָלט איהר זיין האַלטונג אויף דעם בולוואַר אָהן צווייפעל ענטוישט. דערפאַר האָט זי זיך טאַקע אַזוי בייז צולאַכט פאַר'ן אַוועקגעהן. און וואו זיינען די בעווייזע, אַז זי האָט זיך פערגיפטעט אויס אונגליקליכער ליעבע? אַלע צייטונגס־שרייבער ערקלעהרען אימער אַזעלכע זעלבסטמאָרדען מיט אונגליק־ליכער ליעבע! — מענשען מיט אַזאַ כאַראַקטער, ווי קלאַראַ'ס, ווערט גיך נמאס דאָס לעבען... עס ווערט לאַנגוויילינ. יאָ, לאַנגווייליג. קופּ־פער איז גערעכט: איהר איז פּשוט דערעסען דאָס לעבען.

— ניט קוקענדיג אויפ'ן ערפאָלג, אויף די אָוואַציאָנען? — אַראַ־טאָוו האָט זיך פערטראַכט. איהם איז זאָגאַר אַנגענעהם געווען דער פּסיכאָלאָגישער אַנאַליז, אין וועלכען ער האָט זיך פערטיעפט. ביז אַהער פרעמד פון יעדער בעריהרונג מיט אַ פרוי, האָט ער זיך גאָר ניט פאָרגעשטעלט, וואָס פאַר בעדייטונג עס האָט געהאַט פאַר איהם אַליין אָט די דאָזיגע אָנגעשטרענגטע צוגלידערונג פון אַ פרוי'ס נשמה.

—הייסט עס — האָט ער פאָרטגעזעצט צו טראַכטען: — די קונסט האָט זי ניט בעפריעדיגט, האָט ניט אויסגעפיהלט די פּוסט־קייט פון איהר לעבען... אמת'ע קינסטלער עקזיסטירען נור פאַר זייער

קונסט, פאר דעם טהעאטער... אלעם אנדערע האט קיין שום ווערטה ניט אנטקעגען דאס, וואס זיי בעטראכטען, אלס זייער בערוף... זי איז הפנים געווען ניט מעהר, ווי א ליעבהאבערין פון קונסט, א דילע־טאנטין!"

דא האט זיך אראטאוו ווידער פערטראכט — ניין, דאס ווארט דילעטאנטין האט זיך ניט געפאסט מיט יענעם פנים, מיט דעם אויס־דרוק פון יענעם פנים, מיט יענע אויגען...

און פאר איהם איז ווידער ארויסגעשוואומען קלארא'ס גע־שטאלט... ווי זי קוקט אויף איהם מיט אויגען פול טרעהרען, מיט אויפגעהויבענע צו די ליפען, צוזאמענגעדריקטע הענד...

— „אך, מען דארף ניט, מען דארף ניט... — האט ער געשעפ־טשעט צו וואס?"

אזוי איז אריבער דער גאנצער טאג. צו מיטאג האט אראטאוו א סך גערעדט מיט פלאטאשא'ן, האט זי פאנאנדער געפרעגט פון אמא־ליגע יאהרען, וועלכע זי האט געדענקט, האט אבער וועגען זיי שלעכט דערצעהלט, ווייל זי איז ניט געווען קיין גרויסע רעדנערין — און אויסער איהר יאשען האט זי אויף איהר גאנץ לעבען כמעט גארניט בע־מערקט. זי האט זיך נאך געפרעהט דערמיט, וואס ער איז היינט אזא גוטער און א פריינדליכער! — פארנאכט־צו האט זיך אראטאוו אזוי בערוהיגט, אז ער האט געשפיעלט מיט דער מוהמען עטליכע קאנען אין קארטען.

אזוי איז אוועק דער טאג... דערפאר אבער די נאכט!!

XI.

אנגעהויבען האט זי זיך גוט; — ער איז אין גיכען איינגעשלא־פען — און ווען די מוהמע איז אויף די שפיץ פינגער צו איהם אריינ־געקומען, אום דריי מאל איבערצו'צלמ'ן איהם אין שלאף — זי האט עס געטהאן יעדע נאכט, — איז ער געלעגען און געאטהעמט רוהיג, ווי א קינד. נור פאר טאג האט ער געזעהן א חלום.

איהם האט זיך גע'חלומ'ט: ער איז געגאנגען איבער א וויסטען

שטיינערדיגע; מדבר אונטער נידעריגען הימעל. צווישען די שטיינער האָט זיך געשלענגעלט אַ שמאָלער וועג; ער איז אַוועק איבער איהם.

פלוצים האָט זיך פאַר איהם אויפגעהויבען עטוואָס, ווי אַ דינער וואָלקענדעל. ער קוקט זיך גוט איין; ערשט פון דעם וואָלקענדעל איז געוואָרען אַ פרוי, אין אַ ווייסען קלייד, מיט אַ העלען גאַרטעל ארום טאַליע. זי היילט זיך פון איהם צו אַנטלויפען. ער האָט ניט געזעהן ניט איהר פנים און ניט איהרע האָאָר... אַ לאַנגע טוך האָט זיי פערדעקט. אָבער ער האָט דורכאויס געוואָלט זי דעריאָגען און אריינקוקען איהר אין פנים. אָבער ווי ער האָט זיך ניט געהיילט — איז זי אַלץ געגאַנגען שנעלער פון איהם.

אויפ'ן וועג איז געלעגען אַ ברייטער, פלאַכער שטיין, עהנליך צו אַ מצבה. דאָס האָט איהר פערשטעלט דעם וועג. די פרוי האָט זיך אָבגעשטעלט. אראַטאָוו איז צוגעלאָפען צו איהר. זי האָט זיך צו איהם אומגעקעהרט — נאָר איהרע אויגען האָט ער נאָך אַלץ ניט געזעהן... זיי זיינען געווען פערמאַכט. איהר פנים איז געווען ווייס, ווייס ווי שנעע, איהרע הענד זיינען אראָבגעהאַנגען אונבעוועגליך. זי האָט אויסגעזעהן ווי אַ סטאַטוע.

לאַנגזאַם, ניט אָבבויגענדיג זיך מיט קיין גליעד, האָט זי זיך אַ קעהר געטהאָן צוריק און זיך אראָבגעלאָזען אויף דער דאָזיגער מצבה... און אָט ליעגט שוין אראַטאָוו נעבען איהר, אין גאַנצען אויסגעצויגען, אַזוי ווי אין אַ קבר, און זיינע הענד זיינען צוזאַמענגעלעגט, ווי ביי אַ מת.

נאָר דאָ האָט זיך די פרוי פלוצים אויפגעהויבען — און איז אַוועק ווייטער. אראַטאָוו וויל זיך אויך אויפהויבען... אָבער ניט ער קען זיך ריהרען און ניט די הענד פונאַנדערנעהמען... און פערצווייפעלט קוקט ער איהר נאָך.

דאַן האָט די פרוי זיך פלוצים אַ קעהר געטהאָן — און ער האָט דערזעהן ליכטיגע, לעבעדיגע אויגען אויף אַ לעבעדיג, נאָר אונבעקאַנט פנים. זי לאַכט, מאַכט מיט אַ האַנד און רופט איהם... און ער קען זיך נאָך אַלץ ניט אַ ריהר טהאָן.

זי האָט זיך נאָך אַמאָל צולאַכט און איז שנעל אַוועק, שאָקלענדיג פרעהליך מיט'ן קאָפּ, אויף וועלכען ער האָט דערזעהן אַ קראַנץ פון קליינע ראָזען.

אראטאָוו מאטערט זיך צונעהמען שרייען, מאטערט זיך צו צושטערען דעם דאָזיגען שרעקליכען קאָשמאר...

פלוצים איז אַלעס ארום פינסטער געוואָרען... און די פרוי האָט זיך אומגעקעהרט צו איהם. אָבער דאָס איז שוין ניט יענע אונבע־קאַנטע סטאַטוע... דאָס איז קלארא!... זי האָט זיך אָבגעשטעלט פאַר איהם, צוזאַמענגעלייקט די הענד — און קוקט אויף איהם שטרענג און אויפמערקזאַם. איהרע ליפּען זיינען צוזאַמענגעדריקט — נור אראטאָוו'ן דאכט זיך, אַז ער הערט ווערטער:

„אויב דו ווילסט וויסען, ווער איך בין, דאַן פאָהר אהין!"

— וואוהין? — פרעגט ער.

— „אהין! — הערט זיך אַ טיעפער קרעכץ — אהין!"

אראטאָוו האָט זיך אויפגעכאַפּט.

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אין בעט, אָנגעצונדען אַ ליכט, וועל־כע איז געשטאַנען אויף זיין נאַכט־טישעל — איז אָבער ניט אויפ־געשטאַנען — און איז לאַנג געזעסען, שוידערענדיג מיט'ן גאַנצען קערפּער, און לאַנגזאַם ארומגעקוקט זיך אין אַלע זייטען. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז מיט איהם האָט עפּעס פּאַסירט פאַר דער צייט, וואָס ער איז געשלאָפען; אַז עפּעס איז אריין אין זיינע ביינער... עטוואָס האָט איהם בעהערשט. „איז דאָס דען מעגליך?" האָט ער געשעפּצעט בעוואוסטלאָז. „שוין זשע עקזיסטירט אַזאַ מאַכט?"

ער האָט ניט געקענט בלייבען אין בעט. ער האָט זיך שטילינקער־הייד אָנגעטהאָן — און ביז העלען טאָג איז ער ארומגעגאַנגען אי־בער'ן צימער... און אַ מאָדנע זאַך! וועגען קלארא'ן האָט ער ניט גע־טראַכט קיין איין מינוט — און ניט געטראַכט האָט ער דערפאַר, ווייל ער האָט זיך בעשלאָסען גלייך אויף מאָרגען צו פאָהרען קיין קאַ־זאַן!

ער האָט נאָר געטראַכט וועגען דער דאָזיגער רייזע, וועגען דעם, ווי אַזוי ער זאָל דאָס מאַכען, און וואָס ער זאָל מיט זיך נעהמען, — און ווי ער וועט דאָרט אַלסדינג אויסגעפינען, אַלסדינג זיך דערוויסען — און וועט זיך בערוהיגען. — „אַז דו וועסט ניט פאָהרען", — האָט ער זיך אַליין גע'טענה'ט — „וועסטו נאָך פונ'ם זינען אראָפּ!" — ער האָט זיך דערפאַר געשראָקען, מורא געהאַט פאַר זיינע נערוועז, ער איז געווען זיכער, אַז ווי נאָר ער וועט דאָרט אַלעס דערזעהן מיט

זיינע אייגענע אויגען, — וועלען אלע בייזע מחשבות פערשווינדען, אזוי ווי יענער נאכט קאשמאר. — „און אין גאנצען וועט די רייזע נעהמען א וואך צייט". — האט ער געטראכט... „וואס איז אזוינס א וואך? און אנדערש וועט מען זיך דערפון ניט אבטשעפען".

די אויפגעהענדיגע זון האט בעלויכטען זיין צימער; נור דאס ליכט פון טאג האט ניט פערטריעבען די שאטענס פון דער נאכט, וואס האבען זיך אויף איהם ארויפגעלעגט, און ער האט זיין בעשלום ניט געענדערט.

פלאטאנידא האט שיער ניט געקראגען א שלאג, ווען ער האט איהר מיטגעטהיילט זיין בעשלום. זי האט זיך אזש ארויבגעלאזען... די פיס האבען זיך איהר אונטערגעהאקט. „וואס הייסט אין קאזאן? צו־וואס אין קאזאן?" — האט זי געשעפצעט אויסגלאצענדיג איהרע שוין אזוי אויך בלינדע אויגען. זי וואלט זיך ניט מעהר געוואונדערט, ווען זי וואלט זיך פלוצים דערוואוסט, אז איהר יאשא געהט היי־ראטהען מיט דער שכנ'טע, דער בעקערין, אדער ער פאהרט אין אמע־ריקא. — „און אויף לאנג פאהרסטו אין קאזאן?"

— אין א וואך ארום וועל איך זיין צוריק — האט ער געזאגט שטעהענדיג האלב אומגעקעהרט צו זיין מוהמען, וועלכע איז נאך אלץ געזעסען אויף דער פאדלאגע.

פלאטאנידא איוואנאוונא האט נאך עפעס געוואלט פרעגען אבער אראטאוו האט גאר אונערווארטעט און ניט ווי געוועהנליך גענומען שרייען אויף איהר:

— איך בין ניט קיין קינד — האט ער געשריען און איז אין גאנצען בלאס געווארען, זיינע ליפען האבען גענומען ציטערען און די אויגען בליצען מיט א בייז פייערל. — איך בין זעקס און צוואנציג יאהר אלט, איך וויים וואס איך טהו — איך האב א רעכט צו טהאן, וואס איך וויל! — איך וועל קיינעם ניט ערלויבען... גיט מיר געלד אויף הוצאות, גרייט צו דעם טשעמאדאן מיט וועש און זאכען... און מאטערט זיך ניט! — איך וועל זיין צוריק אין א וואך ארום, פלאטא־שא — האט ער צוגעזעצט שוין אביסעל ווייכער.

פלאטאשא האט זיך אויפגעהויבען קרעכצענדיג, און שוין מעהר גארניט פרעגענדיג, האט זי זיך אוועקגעשלעפט צו זיך אין צימער. יאשא האט איהר איבערגעשראקען.

— ניט קיין קאָפּ איז ביי מיר אויף די פּלייצעס — האָט זי געזאָגט צו דער קעכין, וועלכע האָט איהר געהאָלפען איינפּאַקען יאַ־שאַ'ס זאַכען: ניין, ניט קיין קאָפּ, נאָר אַ ביענשטאָק... און וואָס פאַר אַ ביענען עס זשוזשען דאָרט — ווייס איך אַליין ניט. אין קאַ־זאַן פאָהרט ער, מאַמעלע מיינע, אין קאַ־זאַ־אַן!

די קעכין, וועלכע האט נעכטען געזעהן דעם הויזוועכטער לאַנג שושקענדיג זיך מיט דעם פּאָליציי־מאַן — האט געוואָלט וועגען דעם דערצעהלען איהר בעל־הבית'טע — אבער זי האט ניט געוואגט און נור פאר זיך געטראַכט: „אין קאַזאַן? זעהט אָקאָרשט צו ניט ערגעץ ווייטער!"

און פּלאַטאָנידאַ איוואַנאָוונאַ האט זיך אַזוי פערלאָרען, אַז זי האט אפילו איהר שטענדיג געבעט ניט געזאָגט. אין אַזאַ צרה קען אפילו גאָט אַליין אויך ניט העלפען!

אין דעם זעלבען טאָג איז אַראַטאָוו אָוועקגעפאָהרען אין קאַזאַן.

XII.

אַזוי גיך, ווי ער איז אָנגעקומען אין שטאָדט און האט געדונגען אַ נומער אין אַ גאַסט־הויז — האט ער זיך גלייך אַ לאָז געטהאָן זוכען דאס הויז פון דער אלמנה מילאָווידאָווא. די גאַנצע צייט פון זיין רייזע האט ער זיך געפּונען אין עפּעס אַ מין פערגליווערטען צו־שטאַנד, וואס עס האט איהם פון דעסטוועגען ניט געשטערט איבער־צוזעצען זיך אין ניזשני־נאָווגאָראָד פון דער באַהן אויף אַ שיף, עסען אויף די סטאַנציעס און אַזוי ווייטער. ער איז נאָך ווי פריהער געוועזען זיכער, אַז דאָרט וועט זיך אַלעס ערקלערען און דעריבער האט ער פערטריעבען פון זיך אַלע עראינערונגען, אַלע געדאַנקען און זיך בלויז בעגנוגענט מיט איין זאַך — מיט דעם צוגרייטען אין די גע־דאַנקען אַ רעדע, אין וועלכער ער זאָל פאַר קלאַראַ'ס פאַמיליע ער־קלערען די אורזאַכע פון זיין רייזע. — און אָט איז ער געקומען צום ציעל פון זיין שטרעבונג, און געהייסען מעלדען וועגען זיך. מען האט

איהם אריינגעלאָזען... מיט פערוואונדערונג און שרעק — אבער דאָך אריינגעלאָזען.

דאס הויז פון דער אלמנה מילאָווידאָווא איז ווירקליך געווען אזא ווי קופּפּער האט איהר פאַרגעשטעלט; און די אלמנה אליין, איז טאקע עהנליך געווען צו איינער פון אָסטראָווסקי'ס קופּטשיכעס, סוחר'טעס, כאָטש זי איז געווען פון בעאַמטען־שטאנד.

ניט גאַר אָהן מיה האט אַראַטאָוו, פריהער ענטשולדיגענדיג זיך פאר זיין דרייסטקייט, פאַר זיין בעזוך אין א פרעמד הויז, געהאַלטען זיין צוגעגרייטע רעדע. ער האט ערקלערט, אז איהם ווילט זיך צו־נויפקלייבען אלע נויטיגע ידיעות וועגען דער בעגאַבטער ארטיסטין, וועלכע איז אזוי יונג פערלאָרען געגאַנגען; אז ער טהוט עס ניט בלויז פון נייגעריגקייט וועגען, נור פון מיטגעפיהל צו איהר טאלענט, פון וועלכען ער איז געווען א פערעהרער. (ער האָט אזוי געזאָגט: פערעהרער); אז, שליסליך, וואָלט געווען אַן עולה ניט צו לאָזען וויסען דער וועלט, וואס זי האט פערלאָרען — און פאר וואס מען האט זי פערלאָרען!

די פרוי מילאָווידאָווא האט אַראַטאָוו'ן ניט אונטערבראָכען, זי האט קוים פערשטאנען, וואס אזוינס ער רעדט צו איהר, דער אונבע־קאַנטער גאַסט. — זי האט זיך נור אביסעל אָנגעבלאָזען און גע־גלאַצט אויף איהם איהרע אויגען, אבער זעהענדיג, אז ער קוקט אויס אנשטענדיג, איז שעהן געקליידעט — און איז נישט עפּעס א קעשע־ניק... וועט ער דאָך מסתמא קיין געלד ניט בעטען... — האט זי זיך בערוהיגט.

— איהר רעדט דאס וועגען קאַטיאַ'ן? — האט זי געפרעגט אזוי שנעל, ווי אַראַטאָוו איז אַנשווייגען געוואָרען.

— יא... וועגען אייער טאָכטער.

— און צוליעב דעם זייט איהר געקומען צופאָהרען פון מאָסקווע?

— פון מאָסקווע.

— בלויז צוליעב דעם?

— יא, צוליעב דעם.

די פרוי מילאָווידאָווא האט זיך פּלוצים א כאַפּ געטהאָן.

— אָך, איהר זייט א פּראָפעסאָר? איהר שרייבט אין זשור־נאַלען?

— ניין, איך בין ניט קיין פּערפֿאסער — און אין זשורנאַלען האב איך ביז אהער ניט געשריעבען.

די אלמנה האט אָנגעבויגען דעם קאָפּ. זי האט ניט געקענט פֿערשטעהן.

— הייסט עס... פּשוט, פֿון אייערט וועגען אליין? — האט זי פּלוצים געפֿרעגט.

אַראַטאָוו האט ניט גלייך געפֿונען אַן ענטפֿער.

— אוים מיטגעפֿיהל, אוים אַכטונג צום טאַלענט — האט ער, צום סוף, ארויסגערעדט.

דאס וואָרט „אַכטונג" איז געפֿעלען געוואָרען דער פֿרוי מילאָ־ווידאָוואַ.

— מילא! — האט זי געזאָגט מיט א זיפֿץ — איך בין אפֿילו איהר מאַמאַ — און האב נאָך איהר זעהר געטרויערט... פּלוצים אַזאַ אונגליק!... אבער דעם אמת מוז איך זאָגען: זי איז אימער געווען א ווילדע — און איהר לעבען האט זי אויך געענדיגט אויף א ווילדען שטייגער! אַזאַ שאַנדע!... שטעלט זיך נור פֿאָר: ווי אזוי דאס איז פֿאר דער מאַמען? דאַנקען גאָט, וואס מען האט איהר כאָטש מְקבר געווען ווי א קריסטין... פֿרוי מילאָווידאָוואַ האט זיך איבערגע־צלמ'ט— פֿון קינדווייז אָן האט זי קיינעם ניט געפֿאָלגט — די על־טערן'ס הויז פֿערלאָזען... און צום סוף, ס'איז גרינג צו זאָגען! איז זי אַן אַקטיאָרקע געוואָרען! לייט ווייסען: פֿון שטוב האב איך זי ניט ארויסגעטריעבען: איך האב זי דאָך ליעב געהאַט! איך בין דאָך פֿאָרט א מאַמע! איך'ל זי דאָך ניט שיקען וואוינען אין דער פֿרעמד און מאַטערן זיך!... (דאָ האט די אלמנה פֿערגאָסען עטליכע טרערען.) און אויב איהר, מיין הערר — האט זי ווידער געזאָגט, ווישענדיג די אויגען מיט א ברעג פֿון איהר האַלז־טיכעל — ווילט בלויז ווִיסען, און איהר מיינט ניט קיין בייז, חלילה, נור אדרבה, איהר ווילט אונז ארויסווייזען אייער מיטגעפֿיהל — דאַן רעדט בעסער מיט מיין צווייטער טאָכטער. זי וועט אייך אלעם דערצעהלען בעסער פֿון מיר... אַננאָטשקאַ! — האט א געשריי געטהאָן די פֿרוי מילאָ־ווידאָוואַ — אַננאטשקאַ, קום אהער! דאָ איז פֿאַראַן עפּעס א הערר פֿון מאָסקווע, וועלכער וויל זיך דורכריידען וועגען קאַטיאַ'ן.

עס האט עפּעס א קלאַפּ געטהאַן אין צווייטען צימער; אבער קיינער האט זיך ניט געוויעזען.

— אנאַטשקאַ! — האט ווידער א געשריי געטהאַן די אלמנה — אננאַ סעמיאָנאָוונאַ! קום, זאָגט מען דיר!

די טהיר האט זיך שטיל געעפענט, און אויפ'ן שוועל איז ערשינ־נען א מיידעל שוין ניט קיין יונגע, מיט א קריינקליכען אויסזעהן — און ניט קיין שעהנע — נור מיט זעהר גוטע און אומעדיגע אויגען.

אראַטאָוו האט זיך אויפגעהויבען פון אָרט איהר אַנטקעגען און האט זיך פאָרגעשטעלט. דערביי האט ער אָנגערופען זיין פריינד קופּפער'ן.

— אָה! פיאָדאָר פיאָדאָראָוויטש! — האט שטיל ארויסגערעדט דאס מיידעל און זיך אראָבגעלאָזט אויף א שטוהל.

— נו, אָט שמועס זיך דורך מיט דעם הערר'ן — האט צו איהר געזאָגט די מוטער, זיך אויפהויבענדיג שווער פון אָרט — ער האט זיך מטריח געווען, אַזש פון מאָסקווע צוליעב דעם געקומען, ער וויל האבען אויסקינפטע וועגען קאַטיאַ'ן... און איהר, מיין הערר — האט זי זיך געווענדעט צו אראַטאָוו'ן — ענטשולדיגט... איך מוז געהן צו מיין בעל־הבית'אישקייט. מיט אננעטשקען קאָנט איהר זיך גוט דורכריידען — זי וועט אייך דערצעהלען וועגען טעאַטער... און וועגען אלעס. זי איז ביי מיר א חכמה, א געבילדעטע: זי רעדט פראַנצויזיש און לעזט ביכלאַך, ניט ערגער פון איהר פערשטאָרבענער שוועסטער. זי האט יענע, קען מען זאָגען, ערצויגען... איז געוועזען עלטער פון איהר, האט זי זיך מיט איהר פערנומען.

פרוי מילאָווידאָווא איז אוועק. געבליעבען אליין מיט אננאַ סעמיאָנאָוונאַ, האט איהר אראַטאָוו נאָך אמאָל איבערגע'חזר'ט זיין רעדע; אבער פערשטעהענדיג פון דעם ערשטען בליק, אז ער האט דאָ צו טהאָן מיט א אויף אַן אמת געבילדעטער מיידעל, ניט מיט קיין קרעמערשער טאָכטער — האט ער זיך אין זיין רעדע אביסעל ברייטער פערנומען — און האט אויך געברויכט אַנדערע אויסדריקע; און, צום סוף, איז ער אליין געוואָרען אויפגערעגט, פאררויטיגט און האט דערפיהלט, אז דאס הארץ קלאַפּט ביי איהם.

אננאַ האט איהם אויסגעהערט שווייגענדיג, פערלייגט א האַנד אויף א האַנד; אַן אומעטיגער שמייכעל איז ביי איהר פון'ם פּנים

ניט אראָב... א ביטערען, נאָך ניט איבערגעליטענעם שמערץ האט אויסגעדריקט דער דאָזיגער שמייכעל.

— איהר האט געקאָנט מיין שוועסטער? — האט זי געפרעגט אראטאָוו'ן.

— ניין, איך האב זי אייגענטליך ניט געקענט — האט ער גע־ענטפערט — געזעהן האב איך זיך מיט איהר און געהערט זי נור איין מאָל... אבער אייער שוועסטער איז גענוג געווען בלויז איין מאָל צו זעהן און צו הערען...

— איהר ווילט שרייבען איהר ביאָגראפיע? — האט ווידער גע־פרעגט אננא.

אראטאָוו האט ניט ערוואַרטעט אזא פראגע, דאָך האט ער גלייך געענטפערט:—פאר וואס ניט? נור די הויפּטזאך, איך וויל בעקאַנען דאס פובליקום...

אננא האט איהם אָבגעשטעלט מיט א בעזונדערער האנד־בע־וועגונג.

— צו וואס דארף מען דאס? דאס פובליקום האט איהר אזוי אויך גענוג צרות פערשאפט; און קאטיא האט דאָך ערשט אָנגעהויבען צו לעבען. נור אויב אייך אליין אינטערעסירט עס (אננא האט אויף איהם א קוק געטהאָן און ווידער געשמייכעלט מיט יענעם אומעטיגען, אבער פריינדליכען שמייכעל... ווי זי וואָלט געטראכט: איך האב צוטרויען צו דיר.) אויב איהר אליין האט אזוי פיעל מיטגעפיהל צו איהר, דאן ערלויבט מיר אייך צו בעטען אריינקומען צו אונז היינט אבענד... נאָך מיטאָג, איצט קען איך ניט... אזוי פלוצים... איך מוז צוזאמענגעהמען מיינע קרעפטען... איך וועל פרובען... אַך, איך האב זי צו שטארק געליעבט!

אננא האט זיך אָבגעקעהרט; זי איז געווען נאָהענט צו טרערען.

אראטאָוו האט זיך שנעל אויפגעהויבען פון שטוהל, געדאנקט איהר פאר דער איינלאדונג, און פערזיכערט, אז ער וועט אונבעדינגט קומען... געוויס, ניט אנדערש! — און ער איז אוועק, מיטנעהמענדיג מיט זיך אין דער נשמה דעם איינדרוק פון א שטילער שטימע, פון ווייכע, טרויעריגע אויגען — און א ביינקענדיגע ערוואַרטונג.

XIII.

אין דעם זעלבען טאָג איז אַראַטאָוו ווידער געקומען צו מילאָווידאָוואַ'ן און האט דריי שטונדען נאָכאַנאַנד פערבראַכט מיט אַננאַ סעמיאָנאָוונאַ'ן. פרוי מילאָווידאָוואַ האט זיך גלייך נאָך מיטאָג — צוויי אַ זייגער — געלעגט שלאָפען און זיך „אָבגערוהט" ביז'ן אבענדטהעע, ביז זיעבען אַ זייגער. אַראַטאָוו'ס געשפּרעך מיט אַננאַ'ן איז אייגענטליך ניט געוועזען קיין געמיינזאַמער אונטערהאַלטונג, ווייל זי האט כמעט אַליין גערעדט די גאַנצע צייט. פריהער שעהמעוודיג, מיט צוצווייגענע, אָבגעהאַקטע ווערטער, און דערנאָך אין איין אָטהעם און מיט היץ. זי האט, וואַהרשיינליך, פערגעטערט איהר שוועסטער. דער צוטרויען, וואס אַראַטאָוו האט אין איהר ערוועקט, איז אַלץ געוואַקסען און שטאַרקער געוואָרען; זי האט זיך שוין מעהר ניט איינגעהאַלטען; האט שוין אַ מאָל צוויי געוויינט פאַר איהם אין דער שטיל.

איהר האט זיך געדאַכט, אַז ער פערדיענט, זי זאָל אויסגיסען פאַר איהם איהר האַרץ, זאָל זיין מיט איהם גאַנץ אָפּענהערציג... וועגען איהר אייגענעם, ניט גאָר פרעהליכען לעבען, האט זי נאָך קיין מאָל מיט קיינעם אַזוי ניט גערעדט!.. און ער... ער האט געשלונגען איהר יעדען וואָרט.

און אָט וואס ער האט זיך דערוואוסט... נאַטירליך, פיעלעס פון האַלבע ווערטער, פון ניט דערזאָגטע... פיעלעס האט ער אַליין צוגעלעגט.

אין איהר קינדהייט איז קלאַראַ אָהן צווייפעל געוועזען ניט קיין גוט קינד; ווען זי איז אביסעל אונטערגעוואַקסען, איז זי ניט פיעל בעסער געוואָרען: אַן איינגעשפּאַרטע, אַ היציגע, פול מיט אייגענליעבע, איז זי ניט אויסגעקומען מיט'ן פאָטער, ווען זי האט געהאַסט פאַר זיין שכרות און גראָבקייט. ער האט עס געפיהלט און האט עס איהר בשום אופן ניט געקענט מוחל זיין. איהר מוזיקאַלישע פעהיגקייטען האבען זיך פריה ארויסגעוויזען; דער פאָטער האט איהר ניט געוואָלט געבען קיין מעגליכקייט זיי צו ענטוויקלען, אנערקענענדיג פאַר אמת'ע קונסט נאָר מאַהלעריי, אין וועלכער ער אַליין

חאט זעהר ווייניג אויפגעטהאָן, וועלכע האט אבער ערנעהרט איהם און זיין פאמיליע. די מוטער האט קלארא ליעב געהאט... אָהן קונ־צען, איינפאך, ווי א ניאנקע; די שוועסטער האט זי פערגעטערט, כאָטש זי האט זיך געשלאָגען מיט איהר, און זי געביסען... אמת טאקי, זי האט דערנאָך אויף איהרע קניע געקושט די איינגעביסענע ערטער. זי איז אין גאנצען געווען פלאם־פייער, אין גאנצען — לייד־דענשאפט און אין גאנצען — ווידערשפרוך: ראכעזיכטיג און גוט, גרויסמוטהיג און פערביסען; האט געגלויבט אין שיקזאל — און ניט געגלויבט אין גאָט (די דאָזיגע ווערטער האט אננא ארויסגעשעפט־צעט מיט שרעק): האט געליעבט אלעס וואס איז שעהן, און וועגען איהר אייגענער שעהנקייט האט זי זיך ניט געזאָרגט, און זיך געקליי־דעט אבי־ווי; האט ניט געקענט פערטראָגען, אז יונגע לייט זאָלען איהר מאכען קאָמפּלימענטען און זאָלען איהר נאָכגעהן, און אין ביכער האט זי נור געלעזען יענע בלעטלאך, וואו עס האט זיך גערעדט פון ליעבע; האט ניט געזוכט צו געפעלען ווערען, ניט ליעב געהאט קיין לאסקעס, און האט קיין מאָל א לאסקע ניט פערגעסען, ווי זי האט ניט געקענט פערגעסען קיין בעליידיגונג; האט זיך געשראָקען פאר'ן טויט, און אליין זיך דאס לעבען גענומען! זי פלעגט אָפט זאָגען: „אזא מענשען, ווי איך וויל, וועל איך ניט טרעפען... און קיין אנ־דערן דארף איך ניט!" — נו, אויב דו וועסט יא טרעפען? — האט זי אננא געפרעגט — „וועל איך טרעפען... וועל איך איהם נעהמען" —און ווען עס וועט זיך ניט לאָזען נעהמען? „נו, דאן... דאן וועל איך מאכען א סוף צו מיין לעבען. הייסט עס, טויג איך ניט." קלא־רא'ס פאָטער (ער פלעגט א מאָל שכור'ערהייד פרעגען דער ווייב: „פון וועמען האָסטו געהאט אָט דעם טייפעל, אָט דעם שווארצען? — פון מיר ניט!") קלארא'ס פאָטער, זוכענדיג וואס גיכער פון איהר פטור צו ווערען, האט מיט איהר געהאט א שידוך געטהאָן מיט א רייכען יונגען סוחר'ל, א כשר'ע בהמה'לע — פון די „געבילדעטע." צוויי וואָכען פאר דער חתונה (זי איז דאן אין גאנצען אלט געווען זעכ־צעהן יאָהר) איז זי צוגעגאנגען צו איהר חתן פערלייגט די הענד און שפּיעלענדיג מיט די פינגער איבער די עלענבויגענס (איהר געליעבטע פּאָזע), און פּלוצים א פּראסק געטהאָן איהם איבער זיינע רויטע בא־קען מיט איהר גרויסער, שטארקער האנד! ער איז אויפגעשפּרונגען

און האט בלויז דעם מויל געעפענט — מען מוז צוגעבען, אז ער איז אין איהר געווען שטערבליך פערליעבט... פאַרוואס? — פרעגט ער. זי האט זיך צולאכט און איז אוועק. — איך בין דעמאָלט געווען אין דעם זעלבען צימער — דערצעהלט אַננאַ — בין געווען אַן עדות. — איך האב גענומען לויפען נאָך איהר און פרעג איהר: — קאַטיאַ, גאָט איז מיט דיר, וואס טהוסטו? — ענטפערט זי מיר: „וואָלט ער געווען אַ מענש אַ ריכטיגער, ווי עס דאַרף זיין, וואָלט ער מיר צו־בראָכען די ביינער, אַזוי אבער, איז ער אַ צוקראָכענער ענדיק! און ער פרעגט נאָך: פאַרוואס? אויב דו ליעבסט, און האָסט ניט גענומען קיין ראַכע, דאַן לייד און פרעג ניט: פאַרוואס? ער וועט קיין מאָל פון מיר גאָרניט האבען — קיין מאָל אין לעבען ניט!" און זי האט טאַקע מיט איהם ניט חתונה געהאַט. בלויז נאָכדעם האט זי זיך בעקאָנט מיט דער אַקטריסע און האט פערלאָזען אונזער הויז. די מו־טער האט געוויינט און דער פאָטער האט נור געזאָגט: „אַ שלעכטע ציעג — פון סטאַדע ארויס!" און האט זיך וועגען איהר מעהר ניט געזאָרגט און זי ניט געזוכט. דער פאָטער האט קלאַראַ'ן ניט פער־שטאַנען. מיך האט זי פאר איהר אוועקפאָהרען שיעור ניט דערשטיקט אין איהרע אָרעמס — און האט אַלץ ווידערהאָלט: „איך קען ניט! איך קען ניט אַנדערש!.. צושפּאַלטען דאס האַרץ קען איך ניט! אייער שטייגעל איז מיר צו קליין... ניט נאָך מיינע פליעגלען נאָך! און פון דעם אייגענעם שיקזאַל קען מען זיך סיי־ווי־סיי ניט אויס־דרעהען..."

— נאָכדעם — האט אַננאַ בעמערקט — פלעגען מיר זיך מיט איהר זעלטען זעהן... ווען דער פאָטער איז געשטאָרבען, איז זי געקומען צופאָהרען אויף צוויי טעג, האט קיין זאַך פון דער ירושה ניט גענומען — און איז ווידער פערשוואונדען. איהר איז געווען שווער ביי אונז... דאס האב איך געזעהן. דערנאָך איז זי געקומען אין קאַזאַן שוין אַלס אַקטריסע.

אַראַטאָוו האט גענומען פאַנאַנדערפרעגען אַננאַ'ן וועגען טעאַ־טער, וועגען די ראָלען, אין וועלכע קלאַראַ האט געשפּיעלט, און וועגען איהרע ערפאָלגען...

אַננאַ האט אויף אַלעם געענטפערט מיט איינצעלהייטען, אבער מיט דער זעלבער אומעדיגער, כאָטש לעבהאַפטער בעגייסטערונג. זי

האט זאגאר געוויעזען אראטאָוו'ן א פאָטאָגראפישעם בילד, אויף וועלכער קלארא איז געווען ארונטערגענומען אין איינער פון איהרע ראָלען. אויפ'ן בילד האט זי געקוקט אָן א זייט, ווי זי וואָלט זיך אָב־געקעהרט פון די צושויער; דער לאנגער, געדיכטער צאָפּ, איבערגע־פלאָכטען מיט א סטענגע, איז ווי א שלאנג געפאלען אויף דער ענט־בלויזטער האנד. אראטאָוו האט לאנג בעטראכט דאס דאָזיגע בילד, געפונען, אז עס איז זעהר עהנליך, האט געפרעגט, אויב קלארא האט אנטהייל גענומען אין עפענטליכע פאָרלעזונגען און זיך דערוואוסט, אז ניט; אז איהר איז נויטיג געווען די אויפרעגונג פון טעאטער, פון דער ביהנע... נור אן אנדער פראגע האט געברענט אויף זיינע ליפען.

— אננא סעמיאָנאָוונא! — האט ער, צום סוף, אויסגעשריען ניט זעהר הויך, אבער מיט א בעזונדערער קראפט — זאָגט, איך בעט אייך, זאָגט מיר... ווארום האט... ווארום האט זי בעגאנגען יענע שרעקליכע טהאט?

אננא האט אראָבגעלאָזען די אויגען.

— איך וויים ניט! — האט זי ארויסגערעדט אין א ווייל‌ע ארום — ביי גאָט, איך וויים ניט! — האט זי גערעדט ווייטער שנעל, בעמערקענדיג, אז אראטאָוו האט געמאכט א בעוועגונג מיט די הענד, ווי ער וואָלט איהר ניט גלויבען... — פון דעם ערשטען טאָג, וואס זי איז געקומען אהער, איז זי געווען פערטראכט, אומעטיג, פינסטער. עס האט מיט איהר אין מאָסקווע געמוזט עפעס טרעפען, אבער וואס אזוינס האב איך בשום אופן ניט געקענט דערגעהן! נור, פאר־קעהרט, אין יענעם אונגליקליכען טאָג איז זי געווען ווי עפעס... אויב ניט פרעהליכער, אבער רוהיגער געווים, ווי אימער. איך אפילו, האב קיין שלעכטע פאָרגעפיהלען ניט געהאט — האט אננא צוגעזעצט מיט א ביטערען שמייכעל, אזוי ווי זי וואָלט זיך דערפאר פאָרווירפע געמאכט.

— ווייסט איהר — האט זי ווידער גענומען ריידען — ביי קאטיא'ן איז עפעס ווי ביי איהר געבורט אָנגעשריבען געוואָרען, אז זי וועט זיין אונגליקליך. פון איהרע פריהסטע יאָהרען אָן, איז זי אין דעם איבערצייגט געווען. זי פלעגט אָנשפארען דעם קאָפּ אויף דער האנד, פלעגט זיך פערטראכטען און זאָגען: „איך וועל ניט לאנג

לעבען!" זי פלעגט האבען פאַרגעפיהלען. שטעלט זיך פאָר, זי האט מיט א צייט פריהער, א מאָל אין חלום און א מאָל אויף'ן וואָהר, געזעהן, וואס מיט איהר וועט זיין! „איך קען ניט לעבען, ווי איך וויל, איז נישט, דאַרף מען ניט..." איז אויך געווען איינס פון איהרע ווערטלאַך — „אונזער לעבען איז דאָך ביי אונז אין די הענד!" און זי האט עס בעוויזען.

אננאַ האט פערדעקט די אויגען מיט די הענד — און איז אַנשווייגען געוואָרען.

— אננאַ סעמיאָנאָוונא — האט נאָך א קליין שווייגען אָנגעהויבען אראַטאָוו — איהר האט דאָך וואהרשיינליך געהערט, מיט וואס די צייטונגען האבען ערקלערט...

— מיט אונגליקליכער ליעבע?... — האט איהם אננאַ אונטערבראָכען, מיט א מאָל אוועקנעהמענדיג די הענד פון פנים — דאס איז א בלבול, אַן אויסגעטראַכטער ליגען!... מיין ריינע, אונשולדיגע, שטאָלצע קאַטיאַ... קאַטיאַ! און אונגליקליכע, אָבגעשטויסענע ליעבע?! און איך וואָלט דערפון ניט געוואוסט?.. אין איהר, אין איהר האבען זיך אלע איינגעליעבט... אבער זי... און אין וועמען האט זי זיך דאָ געהאט צו פערליעבען? ווער, פון די אלע מענשען, ווער איז איהר ווערטה געווען? ווער איז דערוואַקסען צו יענעם אידעאַל פון עהרליכקייט, וואהרהאפטיגקייט, ריינקייט, די הויפטזאַך — ריינקייט, וואס האט ביי אלע איהרע פעהלערן, שטענדיג געשוועבט פאר איהרע אויגען... איהר אָבשטויסען... איהר...

אננאַ'ס קול האט זיך איבערגעריסען... איהרע פינגער האבען לייכט א ציטער געטהאָן. זי איז פלוצים אין גאַנצען רויט געוואָרען. רויט געוואָרען פאר ענטריסטונג — און אין דיזען אויגענבליק — און נור אויף איין אויגענבליק — איז זי עהנליך געוואָרען אויף דער שוועסטער.

אראַטאָוו האט זיך געהאט גענומען ענטשולדיגען.

— הערט אויס — האט איהם אננאַ ווידער אונטערבראָכען — איך וויל אונבעדינגט, אז איהר אליין זאָלט ניט גלויבען אין דעם בלבול, און זאָלט איהם צו נישט מאכען, אויב עס איז נאָך מעגליך! איהר ווילט דאָך וועגען איהר שרייבען עפּעס אַן ארטיקעל, אָט האט איהר א געלעגענהייט צו פערטהיידיגען איהר אנדענקען! אָט דער־

פאר טאקע רייד איך מיט אייך אזוי אויפריכטיג. הערט אוים: פון קאטיא'ן איז פערבליעבען א טאגעבוך...

אראטאוו האט זיך א טרייסעל געטהאן.

— א טאגעבוך? — האט ער ארויסגעשעפטצעט.

— יא, א טאגעבוך... דאס הייסט, אין גאנצען עטליכע בלעט־לאך. — קאטיא האט ניט ליעב געהאט צו שרייבען... מאנאטען גאנצע האט זי גארנישט ארייגעשריעבען... און איהרע בריעף זיינען אויך געווען גאר קורצע. נאר זי האט שטענדיג, שטענדיג גע־זאגט דעם אמת, זי האט קיינמאל ניט געלייגט... מיט איהר איי־גענליעבע און לייגען! איך... איך וועל אייך ציינען דעם דאזיגען טאגעבוך! איהר וועט אליין זעהן, צו איז געווען אין איהם כאטש א סימן פון אונגליקליכער ליעבע!

אננא האט שנעל ארויסגענומען פון טישקעסטעל א דין העפטעל, פון א בלעטלאך צעהן, ניט מעהר, און עס דערלאנגט אראטאוו'ן. יענער האט עס דורשטיג א כאפ געטהאן, דערקענט איהר ניט ריכטי־גע, צושמירטע האנדשריפט, די זעלבע האנדשריפט פון יענעם ניט אונטערגעשריעבענעם בריעף, האט ער סתם אן עפען געטהאן — און האט גלייך אנגעטראפען די פאלגענדע שורות:

„מאסקווא. — דינסטאג... יוני. געזונגען און פארגעלעזען אויף א מארגען־קאנצערט. היינטיגער טאג בעדייטעט פאר מיר זעהר, זעהר פיעל. ער דארף בעשטימען מיין שיקזאל. (די דאזיגע ווערטער זיינען געווען צוויי מאל אונטערגעשטריכען) איך האב איהם ווידער געזעהן..." דא האבען געפאלגט עטליכע שטארק פארמעקטע שורות — און דערנאך: „ניין! ניין! ניין!... מען מוז אנהייבען איבער א נייס פאר דאס פריהערדיגע..."

אראטאוו האט אראבגעלאזען די האנד, אין וועלכער ער האט געהאלטען דאס העפט, און זיין קאפ האט זיך שטיל אראפגעבויגען אויפ'ן ברוסט.

— לעזט! — האט אננא אויסגערופען — פארוואס לעזט איהר ניט? לעזט פון אנהויב!... דאס גאנצע טאגעביכעל קען מען אי־בערלעזען אין פינף מינוט צייט, כאטש געשריעבען האט זי איהם גאנצע צוויי יאהר. אין קאזאן האט זי שוין מעהר גארניט פער־שריעבען...

אַראַטאָוו האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבען פון שטוהל און זיך אַראָפּגעלאָזען אויף די קניע פאַר אַננאַ'ן.

יענע האָט איהם אָנגעקוקט אַ פערגליווערטע פון ערשטוינונג און שרעק.

— גיט... גיט מיר דאָס טאָגעבוך — האָט אַראַטאָוו גערעדט מיט אַ געבראָכענער שטימע, און האָט אויסגעשטרעקט צו איהר ביידע הענד — גיט עס מיר... און דאָס בילד... איהר האָט אודאי נאָך איינס... און דאָס טאָגעבוך וועל איך אייך אָבגעבען. אָבער איצט דאַרף איך עס, איך מוז...

אין זיין געבעט, אין זיינע צוקרימטע געזיכטסציגע איז געווען אַזוי פיעל פערצווייפלונג, אַזוי פיעל יסורים... ס'איז קענטיג געווען, אַז ער האָט שטאַרק געליטען. ער האָט זיך אַליין ניט געקענט פאָר־שטעלען, אַז אויף איהם וועט פּלוצים קומען אַזאַ אונגליק, און ער האָט נערוועז ווי געבעטען אום ערבאַרעמען, אום הילף...

— גיט עס מיר — האָט ער נאָך אַמאָל געזאָגט.

— איהר . . . איהר זייט געווען פערליעבט אין מיין שוועסטער? — האָט אַננאַ ענדליך אַרויסגערעדט.

אַראַטאָוו איז נאָך אַלץ געשטאַנען אויף די קניע.

— איך האָב זי אין גאַנצען געזעהן נאָר צוויי מאָל... גלויבט מיר!... און אויב מיך וואָלטען ניט בעוועגט דערצו געוויסע אור־זאַכען, וועלכע איך אַליין קען נאָך ניט אויף קלאָר פערשטעהן און ערקלערען... ווען איבער מיר וואָלט ניט געווען אַ קראַפט, וואָס איז שטאַרקער פון מיר... וואָלט איך אייך אַזוי ניט געבעטען... איך וואָלט ניט געקומען צופאָהרען אַהער. איך דאַרף... איך מוז... איהר אַליין האָט דאָך געזאָגט, אַז איך בין פערפליכטעט אויפצושטע־לען איהר ריינע געשטאַלט.

— און איהר זייט ניט געווען פערליעבט אין מיין שוועסטער?

— האָט אַננאַ ווידער געפרעגט.

אַראַטאָוו האָט ניט גלייך געענטפערט און האָט זיך עטוואָס אָבגעקעהרט, אַזוי ווי פון וועהטאָג.

נו, יאָ! געווען! געווען! — איך בין נאָך איצט אויך פערליעבט — האָט ער אויסגערופען מיט דער זעלבער פערצווייפלונג.

עס האָבען זיך דערהערט טריט אין צווייטען צימער.

— שטעהט אויף... שטעהט אויף... — האט שנעל געזאָגט אַננאַ — די מוטער געהט צו אונז.

אַראַטאָוו האט זיך אויפגעהויבען.

— און נעהמט דאס טאַגעבוך מיט'ן בילד. זאָל זיין אזוי! אָרעמע קאַטיאַ! אבער דאס טאַגעבוך זאָלט איהר מיר צוריקקעהרען — האט זי שנעל צוגעזעצט — און אויב איהר וועט עפּעס אָנשרייבען, זאָלט איהר מיר אונבעדינגט צושיקען... איהר הערט?

דאס אריינקומען פון דער מאַמען האט אַראַטאָוו'ן בעפרייט פון צו ענטפערן. ער האט נור נאָך צייט געהאַט א פליסטער צו טהאָן:— איהר זייט א מלאך! איך דאַנק אייך! איך וועל אייך צושיקען אלעס, וואס איך'ל אָנשרייבען...

די פרוי מילאָווידאָווא, נאָר וואס אויפגעשטאַנען פון שלאָף, האט גאָרנישט בעמערקט.

און אזוי איז אַראַטאָוו אוועקגעפאָהרען פון קאַזאַן מיט'ן בילד אין בוזעם־קעשענע פון זיין ראָק. דאס העפטעל האט ער צוריקגעקעהרט אַנאַ'ן, נאָר אונבעמערקט פון איהר, האט ער אויסגעשניטען דאס בלעטעל, אויף וועלכען עס האבען זיך געפונען די אונטערגעשטריכענע ווערטער. אויפ'ן וועג צוריק איז ער ווידער אריינגעפאַלען אין א מין פערגליווערטען צושטאַנד, כאָטש ביי זיך אין האַרצען האט ער זיך געפרעהט, וואס ער האט זיך דערוואוסט אלעס, נאָך וואס ער איז געפאָהרען, פון דעסטוועגען האט ער אלע געדאַנקען וועגען קלאַראַ'ן אָבגעלעגט ביז זיין צוריק קומען אהיים. א סך מעהר האט ער געטראַכט וועגען איהר שוועסטער אַננאַ. — אָט דאס — האט ער ביי זיך געטראַכט — איז א זעלטענעס, סימפּאַטישעס וועזען! וואס פאר אַן עדעלער בעגריף וועגען אלעס, וואס פאר א ליעבענד האַרץ, און קיין ברעקעל עגאָאיזמוס! און ווי ביי אונז אין דער פּראָווינץ— און נאָך אונטער אזעלכע בעדינגונגען — קענען עס אויסוואַקסען אַזעלכע מיידלאַך! זי איז א קרענקליכע, ניט קיין שעהנע און ניט קיין יונגע, אבער וואס פאר א טהייערע לעבענס־בעגלייטערין זי וואָלט געקענט זיין פאר אן אנשטענדיגען, געבילדעטען מענשען! אָט אין וועמען מען האט זיך געדאַרפט איינליעבען!... אזוי האט געטראַכט אַראַטאָוו די גאַנצע וועג... נור קומענדיג צוריק קיין מאָסקווע, האט די זאַך אָנגענומען א גאַנץ אַנדער ווענדונג.

XIV.

פלאטאנידא איוואנאוונא האט זיך שטארק דערפרעהט מיט איהר פלימעניק'ס צוריקקומען. וואס־וואס האט זי ניט איבערגעטראכט פאר דער צייט, וואס ער איז אין דער היים ניט געוועז! „אם וויינינגסטען, האט מען איהם פערשיקט אין סיביר!" — האט זי געשעפטצעט, זיצענדיג אונבעוועגליך אין איהר צימער — „אם וויינינגסטען — אויף א יאהר!" — דערצו האט איהר נאך די קעכין געשראקען מיט די נייעסען, וואס זי פלעגט רק דערצעהלען, אז מען האט צוגענומען דא דעם און דא יענעם יונגען מאן פון דער נאכבארשאפט. יאשא'ס פאלשטענדיגע אונשולדיגקייט און עהרליכקייט האבען זי אויף א האאר ניט בערוהיגט. — ווייל... מאלע וואס!... ער פארנעהמט זיך מיט פאטאגראפיע... נו, איז גענוג! כאפ איהם! און דא האט זיך איהר יאשענקע צוריק געקעהרט פריש און געזונד! אמת, זי האט בעמערקט, אז ער איז אביסעלע אראב פון פנים, איז מאגערער געווא־רען — אבער דאס פערשטעהט זיך אליין... קיינער האט אויף איהם ניט אכטונג געגעבען! — אבער פאנאנדערפרעגען איהם וועגען זיין רייזע, האט זי ניט געוואגט. צום מיטאג האט זי געפרעגט:

— ס'איז עפעס א שעהנע שטאדט קאזאן?

— א שעהנע — האט געענטפערט אראטאוו.

— מען זאגט, דארט וואוינען בלויז טאטארען?

— ניין, ניט נאר טאטארען.

— און א כאלאט האסטו פון דארטען געבראכט?

— ניין, ניט געבראכט.

דערמיט האט זיך זייער געשפרעך געענדיגט.

אבער ווי נור אראטאוו איז געבליעבען אליין אין זיין קאבינעט, האט ער גלייך דערפיהלט, אז עפעס האט איהם ארומגערינגעלט, אז ווידער איז ער בעהערשט, יא בעהערשט פון אן אנדער לעבען, אן אנדער וועזען. כאטש ער האט געזאגט אננא'ן אין א מאמענט פון שטארקער אויפרעגונג — אז ער איז פערליעבט אין קלארא'ן — אבער דאס דא־זיגעווארט האט איהם אליין איצט אויסגעוויזען אונזיניג און ווילד.— ניין, ער איז ניט פערליעבט; און ווי קען מען זיך פערליעבען אין א

טויטע, וועלכע איז איהם ניט געפעלען געוועזן אפילו ביי איהר לעבען, וועלכע ער האט כמעט גאר פערגעסען? — ניין! אבער ער געפינט זיך אונטער א הערשאפט... אין איהר הערשאפט... ער געהערט שוין ניט מעהר צו זיך אליין. ער איז — געפאנגען. געפאנגען אויף אזוי וויים, אז ער פרובט זיך זאגאר ניט צו בעפרייען — ניט מיט'ן אויסלאכען זיין אייגענע נארישקייט, ניט מיט'ן אויפוועקען אין זיך — אויב ניט קיין געפיהל, איז כאטש א האפנונג, אז דאס אלעס וועט אריבער, אז דאס זיינען נאר די נערוועו. — ניט מיט זוכען דערצו בעווייזע, ניט מיט עפעס אנדערש! „וועל איך בעגעגענען א מענשען, ווי מיר געפעלט — וועל איך איהם נעהמען!" — האט ער זיך דער־מאנט אויף קלארא'ס ווערטער, וועלכע אננא האט איהם איבערגעגע־בען... און אט, האט זי איהם איצט גענומען, בעהערשט איהם... זי איז דאך אבער טויט? יא, דער גוף — אבער די נשמה? — איז דען די נשמה ניט אונשטערבליך?... דארף זי דען האבען בלוט און פלייש אום ארויסצואווייזען איהר מאכט? אט האט אונז דער מאג־נעטיזמוס בעוויזען די ווירקונג פון איין לעבעדיגע מענשליכע נשמה אויף דער צווייטער... פארוואס זאל די ווירקונג ניט בלייבען אויך נאך'ן טויט, ווי באלד אז די נשמה לעבט? אי צוליעב וואס? וואס קען דערפון ארויסקומען? אבער ווייסען מיר דען בכלל דעם ציעל פון אלעס, וואס עם טהוט זיך ארום אונז? די דאזיגע געדאנקען האבען אזוי שטארק פעראינטערעסירט אראטאוו'ן, אז ער האט פלוצים ביים טהעע א פרעג געטהאן ביי פלאטאשא'ן: — אויב זי גלויבט אין דער אונשטערבליכקייט פון דער נשמה? — יענע האט אין אנהויב ניט פערשטאנען, וואס אזוינס ער פרעגט — און דערנאך האט זי זיך איבערגע'צלמ'ט און געענטפערט, אז אודאי, ווי־זשע קען דאס אנדערש זיין, א נשמה — און זאל ניט זיין אונשטערבליך! — און אויב אזוי, צו קען זי עפעס טהאן אויך נאך'ן טויט? — האט ווידער געפרעגט אראטאוו. — די אלטע האט געענטפערט, אז זי קען... דאס הייסט, מתפלל זיין פאר אונז; און דאס אויך נאר דאן, ווען זי געהט דורך אלע שבעה מדורי גיהנום — ערווארטענדיג איהר משפט. און די ער־שטע פערציג טעג שוועבט זי נאר ארום נעבען יענעם ארט, וואו דער טויט האט זי געטראפען.

— די ערשטע פערציג טעג?

— יא; און דערנאך ערשט וועט זי זיך נעהמען לייטערען.

אראטאוו האט זיך פערוואונדערט איבער דער מוהמע׳ס וויסענשאפטען — און איז אוועק צו זיך. און ווידער האט ער דערפיהלט דאס זעלבע, די זעלבע מאכט איבער זיך — איהר הערשאפט האט זיך ארויסגעצייגט אין דעם, וואס איהם האט זיך נאכאנאנד פארגעשטעלט קלארא׳ס געשטאלט, מיט די קלענסטע איינצעלהייטען, מיט אזעלכע איינצעלהייטען, וועלכע ער האט ביי איהר לעבען כמעט ניט בעמערקט: ער האט געזעהן... געזעהן איהרע פינגער, די נעגעל, רינגעלאך האאר אויף די באקען אונטער די שלייפען, א קליינעם, געבאָרענעם צייכען אונטער׳ן לינקען אויג; געזעהן די בעוועגונג פון איהרע ליפען, די נאזלעכער, די ברעמען... און וואס פאר א גאנג זי האט — און ווי זי האלט דעם קאפ אביסעל אויף דער לינקער זייט... אלעס האט ער געזעהן! — ער האט גארניט געקוואלען פון דעם אלעמען, ער האט אבער ניט געקענט ניט טראכטען דערפון און ניט זעהן דאס אלעס. — אין דער ערשטער נאכט נאך זיין צוריק קעהרען האט זי זיך איהם פון דעסטוועגען ניט גע׳חלום׳ט... ער איז געווען זעהר מיעד און איז געשלאפען ווי א גע׳הרג׳עטער. דערפאר אבער, ווי נור ער האט זיך אויפגעכאפט — איז זי ווידער אין זיין צימער אריין — און אזוי איז זי פערבליעבען אין איהם ווי א בעל הבית׳טע. עפעס אזוי ווי זי וואלט מיט איהר פרייוויליגען טויט זיך געקויפט דאס רעכט דערצו, ניט פרעגענדיג איהם און ניט נויטיגענדיג זיך אין זיין ערלויבניס. ער האט גענומען איהר פאטאגראפישע בילד; האט זי גענומען איבערמאכען, פערגרעסערען. דערנאך איז איהם איינגעפאלען זי צו לייגען אונטער׳ן סטערעאסקאפ. עס איז איהם אנגעקומען מיט א סך מיה... צום סוף האט זיך עס איהם איינגעגעבען. ער האט זיך אין גאנצען א טרייסעל געטהאן, ווען ער האט דורך׳ן גלאז דערזעהן איהר פיגור, וועלכע איז געווארען עהנליך צו א לעבעדיגער. נאר די פיגור האט אויסגעקוקט גרויליך, עפעס ווי פערשטויבט... און דערצו, די אויגען... די אויגען האבען אלץ געקוקט אן א זייט, האבען אלץ עפעס, ווי אבגעקעהרט זיך. ער האט גענומען לאנג, לאנג קוקען אויף זיי, ווי ערווארטענדיג, אז אט וועלען זיי זיך א קעהר טהאן אין זיין זייט... ער האט זאגאר אומישנע פערזשמורעט די אויגען... אבער איהרע אויגען זיינען געבליעבען אונבעוועגליך, און

די גאנצע פיגור האט געקריעגען דעם אויסזעהן פון א ליאלקע, א קוקלע...

ער איז פון דארט אוועק, האט זיך א ווארף געטהאן אין פאטעל, גענומען דאס ארויסגעריסען בלעטעל פון איהר טאגעבוך, מיט די אונ־טערגעשטריכענע ווערטער — און א טראכט געטהאן: „מען זאגט דאך, אז פערליעבטע קושען די שורות, וואס זיינען געשריעבען מיט זייער געליעבטער'ס האנד — און מיר וויל זיך דאס ניט טהאן — און די האנדשריפט, דאכט זיך מיר, איז אויך ניט קיין שעהנע, אבער אין דער דאזיגער שורה איז מיין אורטהייל." דאס איז איהם איינגע־פאלען דער פערשפּרעכען, וואס ער האט געגעבען אננא'ן צו שרייבען אן ארטיקעל. ער האט זיך געזעצט ביים טיש און געהאט גענומען זיך צום שרייבען; אבער אלעס איז ביי איהם ארויסגעקומען אזוי פאלש, אזוי טרוקען, אזוי פראזען־מעסיג.... איבערהויפּט אזוי פאלש... אזוי ווי ער וואלט ניט געגלויבט ניט אין דעם, וואס ער שרייבט, און ניט אין זיינע אייגענע געפיהלען... אפילו קלארא אליין האט זיך איהם איצט אויסגעוויזען אונבעקאנט, אונפערשטענדליך! דער ארטיקעל האט זיך איהם ניט איינגעגעבען! „ניין!" — האט ער געטראכט א ווארף טהאנדיג די פעדער — „אדער שרייבעריי איז איבערהויפּט ניט מיין זאך, אדער מען דארף נאך אביסעל אויסוואר־טען." — ער האט זיך דערמאנט אן זיין בעזוך ביי די מילאווידאווס— און אן אלעס, וואס אננא, יענע גוטע, זעלטענע אננא האט איהם דערצעהלט... איהר בעמערקונג: „ריינע, אונבעריהרטע!" האט איהם פלוצים ערשטוינט. אזוי ווי די דאזיגע ווערטער וואלטען איהם אי א ברען געטהאן, אי אלעס קלאר געמאכט. — „יא!" — האט ער אין דער הויך געזאגט — „זי איז א ריינע, א אונבעריהרטע — און איך בין א ריינער און אונבעריהרטער..." אט, וואס עס האט איהר געגע־בען די מאכט!

די געדאנקען וועגען דער אונשטערבליכקייט פון דער נשמה, ווע־גען יענער וועלט האבען איהם ווידער גענומען מאטערן. — שטעהט דען ניט אין דער ביבעל: — „טויט, וואו איז דיין בים?" און ביי שילער'ן: „אויך די טויטע וועלען לעבען!" אדער, אט איז נאך, דאכט זיך, ביי מיצקעוויטש'ן: „איך וועל ליעבען ביז'ן סוף פון לע־בען... און נאך'ן סוף פון לעבען!" און אן ענגלישער שרייבער האט

געזאָגט: „די ליעבע איז שטאַרקער פון טויט!" דער ביבלישער פסוק האָט בעזונדערס שטאַרק געווירקט אויף אַראַטאָוו'ן. — ער האָט געוואָלט אויפזוכען דעם אָרט, וואו עס געפינען זיך דיזע ווערטער... איז ביי איהם קיין ביבעל ניט געווען. ער איז אוועק בעטען ביי פּלאַטאָשאַ'ן א ביבעל. יענע האָט זיך פערוואונדערט; פון דעסטוועגען האָט זי ארויסגענומען אַן אַלט־אַלט בוך, אין אַן אויסגעריבענעם לעדערנעם איינבאַנד, מיט מעשענע העקלאַך, אין גאַנצען פערקאַפּעט מיט וואַקס — און האָט עס דערלאַנגט אַראַטאָוו'ן. ער האָט אוועקגעטראָגען די ביבעל צו זיך אין צימער — ער האָט אבער לאַנג ניט געקענט געפינען יענעם פּסוק... דערפאַר האָט ער אויפגעמישט אַן אַנדערן.

„עס איז נישטאָ קיין גרעסערע ליעבע פון דער, וועלכע מאַכט דעם מענשען אוועקצוגעבען זיין נשמה פאַר זיינע פריינד." (עוואַנגעליום יאָהאַן, אַרט. 13.)

ער האָט א טראַכט געטהאָן, עס האָט געדאַרפט שטעהן געשריעבען: „עס איז נישטאָ קיין מאַכט, וואָס זאָל זיין שטאַרקער פון דער."

„און טאָמער האָט זי גאָר ניט אוועקגעגעבען מיר איהר נשמה? טאָמער איז זי נאָר דערפאַר בעגאַנגען זעלבסטמאָרד, ווייל דאָס לעבען איז איהר גלאַט איבערדריסיג געוואָרען? און טאָמער איז זי גאָר דאַן ניט געקומען אויף דעם בולוואַר צוליעב ליעבעס ערקלערונגען?"

נאָר אין דעם זעלבען מאָמענט האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט קלאַראַ, ווי זי האָט אויסגעזעהן פאַר'ן שיידען זיך אויפ'ן בולוואַר... ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם ליידענדען אוסדרוק אויף איהר געזיכט — און יענע טרערען, און יענע ווערטער: — אַך, איהר האָט גאָרנישט פערשטאַנען.

ניין! ער האָט ניט געקענט צווייפלען, פאַר וואָס און פאַר וועמען זי האָט אוועקגעגעבען איהר נשמה....

אזוי איז אוועק דער גאַנצער טאָג, ביז ביי דער נאַכט.

XV.

אראטאָוו האט זיך פריה געלעגט אָהן א בעזונדערען חשק צו שלאָפען; נאָר ער האט געהאָפט, אז ער וועט זיך אויסרוהען אין בעט. דער אָנגעשטרענגטער צושטאנד פון זיינע נערוועז האט איהם פיזיש מעהר מיער געמאכט, ווי זיין רייזע. פון דעסטוועגען ווי גרויס עס איז ניט געווען זיין מיעדקייט, אנשלאָפען ווערען האט ער ניט געקענט. ער האט געפרובט לעזען... אבער די שורות האבען זיך געדרעהט פאר זיינע אויגען. ער האט פערלאָשען דאס ליכט — און אין צימער איז פינסטער געוואָרען. אבער ער איז געבליעבען ליגען אין בעט ניט שלאָפענדיג, מיט פערמאכטע אויגען... און אָט האט זיך איהם אויסגעוויזען: עמעצער שעפטעצט איהם אויפ'ן אויער... „דאס קלאפען פון הארצען, דאס רוישען פון דאס בלוט,” — האט ער גע־טראכט... אבער דאס שטילע שעפטעצען איז איבערגעגאנגען אין גלאטע רייד. עמעצער האט גערעדט אויף רוסיש, געהיילט, טרויעריג און אונפערשטענדליך. קיין איין בעזונדער וואָרט האט מען ניט גע־קענט אונטערשיידען... נאָר דאס איז געווען קלאראַ'ס קול!

אראטאָוו האט געעפענט די אויגען, האט זיך עטוואָס אויפגע־הויבען און אָנגעשפארט אויף דעם עלענבויגען... דער קול איז שוואַ־כער געוואָרען, אבער ער האט נאָך אַלץ פאָרטגעזעצט זיין טרויעריגען, האסטיגען, ווי פריהער אונפערשטענדליכען רעדען...

דאס איז אָהן שום צווייפעל קלאראַ'ס קול!

עמעצענס פינגער זיינען לייכט געלאָפען איבער די קלאַווישען פון דער פיאנאָ... דערנאָך האט דער קול ווידער גענומען ריידען. עס האבען זיך דערהערט מעהר צוציגענע קלאנגען... אזוי ווי קרעכ־צען... נאָכאנאנד איינע און די זעלבע. און דערנאָך האבען זיך געגר־מען אָבטהיילען בעזונדערע ווערטער...

— „ראָזען... ראָזען... ראָזען...”

— ראָזען — האט אין דער שטיל איבערגע'חזר'ט אראטאָוו — אך, יא! דאס זיינען יענע ראָזען, וועלכע איך האב געזעהן אויפ'ן קאָפּ פון יענער פרוי, אין חלום...

— „ראָזען” — האט זיך ווידער דערהערט.

— דאס ביזטו? — האט געפרעגט אראַטאַוו מיט דעם זעלבען שטילען שעפּטצען.

די שטימע איז אַנשוויגען געוואָרען.

אראַטאַוו האט געווארט... געווארט — און דער קאָפּ איז איהם אויפ'ן קישען אראָבגעפאַלען. „דאס דאַכט זיך מיר נור,” האט ער געטראַכט. „נו, און ווי איז... אויב זי איז טאַקע דאָ, נאָהענט?.. ווען איך וואָלט זי דערזעהן, וואָלט איך זיך דערשראָקען? — אדער דערפרעהט? נאָר פאַר וואס וואָלט איך זיך דאָ האבען צו שרעקען? אדער מיט וואס זיך פרעהען? סיידען דערפאַר, ווייל דאס וואָלט געווען א בעווייז, אז עס עקזיסטירט טאַקע א יענע וועלט, אז די נשמה איז אונשטערבליך — נאָר צוריקגערעדט, אויב איך זאָל זי אפילו יא זעהן — קען דאָך זיין, אז דאס איז אויך ניט מעהר ווי אַן איינבילדונג...”

פון דעסטוועגען האט ער אָנגעצונדען א ליכט — און מיט א שנעלען בליק, ניט גאָר אָהן שרעק, האט ער ארומגעקוקט דאס צימער... און האט קיין אויסערגעוועהנליכע זאַך דאָרט ניט געזעהן. ער איז אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען צום סטערעאָסקאָפּ... ווידער די זעלבע גרויע ליאַלקע מיט אויגען, וואס קוקען אָן א זייט. דער געפיהל פון שרעק האט זיך ביי אראַטאַוו'ן פערביטען אויף א געפיהל פון פערדרוס. ער האט זיך עפּעס ווי גענאַרט אין זיינע ערוואַרטונגען... און לעכערליך האבען זיך איהם אויסגעוויזען די ערוואַרטונגען אליין. „דאס איז דאָך נאַריש!” — האט ער געמורמעלט זיך לעגענדיג צוריק אין בעט — און האט פערלאָשען דאס ליכט. ווידער איז אין צימער געוואָרען שטאַרק פינסטער.

אראַטאַוו האט איצט בעשלאָסען איינצושלאָפען... נאָר אין איהם האט זיך ערוועקט א נייע עמפּפינדונג. איהם האט זיך אויסגעוויזען, אז עמעצער שטעהט אין מיטען צימער, ניט ווייט פון איהם— און אטהעמט לייכט. ער האט זיך שנעל אומגעקעהרט, געעפענט די אויגען... אבער וואס האט מען געקענט זעהן אין אזא אונדורכדרינגליכער פינסטערניש? — ער האט גענומען זוכען א שוועבעלע אויפ'ן נאַכט־טישעל... און פּלוצים האט זיך איהם געדאַכט, אז עפּעס א ווייכער, שטילער ווינטעל האט זיך דורכגעטראָגען דורך דעם גאַנ־

צען צימער, איבער איהם, דורך איהם — און דאס וואָרט: „איך!”
האט דייטליך אָבגעקלונגען אין זיינע אויערן...

— „איך!... איך!...”

עס זיינען אוועק אייניגע מאָמענטען ביז ער האט בעוויזען אָנ־צוצינדען א ליכט.

אין צימער איז ווידער קיינער ניט געווען — און ער האט שוין מעהר קיין זאך ניט געהערט, אויסער דעם שטארקען קלאַפּען פון זיין אייגענער הארץ. ער האט אויסגעטרונקען א גלאָז וואסער — און איז געבליעבען אונבעוועגליך, אָנגעשפּארט דעם קאָפּ אויף דער האנד. ער האט געוואַרט.

ער האט געטראַכט: „איך וועל וואַרטען. אדער איז דאס אלעס גאַרנישט... אדער זי איז דאָ. זי וועט דאָך זיך מיט מיר ניט שפּיע־לען, ווי א קאַץ מיט א מויז!” ער האט געוואַרט, געוואַרט לאַנג... אזוי לאַנג, אז די האַנד, מיט וועלכער ער האט דעם קאָפּ אונטערגע־שפּאַרט, האט איהם אָבגענומען.... אבער ניט איינע פון די פריהער־דיגע עמפּפינדונגען האבען זיך ווידערהאָלט. אמאָל צוויי האבען זיך זיינע אויגען צוזאמענגעקלעפּט... ער האט זיי גלייך געעפענט... יעדענפאַלס האט זיך איהם געדאַכט, אז ער עפענט זיי. בישלאַכווייז האבען זיי זיך אויסגעשטרעקט צום טהיר און האבען זיך אָבגעשטעלט קוקען אויף איהר. דאס ליכט האט גענומען אויסגעהן — אין צימער איז ווידער פינסטער געוואָרען... נאָר די טהיר האט אויסגעזעהן ווי א גרויסער ווייסער פלעק אין דער האלב פינסטערניש. און אָט, האט דער דאָזיגער פלעק זיך גענומען ריהרען, איז קלענער געוואָרען, איז פערשוואונדען... און אויף זיין פלאַץ, ביים שוועל פון טהיר, האט זיך בעוויזען א פרויען־פיגור. אראַטאָוו קוקט זיך צו... קלאַרא! אויך דאס מאָל קוקט זי גלייך אויף איהם, רוקט זיך צו איהם נעהנ־טער... אויפ'ן קאָפּ טראָגט זי א קראַנץ פון רויטע ראָזען... ער האט זיך א ריס געטהאָן, האט זיך אויפגעהויבען....

פאר איהם שטעהט זיין מוהמע אין א נאַכט־הייבעל מיט א גרוי־סער רויטע שטענגע און אין א ווייסען יאַקעל.

— פלאַטאָשאַ! — האט ער מיט מיה אויסגערעדט — דאס זייט איהר?

— דאס בין איך — האט געענטפערט פלאַטאָנידאַ איוואַנאָוונאַ
— איך, יאַשענקע, איך.
— צו וואס זייט איהר געקומען?
— דו האָסט דאָך מיך אויפגעוועקט. פריהער האָסטו אַלץ עפּעס ווי געקרעכצט... דערנאָך האָסטו פּלוצים אָנגעהויבען שרייען: ראַ־טעוועט! העלפט!
— איך האב געשריען?
— יאַ, געשריען — און מיט אַזאַ פערשטיקטען קול: — ראַטע־וועט! — איך האב געטראַכט: מיין גאָט! צו איז ער ניט קראַנק? און בין אריין אַ קוק טהאָן. דו ביזט געזונד?
— פאָלשטענדיג געזונד.
— דאַן, הייסט עס, האָט זיך דיר אַ בייזער חלום גע'חלום'ט. ווילסטו, וועל איך אויסרויכערען מיט וויירוויך?
אַראַטאָוו האט זיך נאָך אַמאָל שטאַרק איינגעקוקט אין דער מוהמען — און זיך הויך, אויף'ן קול צולאַכט... די פיגור פון דער גוטער אַלטעטשקער אין הייבעל און יאַקעל, מיט דעם צושראָקענעם, אויסגעצויגענעם פּנים, איז ווירקליך געווען זעהר קאָמיש. אַלעס, וואס איז פריהער געווען געהיימניספאָל, וואס האט איהם געדריקט — דער גאַנצער צויבער איז מיט אַמאָל פערשוואונדען.
— ניין, פּלאַטאָשאַ, טהייערינקע מיינע, מען דאַרף ניט — האט ער אַרויסגערעדט — ענטשולדיגט מיר, איך בעט אייך, וואס איך האב אייך ניט ווילענדיג בעאונרוהיגט. שלאָפט רוהיג — און איך וועל אויך איינשלאָפען.
פּלאַטאָנידאַ איוואַנאָוונאַ איז נאָך אַ ווייל געשטאַנען אויף איין אָרט, האט אָנגעוויזען אויף דאס ליכט און געבורטשעט: „פאַר וואס פאַרלעשטו ניט... עס קען אַרויסקומען אַן אונגליק!" — און אוועק־געהענדיג, האט זי זיך ניט געקענט איינהאַלטען, און האט איהם כּאָטש פון וויטען איבערגע'צלם'ט.
אַראַטאָוו איז גלייך איינגעשלאָפען און איז געשלאָפען ביז אין דער פריה. ער איז אויפגעשטאַנען זעהר מונטער... כּאָטש איהם האט עפּעס לייד געטהאָן... ער האט אליין ניט געוואוסט וואס... ער האט זיך געפיהלט לייכט און פריי... „וואס פאַר אַ ראָמאַנטישע איינפעלע מיר טריבען אין קאָפּ," האט ער געזאָגט צו זיך אַליין מיט

א שמייכעל. ער האט קיין איינציגען מאל ניט א קוק געטהאן אויף דעם סטערעאסקאפ, ניט אויף דאס אויסגעריסענע בלעמעל. דאך איז ער גלייך נאך מיטאג אוועקגעגאנגען צו קופפער׳ן.

וואס עס האט איהם אהין געצויגען... האט ער ניט קלאר בע־גריפען.

XVI.

אראטאוו האט זיין היציגען פריינד געטראפען אין דער היים. האט מיט איהם געשמועסט אביסעל, פארגעווארפען איהם, פאר וואס ער פערגעסט אין גאנצען אן איהם מיט זיין מוהמען — אויסגעהערט נייע ליובגעזאנגען וועגען דער גאלדענער פרוי, דער פירסטין, פון וועלכער קופפער האט נאר וואס געהאט געקריעגען פון יאראסלאוול א יארמאלקע אויסגענעהט מיט פיש־שופען... און פלוצים אוועקגע־זעצט זיך געגען איבער קופפער׳ן און ארייננקוקענדיג איהם גלייך אין די אויגען, האט ער ערקלערט, אז ער איז געוועזען אין קאזאן.

— דו ביזט געוועזען אין קאזאן? נאך וואס?

— מיר האט זיך געוואלט זאמלען ידיעות וועגען אט דער קלארא מיליטש.

— וועגען יענער, וועלכע האט זיך פער׳סם׳ט?

— יא.

קופפער האט א שאקעל געטהאן מיט׳ן קאפ. — אזא חברה־מאן ביזטו גאר! און נאך פון די שטילינקע! זיך אוועקגעלאזען אויף טויזענד ווייארסט אהין און צוריק... צוליעב וואס? צוליעב וועמען? און וואלט דא כאטש געוועזען עפעס א דאמסקער אינטערעס! דאן וואלט איך דאס נאך פערשטאנען! דאן פערשטעהט זיך אלעס! אלע משוגעת׳ן! — קופפער האט א טרייסעל געטהאן מיט די האאר. — אבער בלויז אום צו זאמלען מאטעריאלען — ווי מען זאגט ביי אייך — ביי די געלעהרטע... ניין, דאס ניט! אויף דעם איז פאראן א סטא־טיסטישער קאמיטעט! — נו וואס, האסטו זיך כאטש בעקענט מיט דער אלטער און מיט דער שוועסטער? א יא, א זעלטענע מיידעל?

— א זעלטענע — האט צוגעשטימט אראטאַוו — זי האט מיר פיעל אינטערעסאַנטעס מיטגעטהיילט.

— האט זי דיר געזאָגט, ווי אזוי קלאַרא האט זיך פער'סמ'ט?

— דאס הייסט... ווי־זשע?

— אויף וואס פאר אַן אופן?

— ניין... זי איז נאָך געווען אזוי פערטרויערט... איך האב ניט געוואגט זי צו פיעל פאַנאַנדערצופרעגען. איז דען געווען עטוואָס אויסערגעוועהנליכעס?

— געוויס איז געווען. שטעל זיך פאָר: זי האט אין יענעם טאָג געדארפט שפּיעלען — און האט טאַקע געשפּיעלט. מיטגענומען מיט זיך א פלעשעל גיפט אין טעאַטער, פאר'ן ערשטען אקט עס אויסגע־טרונקען — און אזוי אָבגעשפּיעלט דעם גאַנצען אקט. מיט'ן גיפט אינוועניג! אָט דאס איז א ווילענסקראַפט! כאַראַקטער! און, מען זאָגט, אז זי האט נאָך קיינמאָל מיט אזא געפיהל, מיט אזוי פיעל פייער ניט דורכגעפיהרט איהר ראָלע, ווי יענעם אבענד! דאס פּוב־ליקום האט קיין זאַך ניט פערדעכטיגט, האט שטאַרק אַפּלאַדירט, זי ארויסגערופען... אבער ווי נור דער פאָרהאַנג האט זיך ארונטערגע־לאָזען — איז זי אויף גלייך געפאַלען אויף דער ביהנע. קרענפען... ברענענעש... און אין א שטונדע ארום — אוים! האב איך דיר דען דאס ניט דערצעהלט? אין די צייטונגען האט מען אויך דערפון גע־רעדט!

ביי אראַטאַוו'ן זיינען די הענד פּלוצים קאַלט געוואָרען, ווי אייז, און אין האַרצען האט עפּעס גענומען ציטערען.

— ניין, דאס האָסטו מיר ניט דערצעהלט — האט ער צום סוף ארויסגערעדט — און דו ווייסט ניט אין וואס פאר א פּיעסע זי האט געשפּיעלט?

קופּפער האט זיך פערטראַכט. — מען האט מיר אָנגערופען דעם נאָמען פון דער פּיעסע... אין איהר ערשיינט א אָבגענאַרטע מיי־דעל... וואהרשיינליך עפּעס א דראַמאַ. קלאַרא איז געווען געשאַפען פאַר דראַמאַטישע ראָלען... איהר אויסזעהן אליין... אבער וואוהין לויפסטו? — האט קופּפער זיך אליין אונטערבראָכען, זעהענדיג, אז אראַטאַוו נעהמט זיך פאַר זיין היטעל.

— איך פיהל זיך עפּעס ניט אין גאַנצען געזונד — האט געענט־

פערט אַראַטאָוו — צום ווידערזעהן... איך וועל אַן אנדערס מאָל אריינקומען.

קופּפער האט איהם אָבגעשטעלט און אריינגעקוקט איהם אין פּנים.

— עך,ברודער, וואס פאר א נערוועזער מענש דו ביזט! — האט ער געזאָגט — טהו אָקאָרשט אויף זיך א קוק.... ווייס, ווי קאַלך.

— איך בין עפּעס ניט געזונד — האט אַראַטאָוו ווידערהאָלט, און זיך בעפרייט פון קופּפער'ס האנד, איז ער אוועק זיין וועג. נאָר אין דיעזען אויגענבליק איז איהם געוואָרען קלאָר, אז געקומען צו קופּפער'ן איז ער נאָר מיט דעם צוועק צו ריידען וועגען קלאַרא'ן.

„וועגען דער וואהנזיניגער, דער אונגליקליכער קלאַרא'ן..."

דאָך, קומענדיג אהיים, האט ער זיך באַלד ווידער בערוהיגט, ביז א געוויסער מאָס.

די אומשטענדען, אונטער וועלכע קלאַרא איז געשטאָרבען, האבען צו ערשט געמאַכט אויף איהם א שוידערליכען איינדרוק... נאָר דערנאָך האט „דאס שפּיעלען מיט'ן גיפט אינוועניג," ווי קופּפער האט זיך אויסגעדריקט, איהם אויסגעוויזען, ווי עפּעס א העסליכע פראַזע, א געמאַכטע שפּיעל, א קאַריקאַטור... — און ער האט זיך געסטאַרעט ניט צו טראַכטען וועגען דעם, מורא האָבענדיג צו ערוועקען אין זיך א געפיהל, עהנליך צו עקעל. און צום מיטאָג, זיצענדיג פאר פּלאַטאָשאַ'ן, האט ער זיך פּלוצים דערמאָנט אָן איהר בייענאַכטיגען וויזיט, דערמאָנט זיך אָן איהר דיקען יאַקעל, דער הייבעל מיט דער רויטער שטענגע (און צו וואס טויג א שטענגע אויף א נאַכט-הייבעל?) די גאַנצע לעבערליכע פיגור, א דאנק וועלכער, אזוי ווי דורך'ן פייף פון'ם מאַשיניסט אין א פאַנטאַסטישען באַלעט, זיינען אַלע זיינע חלומות צו שטויב געוואָרען! ער האט זאָגאר געצוואונגען פּלאַטאָשאַ'ן זי זאָל איהם איבערדערצעהלען, ווי זי האט געהערט זיינע געשרייען, ווי זי האט זיך דערשראָקען, אויפגעשפּרונגען, ניט געקענט געפינען ניט איהר אייגענע טהיר און ניט זיין טהיר און אזוי ווייטער. אין אבענד האט ער מיט איהר געשפּיעלט א ווייַלע אין קאָרטען און איז אוועק צו זיך אין צימער אביסעל אָן אומעדיגער, נאָר ווידער אמאָל א גאַנץ רוהיגער.

אראטאוו האט ניט געטראכט וועגען דער קומענדער נאכט און האט זיך ניט געשראקען פאר איהר. ער איז געווען זיכער, אז זי וועט אריבערגעהן זעהר רוהיג. דער געדאנק וועגען קלארא'ן האט זיך פון צייט צו צייט אין איהם ערוועקט, נאר ער האט זיך גלייך דערמאנט, ווי „שרייעדיג" זי האט זיך דאס לעבען גענומען און האט דעם געדאנק פערטריעבען פון זיך. די דאזיגע „העסליכקייט" האט געשטערט אלע אנדערע עראינערונגען וועגען איהר. א קוק געטהאן פארביי געהענדיג אויפ'ן סטערעאסקאפ, האט זיך איהם אויסגעוויזען, אז זי האט דער־פאר אבגעקעהרט דעם קאפ, ווייל זי שעהמט זיך. גלייךאיבער'ן סטע־רעאסקאפ, אויפ'ן וואנד, איז געהאנגען זיין מוטער'ס בילד. אראטאוו האט איהם ארונטערגענומען פון טשוואק, האט לאנג אויף איהם גע־קוקט, א קוש געטהאן איהם, און אריינגעלעגט אין טישקעסטעל. פאר וואס האט ער דאס געטהאן? צו ווייל דאס בילד האט זיך נישט גע־דארפט געפינען אין דער נאכבארשאפט פון יענער פרויענצימער... אדער צוליעב אנדערע אורזאכען — אראטאוו האט זיך אין דעם קיין רעכנונג ניט אבגעגעבען. נאר דער מוטער'ס בילד האט אין איהם ער־וועקט אן עראינערונג וועגען פאטער... וועגען זיין פאטער, וועלכען ער האט געזעהן א שטערבענדען אין דעם זעלבען צימער, אויף דער זעלבער בעט. „וואס דענקסטו וועגען דעם, פאטער? — האט ער איהם געפרעגט אין די געדאנקען — דו האסט דאס אלעס פערשטאנען; דו האסט אויך געגלויבט אין שיללער'ס גייסטער־וועלט. — גיעב מיר אן עצה!"

— דער פאטער וואלט מיר געראטען צוווארפען די אלע נאריש־קייטען — האט אראטאוו ארויסגערעדט אין דער הויף און גענומען זיך צום בוך. לעזען האט ער, פון דעסטוועגען, לאנג ניט געקענט. און, פיהלענדיג עפעס א מין שווערקייט איבער'ן גאנצען לייב, האט ער זיך פריהער, ווי אלע מאל, געלעגט אין בעט, זייענדיג גאנץ זיכער, אז ער וועט באלד אנשלאפען ווערען.

אזוי איז טאקע געווען... אבער זיינע האפנונגען אויף א רו־היגער נאכט זיינען ניט ערפילט געווארען.

XVII.

עס האט נאך ניט געשלאגען האלבע נאכט, ווען איהם האט זיך גע'חלום'ט א אונגעוועהנליכער, א שרעקליכער חלום.

איהם האט זיך געדאכט, אז ער געפינט זיך אין א רייכען, פריץ'-אישען הויז, פון וועלכען ער איז דער בעל הבית. ער האט ניט לאנג געקויפט דאס הויז און אלע גיטער ארום. און ער טראכט זיך אלץ: „גוט, איצט איז אלעס גוט, אבער עס וועט געשעהן אן אונגליק!" ארום איהם דרעהט זיך א קליין מענשעלע, זיין פערוואלטער; ער האלט אין איין לאכען, בוקט זיך און וויל ווייזען אראטאוו'ן, ווי ביי איהם אין הויז און אין הויף איז אלעס אין בעסטען ארדנונג! — ביטע, ביטע — זאגט ער נאכאנאנד, לאבענדיג ביי יעדען ווארט: — קוקט, ווי אלעס איז ביי אייך אין ארדנונג! אט זיינען די פערד... זעהט, וואס פאר א טהייערע פערד! — און אראטאוו זעהט א גאנצע רייהע זעהר גרויסע פערד. זיי שטעהען אין די שטאהלען מיט'ן עק צו איהם! און די גריוועס און די עקען זיינען ביי זיי זעלטענע... און ווי נאר אראטאוו געהט פארביי, קעהרען זיך די פערד אום מיט'ן קאפ צו איהם — און שצירען בייז מיט די ציינער. — גוט... — טראכט אראטאוו... אבער עס וועט געשעהן אן אונגליק! — ביטע, ביטע — זאגט ווידער דער פערוואלטער — קומט אין סאד: — זעהט וואס פאר א וואונדערבארע עפעל דארט וואקסען! די עפעל זיינען ווירקליך וואונדערבארע, רויטע, רונדע, אבער ווי נאר אראטאוו טהוט אויף זיי א קוק, ווערען זיי איינגעשרומפפען און פאלען אראב... „עס וועט געשעהן אן אונגליק!" — טראכט ער. און אט איז דאס טייבעל, — מורמעלט דער פערוואלטער: — זעהט, וואס פאר א בלויע און א גלאטע! און אט איז אויך א שיפעלע א גאלדענע. ווילט איהר זיך אפשר אויף איהר דורכפאהרען?... זי וועט אליין אוועקשווימען. „איך וויל זיך ניט זעצען! — טראכט אראטאוו — עס וועט אן אונגליק געשעהן!" און דאך זעצט ער זיך אין דאס שיפעל. אויפ'ן דעק ליעגט, איינגעקארטשעט, עפעס א מין קליין בעשעפעניש, עהנ-ליך צו אן אבעזיאנע; צווישען די לאפקעס האלט זי א פלעשעל מיט א דונקעלער פליסיגקייט. — שרעקט זיך ניט, שרייט פון ברעג דער

פערוואַלטער... — דאָס איז גאָרניט! דאָס איז דער טויט! אַ גליק־ליכע רייזע! — און די שיפעל טראָגט זיך שנעל... נור פּלוצים נעהמט טראָגען אַ ווינד, ניט אַזוי, ווי דער נעכטיגער, אַ שטילער, אַ ווייכער, — ניין; אַ שוואַרצער, אַ שרעקליכער, אַ יאָמערליכער ווינד! אַלץ אַרום ווערט אויסגעמישט... און צווישען דעם נעבעל, וואָס דרעהט זיך פאַר זיינע אויגען, זעהט ער קלאַראַ'ן אין אַ טעאַ־טער־קאָסטיום: זי טראָגט צו דאָס פלעשעלע צו די ליפּען, עס הערען זיך פון ווייטען געשרייען: בראַוואָ! בראַוואָ! — און עמעצענס אַ גראָבע שטימע שרייט אַראַטאָוו'ן אויפ'ן אויער: אַהאַ! און דו האָסט געמיינט, אַז אַלעס וועט זיך ענדיגען מיט אַ קאָמעדיע? — ניין, דאָס איז אַ טראַגעדיע! אַ טראַגעדיע!

אין גאַנצען ציטערענדיג האָט זיך אַראַטאָוו אויפגעכאַפּט. אין צימער איז ניט פינסטער... פון ערגעץ וואו טראָגט זיך אַ שוואַכער שיין און אומעטיג און אונבעוועגליך בעלייכט ער אַלע זאַכען. אַראַ־טאָוו גיט זיך ניט אָב קיין רעכנונג, פון וואַנען עס קומט די דאָזיגע שיין... ער פיהלט נאָר איינס: קלאַראַ איז דאָ, אין דעם צימער... ער פיהלט איהר אַנוועזענהייט... ער איז ווידער און אויף אייביג אין איהר מאַכט!

פון זיינע ליפּען רייסט זיך אַרויס אַ געשריי: — קלאַראַ, דו ביזט דאָ?

— יאָ! — קלינגט אָב דייטליך אין מיטען פון דעם אונבעוועג־ליך בעלויכטענעם צימער.

שטיל, אָהן ווערטער, ווידערהאָלט אַראַטאָוו זיין פראַגע...

— יאָ! — הערט זיך ווידער.

— דאַן וויל איך דיך זעהן! — שרייט ער אויס און שפּרינגט אַראָפּ פון בעט.

אַ פּאָאָר סעקונדען איז ער געשטאַנען אויף איין אָרט, רייבענדיג די פּאָדלאָגע מיט נאַקעטע פיס — זיינע בליקען האָבען געבלאָנד־זשעט: — „וואו ביזטו? וואו?" — האָבען געשעפּטשעט זיינע ליפּען...

מען זעהט גאָרניט און הערט גאָרניט...

ער האָט זיך אַרומגעקוקט — און בעמערקט, אַז דער שוואַכער שיין, וואָס האָט אָנגעפילט דעם צימער, קומט פון דעם נאַכט־לעמ־

פעל, וועלכער איז פערשטעלט מיט א בויגען פאפיר און וועלכען פלא־טאשא האט אודאי געמוזט אוועקשטעלען, ווען ער איז שוין געשלא־פען. ער האט זאגאר דערפיהלט דעם גערוך פון ווייהרויך. אויך מסתמא איהר ארבייט.

ער האט זיך שנעל אנגעטהאן — בלייבען לענגער אין בעט, שלאפען — איז געווען זינלאז. דערנאך האט ער זיך אוועקגעשטעלט אין מיטען צימער און צונויפגעלעגט די הענד — קלארא'ס געגענ־ווארט האט ער איצט אין איהם געפיהלט שטארקער, ווי ווען עס איז.

און ער האט אנגעהויבען צו ריידען ניט מיט קיין הויכער שטימע, נאר מיט א פייערליכער לאנגזאמקייט, אזוי ווי מען בעשווערט:

— קלארא — האט ער אנגעהויבען — אויב דו ביזט ווירקליך דא, אויב דו זעהסט מיך, אויב דו הערסט מיך — דאן בעוויז זיך!... אויב אט די דאזיגע מאכט, וועלכע איך פיהל איבער זיך, איז ווירקליך דיין מאכט — בעוויז זיך! אויב דו פערשטעהסט, ווי ביטער איך האב חרטה אויף דעם, וואס איך האב דיך ניט פערשטאנען, וואס איך האב דיך פון זיך פערשטויסען — בעוויז זיך! — אויב דאס וואס איך האב געהערט, איז ווירקליך דיין שטימע; אויב דאס געפיהל, וואס האט מיך בעהערשט — איז ליעבע; אויב דו ביזט איצט איבערצייגט, אז איך ליעב דיך, איך, וועלכער האט ביז אהער ניט געליעבט און ניט גע־קענט קיין איין פרוי; אויב דו ווייסט, אז נאך דיין טויט האב איך דיך ליעב געקריעגען, ליידענשאפטליך, אונענדליך, אויב דו ווילסט, אז איך זאל ניט אראב פון'ם זינען — בעוויז זיך, קלארא!

אראטאוו האט נאך ניט צייט געהאט ארויסצולאזען דאס לעצטע ווארט, ווי ער האט פלוצים דערפיהלט, אז עמעצער איז שנעל צוגע־גאנגען צו איהם, פון הינטען — ווי דאמאלס אויפ'ן בולוואר — און האט איהם ארויפגעלעגט די האנד אויפ'ן פלייצע. ער האט זיך אומ־געקעהרט — און האט קיינעם ניט געזעהן. די עמפפינדונג פון איהר געגענווארט איז ביי איהם געווארען אזוי קלאר, אזוי דייטליך, אז ער האט זיך ווידער שנעל ארומגעקוקט.

— וואס איז דאס? אויף זיין שטוהל, צוויי טריט פון איהם, זיצט א פרויענצימער, אין גאנצען אין שווארצען. דער קאפ איז אבגע־קעהרט אן א זייט, אזוי ווי אין סטערעאסקאפ... דאס איז זי! דאס איז קלארא! אבער וואס פאר א שטרענגע, אומעטיגע געזיכט!

אַראַטאָוו האָט זיך שנעל אַראָבגעלאָזען אויף די קניע.

יאַ; ער איז דאַן געווען גערעכט: ניט קיין שרעק, ניט קיין פרייד און אפילו ניט קיין פערוואונדערונג, האָט ער אַצינד געפיהלט... אפילו זיין האַרץ האָט שטילער געקלאַפּט. אין איהם איז געווען איין געדאַנק, איין געפיהל: „אָה, ענדליך! ענדליך!"

— קלאַראַ — האָט ער גערעדט מיט אַ שוואַכער אָבער גלייכער שטימע: — פאַרוואָס קוקסטו ניט אויף מיר? איך ווייס, אַז דאָס ביזטו... אָבער איך קען דאָך מיינען, אַז מיין איינבילדונגס-קראַפט האָט בעשאַפען אַ געשטאַלט עהנליך צו יענער... (ער האָט געוויזען מיט'ן האַנד אין דער ריכטונג פון סטערעאָסקאָפּ)... בעווייז מיר, אַז דאָס ביזטו... גיעב זיך אַ קעהר צו מיר, טהו אַ קוק אויף מיר, קלאַראַ!

קלאַראַ'ס האַנד האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבען... און איז צוריק אַראָבגעפאַלען.

— קלאַראַ, קלאַראַ! קעהר זיך אום צו מיר!

און קלאַראַ'ס קאָפּ האָט זיך שטיל אומגעקעהרט, איהרע געשלאָ־סענע ברעמען האָבען זיך פאַנאַנדערגעעפענט און די דונקעלע שוואַר־צע אַפּלען פון איהרע אויגען האָבען זיך איינגעגעסען אין אַראַטאָוו'ן.

ער האָט זיך אַביסעל אַ ציה געטהאָן צוריק — און האָט אַרויס־געלאָזען אַ צוציגענעם, ציטערינדען: — אַה!

קלאַראַ האָט דורכדרינגענד אויף איהם געקוקט... נאָר איהרע אויגען, איהרע געזיכטסציגע האָבען איינגעהאַלטען דעם פריהערדיגען פערטראַכט - ערנסטען, כמעט אונצופריעדענעם אויסדרוק. מיט דעם זעלביגען אוסדרוק איז זי אַרויף אויף דער ביהנע אין דעם טאָג פון ליטעראַרישען קאָנצערט, בעפאָר זי האָט דערזעהן אַראַטאָוו'ן. און גראַדע אַזוי, ווי יענעם מאָל, איז זי פּלוצים רויט געוואָרען, דאָס גע־זיכט האָט אויפגעלעבט, איהר בליק האָט אויפגעפלאַמט — און אַ גליקליכער, טריאומפירענדער שמייכעל, האָט געעפענט איהרע ליפּען...

— דו האָסט מיר מוחל געווען! — האָט אַ געשריי געטהאָן אַראַטאָוו — דו האָסט מיך בעזיעגט... טאָ נעהם זשע מיך! איך בין דאָך דיינער — און דו מיינע!

ער האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן צו איהר, ער האָט געוואָלט אַ קוש

טהאָן יענע שמייכלענדע, טריאומפירענדע ליפּען... און ער האט זיי א קוש געטהאָן, ער האט דערפיהלט זייער הייסע בעריהרונג, ער האט זאָגאר דערפיהלט דאס פייכטע קאַלטקייט פון איהרע ציין — און א געשריי פון ענטציקונג, פון התפּעלות האט פערקלונגען דעם האַלב פינסטערען צימער.

ווען פלאַטאָנידאַ איוואַנאָוונאַ איז אריינגעלאָפען צו איהם אין צימער, האט זי איהם געפונען אין אָהנמאַכט. ער איז געשטאַנען אויף די קניע; זיין קאָפּ איז געלעגען אויפ'ן פאטעל, זיינע הענד, אויסגע־שטרעקט אין פאָראויס, זיינען אָהנמעכטיג אראָבגעהאַנגען; זיין בלייכער פנים האט געאטהעמט מיט בעגייסטערטען, אונענדליכען גליק.

פלאַטאָנידאַ איוואַנאָוונא איז אנידערגעפאַלען נעבען איהם, האט ארומגענומען זיין טאַליע און גענומען מורמלען: — יאַשאַ! יאַשענ־קאַ! יאַשעניאָנאָטשעק!! — האט זיך געפרובט אויפהויבען איהם מיט איהרע ביינערדיגע הענד... ער האט זיך ניט געריהרט. דאַן האט פלאַטאָנידאַ איוואַנאָוונאַ גענומען שרייען ניט מיט איהר קול. עס איז אריינגעלאָפען די דיענסט. זאַלבענאַנד האבען זיי איהם אויפ־געהויבען, אנידערגעזעצט, גענומען שפּריצען אויף איהם מיט וואסער — און ניט מיט געוועהנליכע, נאָר הייליגע וואסער...

ער איז געקומען צו זיך. אויף דער מוהמעס פראַגען האט ער נאָר געשמייכעלט — און מיט אזאַ צופריעדען געזיכט, אז זי האט זיך נאָך מעהר דערשראָקען — און האט נאָכאַנאַנד גע'צלם'ט דאָ איהם און דאָ זיך... אראַטאָוו האט ענדליך אוועקגעשטופּט איהר האַנד פון זיך און מיט דעם זעלבען פייערליכען און גליקליכען אויסדרוק אויפ'ן פנים, האט ער ארויסגערעדט: — אבער, פלאַטאָשאַ, וואס איז מיט איך?

— וואס איז מיט דיר, יאַשענקאַ?

— מיט מיר? איך בין גליקליך... גליקליך, פלאַטאָשאַ... אָט וואס עס איז מיט מיר. און איצט וויל איך זיך לעגען און שלאָפען. — ער האט זיך געוואָלט אויפהויבען — נאָר ער האט דערפיהלט אזאַ שוואַכקייט אין די פיס, און אין דעם גאַנצען קערפּער, אז אָהן דער דער הילף פון דער מוהמען און דער דיענסט איז ער ניט אימשטאַנד געוועז זיך אויסצוטהאָן — און לעגען אין בעט. דערפאר איז ער שנעל

איינגעשלאָפען מיט דעם זעלבען פֿייערליך־גליקליכען אויסדרוק. נאָר דער פּנים זיינער איז געווען זעהר בלייך.

XVIII.

ווען פּלאַטאָנידא איוואַנאָוונא איז אויף מאָרגען אין דער פריה אריינגעקומען צו איהם, האט ער זיך נאָך אַלץ געפונען אין דעם זעלבען צושטאַנד... נאָר די שוואכקייט איז ניט אריבער און ער האט זאָגאר פאַרגעצויגען צו בלייבען אין בעט. די בלייכקייט פון זיין פּנים איז בעזונדערס ניט געפעלען געוואָרען פּלאַטאָנידא איוואַנאָוונא'ן.

— וואס איז דאס, גאָטוניו! — האט זי געטראכט — קיין בלוטסטראָפּען איז אויף זיין פּנים נישטאָ, פון זופּ ענטזאגט ער זיך, ליעגט און שמייכעלט — און פערזיכערט אַלץ, אז ער איז גאַנץ און געזונד! — ער האט זיך פון פריהשטיק אויך אָבגעזאָגט.

— וואס איז, יאשאַ? — האט זי איהם געפרעגט — דו דענקסט טאקע דעם גאַנצען טאָג אַט אזוי צו ליעגען?

— און פאר וואס ניט? — האט פריינדליך געענטפערט אראַטאָוו.

די דאָזיגע פריינדליכקייט זיינע איז ווידער אמאָל ניט געפעלען פּלאַטאָנידא איוואַנאָוונא'ן. אראַטאָוו האט געהאט דעם אויסזעהן פון א מענשען, וועלכער איז דערגאַנגען א גרויסע, ערהאבענע, זעהר אנגענעהמע געהיימניס — און ער האלט עס און היט עס פאר זיך מיט גרויס אייפער. ער האט ערווארט די נאכט, ניט אזוי מיט אונגעדולד, ווי מיט נייגירדע. — וואס וועט ווייטער זיין? — האט ער זיך געפרעגט — וואס וועט זיין? ער האט זיך שוין מעהר ניט געוואונדערט, ניט געווען איבערראשט: ער האט ניט געצווייפעלט אין דעם, אז ער איז אריין אין א פערבינדונג מיט קלארא'ן; אז זיי האבען איינער דעם אנדערן ליעב... אויך אין דעם האט ער ניט געצווייפעלט. אבער... וואס קען ארויסקומען פון אזא ליעבע? — ער האט זיך דערמאָנט אָן יענעם קוש... און א זעלטענער פרעסטעל איז זים

דורכגעלאָפען איבער אלע זיינע גליעדער. — אזוי האבען זיך אפילו ראָמעאָ און דזשוליעטא ניט געקושט!... — האט ער געטראַכט. — אבער דעם צווייטען מאָל וועל איך שוין מעהר אויסהאַלטען... איך וועל זי בעזיצען... זי וועט קומען צו מיר אין א קראַנץ פון רויטע ראָזען אויף איהרע שווארצע לאָקען...

— וואס וועט אבער זיין ווייטער? אזוי לעבען צוזאמען, קענען מיר דאָך ניט? הייסט עס, אז מיר וועט אויסקומען צו שטארבען, אום צו זיין מיט איהר צוזאמען? צו ניט צוליעב דעם איז זי געקומען — און צו ניט אויף אזא אופן וויל זי דאס מיך נעהמען?

— נו, וואס מאכט עס אויס? שטארבען — איז שטארבען. דער טויט שרעקט מיך איצט ניט א האָאר. פערניכטען קען ער מיך דאָך ניט? אדרבה, נור אזוי און נור דאָרטען וועל איך זיין גליקליך... ווי איך בין נאָך ניט געוועזען גליקליך ביים לעבען.... און ווי זי איז נאָך ניט געוועזען... מיר זיינען דאָך ביידע... אונשולדיגע, אונבע־ריהרטע!... אָה, דיעזער קוש!

פּלאַטאָנידא איוואנאָוונא איז אלע ווייל'ע אריינגעקומען צו אראַ־טאָוו'ן אין צימער; זי האט איהם אבער ניט בעאונרוהיגט מיט פראַ־גען — האט נאָר געקוקט אויף איהם, עפּעס געשעפּטשעט, געזיפצעט און ווידער אוועקגעגאנגען. — נור אָט, האט ער זיך ענטזאגט אויך פון מיטאָג... דאס האט שוין גאָרניט געטויגט. די אַלטיטשקע איז אוועק צו איהר בעקאנטען בעצירקס רופא, אין וועלכען זי האט גע־גלויבט בלויז דערפאר, ווייל ער איז געוועזען א מענש, וואס שכור'ט ניט און האט געהייראט מיט א דייטשקע. אראַטאָוו האט זיך פערוואונ־דערט, ווען זי האט צו איהם געבראכט דעם רופא; נאָר פּלאַטאָנידא איוואנאָוונא האט אזוי שטארק געבעטען איהר יאשענקען צו ערלוי־בען פּאראמאָן פּאראמאָניטש'ן (אזוי האט מען גערופען דעם רופא) אונטערזוכען איהם — נו כאָטש צוליעב איהר! — אז אראַטאָוו האט איינגעשטימט.

פּאראמאָן פּאראמאָניטש האט א טאַפּ געטהאָן זיין פּולס, א קוק געטהאָן אויפ'ן צונג — וואס עס איז געפרעגט — און האט ענדליך ערקלערט, אז מען מוז איהם גוט אונטערזוכען. אראַטאָוו איז געוועזען אזוי גוט אויפגעלעגט, אז ער האט אויף דעם אויך איינגעוויליגט.

דער רופא האט זעהר העפליך איהם לויז געמאכט זיין ברוסט, פאַר־מעלאַך א קלאַפּ געטהאָן אויף איהר, אויסגעהערט, א ברום געטהאָן— און האט פערשריעבען טראָפּענס און נאָך עפּעס א געשמירעכץ — און די הויפּטזאַך: האט געראַטהען איהם צו זיין רוהיג און אָפּהאַלטען זיך פון שטאַרקע איינדריקע. — „אזוי גאַר! — האט א טראַכט געטהאָן אראַטאָוו — נו, ברודערקע, אביסעל צו שפּעט האָסטו זיך געכאַפּט!"

— וואס איז מיט יאשאַ׳ן? — האט געפרעגט פּלאַטאָנידא אי־וואנאָוונא, דערלאַנגענדיג פּאַראַמאָן פּאַראַמאָניטש׳ן שוין ביים שוועל א דריי־רובעלדיגע. דער רופא, אזוי ווי אלע היינטיגע דאָקטוירים, בעזאָנדערס די, וואס טראָגען מעשענע קנעפּ, האט ליעב געהאַט צו בענוצען זיך מיט וויסענשאַפטליכע פראַזען, און האט איהר ערקלערט, אז ביי איהר פּלימעניק זיינען אלע דיאָפּטרישע סימפּטאָמען פון נער־ווענזער קאַרדיאַלגיע און ער האט פעברים.

— הער אויס, טאַטעלע מיינער, דו רייד אביסעל פּראָסטער — האט איהם אָבגעהאַקט פּלאַטאָנידא איוואַנאָוונא — מיט דיין לאַטיין זאָלסטו ניט שרעקען, דו שטעהסט ניט אין קיין אַפּטהייק!

—דאס האַרץ איז ביי איהם ניט אין אָרדנונג — האט איהר געגעבען צו פערשטעהן דער רופא — נו און פיבער אביסעל האט ער אויך... און ער האט ווידערהאָלט זיין ראַטה וועגען רוה און צוריק־האַלטונג פון אויפרעגונג.

— אבער קיין געפאהר איז דאָך ניטאָ? — האט פּלאַטאָנידא איוואַנאָוונא געפרעגט מיט אזא טאָן, וואס האט דייטליך גערעדט: זעה, פערקריך נור ניט מיר ווידער אין דיין לאַטיין!

— דערווייל זעהט מען ניט.

דער רופא איז אוועק — און פּלאַטאָנידא איוואַנאָוונא האט זיך פער׳דאגה׳ט. דאָך האט זי געשיקט אין אַפּטהייק נאָך דעם רעצעפּט, וועלכען אראַטאָוו האט ניט גענומען, ניט קוקענדיג אויף אלע איהרע בקשות. ער האט זיך אויך ענטזאָגט פון׳ם ברוסט־טהעע.

— און פאַרוואס זייט איהר אזוי אונרוהיג, טהייערינק מיינע? — האט ער איהר געפרעגט — איך פערזיכער אייך, איך בין איצט דער געזינדסטער און גליקליכסטער מענש אויף דער גאַנצער וועלט!

פלאטאָנידאַ איוואַנאָוונאַ האָט נור געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. צו דער נאַכט האָט ער בעקומען אַביסעל היץ; פון דעסטוועגען איז ער געבליע־בען ביי דאָס זייניגע, אַז זי זאָל ניט בלייבען ביי איהם אין צימער און זאָל געהן צו זיך שלאָפען. פלאטאָנידאַ איוואַנאָוונאַ האָט געפאָלגט — אָבער זי האָט זיך ניט אויסגעטהאָן און ניט געלעגט; האָט זיך גע־זעצט אין פאטעל — און זיך אַלץ צוגעהערט און גאָט געבעטען.

זי האָט שוין געהאַט גענומען איינדרימלען, ווען אַ שרעקליכער דורכדרינגענדער געשריי האָט זי פּלוצים אויפגעוועקט. זי איז אויפגע־שפּרונגען, האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן אין קאַבינעט צו אַראַטאָוו'ן — און, אַזוי ווי נעכטען, האָט זי איהם געפונען אויף דער פּאָדלאָגע.

נור ער איז שוין ניט געקומען צו זיך אַזוי ווי נעכטען, וויפיעל מען האָט זיך איבער איהם ניט געמאַטערט. אין דער זעלבער נאַכט האָט ער געקראָגען אַ היץ־קרענק, וועלכע האָט זיך באַלד ענטוויקעלט אין אַ האַרץ־ענטצינדונג.

אין עטליכע טעג אַרום איז ער געשטאָרבען.

מערקווירדיג זיינען געווען די אומשטענדען, ביי וועלכע ער איז דאָס צווייטע מאָל אין אונמאַכט געפאַלען. ווען מען האָט איהם אויפ־געהויבען און אוועקגעלייגט, האָט זיך אין זיין צוזאַמענגעדריקטער רעכטער האַנד געפונען אַ לאָקען שוואַרצע פרויען־האָאָר. פון וואַנען האָבען זיך גענומען די דאָזיגע האָאָר? ביי אַננאַ סעמיאָנאָוונאַ'ן איז געווען אַזאַ לאָקען, וואָס איז פערבליעבען פון קלאַראַ'ן; אָבער ווי קומט זי אַוועקצוגעבען אַראַטאָוו'ן אַ זאַך, וועלכע איז ביי איהר געווען אַזוי טהייער? סיידען זי האָט דאָס ווי עס איז פערלעגט אין טאָגע־בוך — און ניט בעמערקט, אַז זי האָט עס אוועקגעגעבען?

ריידענדיג פון היץ פאַר'ן טויט, האָט אַראַטאָוו זיך אָנגערופען ראָמעאָ... נאָך דעם פערגיפטען זיך. ער האָט גערעדט וועגען אַ בע־שטימטע, אָבגעשפּיעלטער חתונה... וועגען דעם, אַז איצט ווייסט ער, וואָס עס איז אַזוינס אמת'עס גליק. בעזונדערס שרעקליך איז פאַר פּלאַטאָשאַ'ן געווען די מינוט, ווען אַראַטאָוו, קומענדיג אַביסעל צו זיך און זעהענדיג זי לעבען זיין בעט, האָט איהר געפרעגט:
„מוהמע, וואָס וויינסטו? — דערפאַר וואָס איך דאַרף שטאַרבען? ווייסטו דען ניט, אַז די ליעבע איז שטאַרקער פון דעם טויט?... טויט! טויט, וואו איז דיין בים?... ניט וויינען — נור פרעהען האָט מען זיך געדאַרפט — אָט אַזוי, ווי איך פרעה זיך..."

און אויפ'ן פּנים פון דעם גוסס האָט ווידער גענומען לייכטען יענער בעגייסטערט־גליקליכער שמייכעל, פון וועלכען דער אָרעמער אַלטעטשקער איז געוואָרען אַזוי מורא'דיג.